STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06056

FUN A MEYDLS TOG-BUKH

Pessie Bach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעסי באַך

פון אַ מיידל'ס טאָג-בוך

און אַנדערע דערציילונגען

WITHDRAWN

אַרויסגעגעבן פון
ריטשמאָנד היל ברענטש 184, א. אַ. אָ.
און ראובן ברײנין איקאָר ברענטש
ניו יאָרק, נ. י. — 1941

Yd
921
12

Copyright, 1941
By
PESSIE BACH
112-02 Liberty Avenue
Richmond Hill, N. Y.

SILAS BRONSON LIBRARY
WATERBURY CT

אסטאריא פרעס, 61 איסט 4טע סטריט, ניו יארק 490

אַ דאַנק אויסדרוק

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין האַרציגן דאַנק, קודם־כל, צו י. ב. ביילין און י. א. ראַנטש פאַר זייער דערמוטיגן און העלפן מיר מיט דעם בוך. אַ דאַנק מיין ערשטן לערער און עצה־געבער הערש פינקעלשטיין, פון קליוולאַנד, וועלכער האָט מיך דערמוטיגט און געלערנט מאַכן מיינע ערשטע טריט אויפן ליטעראַטור־געביט. און אַ דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון מיין ברענטש 184, אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן און ראובן ברייניַן איקאַר ברענטש פון דזשאַמייקאַ, נ. י., וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן דעם בוך.

מיין האַרציגן דאַנק צו פישל און שיינדל אַלשעקער, גאָסי און יעקב האַלמסטאַק, קאַטיאַ און טש. פּאַליי, בעסי און יעקב סטײַנבערג, מאַלי און קתריאל אווערבאַך, סיליע און ראובן אַלפער, סיידי און לואי טאַפּקין, ס. ליפּשיץ, א. גוועגטער, קעסטענבאום, מ. ריסקינד, סאַלקין, דזשעני פּאָוזנער, ראָזענבערג און אַלע וועלכע האָבן אונטער די איצטיגע שווערע באַדינגונגען אָוועקגעגעבן פּיל מי און אָנשטרענגונג, אַרבעט און געלט, אַרויסצוגעבן דעם בוך.

פּ ע ס י ב אַ ך

אינהאַלט

זייט

פון אַ מײדל׳ס טאָג־ביכל 5
סאַנדראַ 24
אַ חשד 63
אַן עדות 79
דער טויט פון טשאַרלי מור 90
הילדא 98
אַ דעיט 129
פאַרצווייפלונג 137
דזשאַן 144
העלען אויף דער ראַדיאָ 154
אַ שידוך 165
שאָטנס אויף ווייסע בעטן 176
אַ באַגעגעניש 185

פון אַ מיידל׳ס טאָג־ביכל

מאָנטאַג, סעפּטעמבער 28טן.

היינט רעגנט, בלייב איך זיצן אינדערהיים, ד. ה. אין מיין צימערל אויף דער 13טער גאַס. כ׳זיץ אויף מיין בעטל אָנגעטאָן אין מיין מאַנטל, ווייל ס׳איז מיר זייער קאַלט.

אין מיין צימערל איז פינצטער ווי אין אַ קעלער. פון נעץ האָבן זיך געלע פלעקן צעשפּרייט אויף די גרינע אָבאָיעס. די שויבן זיינען פאַרצויגן מיט אַ פייכטקייט. טראָפּנס רעגן טריפן איבער זיי, ווי מוטנע טרערן.

פאַר קעלטן און ווינטן האָב איך אַזוי ניט קיין מורא, ווי פאַר דעם רעגן. מיינע זוילן פון די שיך זיינען צעריסן. איז ווען ס׳רעגנט ניט, פּוץ איך זיי אָפּ, גיי מיט קליינע טריטעלעך ס׳זאָל זיך ניט זען די צעריסנקייט און קיינער קאָן מיך גאָרניט חושד זיין, אַז כ׳טרעט כמעט אויף הוילע זאָקן. אָבער אַז ס׳רעגנט, נעצן זיך דורך מיינע פיס, די פינגער ווערן געשוואָלן און טוען אַזוי וויי, אַז כ׳ליג נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט און וויין.

נעכטן, זונטאָג, האָט אויך גערעגנט, נאָר איך האָב געהאַט אַ גוטן טאָג. מיין באַלעבאָסטע, ביי וועמען כ׳וואוין, מרס. סטאַר, האָט זיך איינגערעדט, אַז אירע קינדער וועלן קומען צוגאַסט, האָט זי אָפּגעקאָכט געשמאַקע עסנס, פאַרשפּרייט אַ טישטוך אויפן קיך־טיש און אָפּגעוואַרט אויף זיי ביז פאַרנאַכט. אַז ס׳איז שוין גע־וואָרן שפּעט, האָט זי מיך איינגעלאַדן צום טיש.

זינט כ׳וואוין ביי איר האָב איך בלויז איין טאָכטער געזען. געקומען איינמאָל אַ שבת־ביינאַג מיטן מאַן און צוויי קינדער, אָט פּונקט ווי מען פאַרפאַרט אין אַ האָטעל, זיך צעלייגט מיט די פּעקלעך, מיט די קינדער, אָנגעמאַכט אַ סך טומל, זיך גוט אָנגע־געסן און צוריק אָוועקגעפאָרן. זינט דאַן האָב איך מער קיינעם פון אירע קינדער ניט געזען, מיין באַלעבאָסטע וואַרט אָבער אויף

זיי יעדן שבת און זונטאָג. דערוויל האָב איך זיך געכטן אַזוי אָנגעגעסן, אַז כ׳האָב היינט אויך געדאַרפט זיין זאַט, נאָר כ׳בין אַזוי הונגעריג, אַזש די הענט ציטערן מיר. כ׳האָב שוין אויפגעגעסן אַלע ברעקלעך פון דעם פּאַפּיר־בייטל וואו כ׳האַלט מיין ברויט.

דער רעגן הערט ניט אויף, קלאַפּט אין פענצטער ווי מיט פאַרגליווערטע פינגער. ס׳איז מיר שווער איינצוזיצן אין מיין צימערל. כ׳וואָלט אַריין צו מיין שכן, צו דעם אַלטן מר. בלום, מיין באַלעבאָסטעס צווייטער קוואַרטיראַנט, איז ער מסתמא ניטאָ, וויל ס׳איז אין זיין צימערל זייער שטיל. אַריינגיין צו דער באַלע־באָסטע אין קיך קאָן איך ניט. זי קאָן נאָך מיינען, אַז כ׳בין גע־קומען נאָך עפּעס עסן. דאָס אַלץ וואָס מיר פעלט, אַז זי זאָל מיינען, אַז כ׳גיי שוין ניט זוכן קיין אַרבעט, וויל זי גיט מיר עסן. כ׳בין צופרידן וואָס זי שוויגט נאָך וועגן דעם לעצטן חודש „רענט" וואָס כ׳בין איר שולדיג.

מאָנטאג, דעם 5טן אָקטאָבער.

כ׳בין היינט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען זוכן אַרבעט. מיינע פיס טוען מיר זייער וויי. מיר דאַכט זיך, אַז די שיך ווערן ענג. כ׳ווייס אַליין ניט צי מיינע פיס וואַקסן, אָדער זיי ווערן געשוואָלן פון אַרומקריכן איבער ניו יאָרקער גאַסן און פון גיין אויף אַזויפיל טרעפּ. מיין באַלעבאָסטע, מרס. סטאַר, האָט מיך באַגעגנט אין טיר, מיר פאַרשנדיג אין פּנים אַריינגעקוקט. כ׳האָב איר אַמאָל געזאָגט, אַז זי זאָל האָבן אַ סימן, אַז כ׳וועל קומען און צו איר לאַכן, זאָל זי וויסן, אַז כ׳האָב געקראָגן אַרבעט. דערפאַר האָב איך איצט אויסגעמידן צו קוקן אויף איר. מרס. סטאַר האָט אַ שטילן זיפץ געטאָן. זי מוז איצט טראַכטן, אַז באַלד וועט אַוועק דער חודש אויך און איך וועל נאָך אַלץ קיין געלט ניט האָבן.

פון יענער זייט וואַנט, הער איך מיין שכן אַרומגיין. מיין באַלעבאָסטע האָט מיר דערציילט, אַז דער אַלטער שטייט גאַנצע טעג ביי דער 14טער גאַס סאָבוויי און פאַרקויפט געזאַלצענע בייגל. ער דאַרף עס אָבער ניט טאָן, וויל ער האָט רייכע זין. קיינער פון זיי וויל אים אָבער ניט האַלטן, האָבן זיי אים געדונגען

דאָ אַ צימער, אים אַריינגעשטעלט אַ מויל ציין און שיקן אים יעדע וואָך געלט. מיין באַלעבאָסטע דענקט, אַז ער האָט אַ סך געלט, קלייבט קניפּלעך, געטרויט ניט אַפילו אַ באַנק.

כ׳טראַכט אַ סך וועגן זיין געלט, וואו קאָן ער עס האַלטן? אודאי פאַרשלאָסן ערגעץ. מרס. סטאַר זאָגט, אַז ער קלייבט אין אַ קעסטל. כ׳וואָלט זייער געוואָלט אָנקוקן אַזאַ קעסטל, וואו מ׳באַהאַלט געלט.

זונטאָג, דעם 11טן אָקטאָבער.

כ׳בין לעצטן פרייטאָג געווען ביי דעם אַלטן אין צימער, און געזען דאָס קעסטל. ס׳איז געווען פאַרנאַכט. כ׳בין געגאַנגען דורכן קאָרידאָר פאַרביי זיין טיר און געהערט אַ שטיל קרעכצן, ווי מ׳אָטעמט שווער. כ׳האָב זיך דערשראָקן, געמיינט דער אַלטער שטאַרבט. האָב איך פּאַוואָלינקע אָן עפן געטאָן די טיר און געזען ווי ער מאַטערט זיך אַרויפצוציען אַ ציך אויף זיין אָפּגעקראָכענעם, אויסגעלעגענעם מאַטראַצל.

זיינע ראַזעווע, פּוכקע באַקן זיינען רחמנות׳דיג אַראָפּגעהאַנגען, זיינע פאַרוואָסערטע אויגן האָבן פאַרשעמט געפינטלט, ווען כ׳האָב צו־גענומען פון אים דעם ציך און עס פלינק אַרויפגעצויגן. אָפּ־רוקנדיג דאָס בעט פון וואַנט האָב איך דערזען דאָס קליינע קעסטל, אַ טונקל גרינס, אַרומגעקלאַפּט מיט אייזנס, פאַרשלאָסן מיט אַ שלאָס.

כ׳האָב שטילערהייט פּרובירט עס אַ שטופּ טאָן מיטן פוס, האָט עס דער אַלטער באַמערקט. זיינע אויגן זיינען געוואָרן בייז, שפּיציג. ער האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט אָפּטרייבן פונ׳ם קעסטל:

— גיי, גיי, — האָט ער געזאָגט, — כ׳וועל שוין אַליין ענדיגן.

אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס בעט איז געווען צוריק צוגערוקט צום וואַנט, דאָס קעסטל פאַרשטעלט, האָט ער צוריק גענומען שמייכלען, און ווי וועלנדיג אָפּווישן דעם איינדרוק פון דעם קעסטל, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן קאַמאָד אַ שטייגל מיט צוויי מייזעלעך:

— ערשט היינט אינדערפרי געכאַפּט זיי, — האָט ער אָנגעוואָלן, — זעסט, טעכטערל, ערשט היינט געכאַפּט זיי. . . .

כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג געטראַכט וועגן אָט דער פּאַסירונג. כ׳בין זיכער, אַז דאָרט, טאַקע אין דעם קעסטל, האַלט ער זיין געלט. מסתמא אַ סך געלט אויך. אַנישט וואָלט ער זיך אַזוי ניט געוועןדערשראָקן. כ׳האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און בין דעם זעלביקן אָוונט אַריין צו מרס. סטאַר אין קיך, געוואָלט אַרויספירן אויף אַ שמועס וועגן קעסטל, ווייל ער איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן און ניט געלאָזן רוען. האָב איך איר פריער דערציילט וועגן די מייזעלעך. מרס. סטאַר האָט אַ שפיי געטאָן:

— טפו, אַזאַ אַלטער באָק! ניט אומזיסט ווילן די קינדער אים ניט האַלטן. . . .

כ׳האָב פאַרזיכטיג געפרעגט:

— איר האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ סך געלט און געטרויט ניט אַ באַנק. טאָ וואו האַלט ער זיין געלט? וואָס טוט ער מיט דעם?

מיין באַלעבאָסטע איז געוועזן בייז, פּונקט ווי דער אַלטער וואָלט איר שלעכטס געטאָן:

— פאַרוואָס זאָל ער ניט האָבן קיין געלט? אַז אַ מענטש איז אַזוי קאַרג? קינדער ווילן ניט האַלטן? טרעפט אַזוינע זאַכן . . . טאָ לעב אַליין ווי אַ מענטש! פאַרגינט זיך אפילו ניט אַ גוט שטיקל פלייש, דער חזיר. כ׳וואָלט אַ בעלן געוועזן וויסן פאַר וועמען ער פּילט דאָס אָן דעם קעסטל.

כ׳האָב זיך זייער דערפרייט:

— כ׳האָב טאַקע געזען דאָס קעסטל אונטער זיין בעט . . . קוקט אויס שווער! מיט אַ גרויסן שלאָס! כ׳האָב עס אַליין געזען!

מיין באַלעבאָסטע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ חשד. איר איז אַפּנים ניט געפעלן וואָס כ׳פריי זיך אַזוי מיטן קעסטל.

— אַ דאגה האָסטו וואָס ער האָט דאָרט, און אַז געלט, וואָס קומט דיר אַרויס? ס׳איז ניט דיינס! . . .

דינסטאָג, דעם 27טן אָקטאָבער.

מיין באַלעבאָסטע, מרס. סטאַר, איז היינט אָוונט אַריין צו מיר

אין צימערל, זיך געזעצט אויפן ברעג פון מיין בעט. איר פּנים איז געווען זייער פאַרזאָרגט, דער שטערן צונויפגעקנייטשט, ווי ביי אַ נייגעבוירן קינד.

— קריגסט טאָקע ניט קיין אַרבעט, האַ?

— אוי וויי, שווער צו קריגן אַרבעט!

— טאָקע מסתמא ניטאָ . . . וואָדען, ס׳איז דאָ און מ׳האַלט עס פאַר זיך? — זי האָט אַ זיפץ געטאָן, — איז טאָקע שלעכט. מיינס, איך בין רייך? אָט איז שוין באַלד ווייטער דער ערשטער, וואָס וועט זיין?

כ׳ווייס אָן איר, אַז אָט, אָט, איז דער ערשטער, אַז כ׳וועל ניט האָבן צו באַצאָלן 7 דאָלאַר, כאָטש פאַר איין חודש וועל איך אָט דאָס צימערל אויך ניט האָבן. אָבער ס׳איז נאָך פאָרט ניט דער ערשטער! האָב איך דערווייל אַ שמייכל געטאָן. נאָר ווייזט אויס, אַז מרס. סטאַר וויל ניט פאַרלירן קיין באָרדער, זי האָט פאַר־טראַכט געזאָגט:

— ס׳איז, נעבעך, אַ רחמנות אויך דיר. ביסט נאָך אַזוי יונג. ווייסט וואָס? מר. בלום׳ס זין האָבן שעפּער, רייד זיך דורך מיט אים, זאָל ער מיט דיר צוגיין צו זיי.

כ׳האָב זיך זייער דערפרייט. איר געדאַנקט און צוגעזאָגט מיט אים צו רעדן. כ׳וועל דאַרפן אַריין צו אים, כאָטש כ׳האָב זייער פיינט זיין צימערל. ס׳איז ביי אים אַזוי שמוציג, שמעקט מיט זויערקייט, שימל און כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, זיין בעט איז קיינמאָל ניט פאַרבעט, אויפן פאַרזשאַווען אויוועלע שטייען שטענ־דיג שמוציגע טעפּלעך, די מייזלעך אונטערן קאַמאָד גריבלען זיך, סוויסטשען, קלאַפּן מיט די עקלעך און ער אַליין שמייכלט עפּעס אַזוי גליטשיק־מיאוס, אַז כ׳קאָן אויף אים ניט קוקן. אָבער אונטערן בעט שטייט דאָס קעסטל . . . כ׳וועל אַריין צו אים, מיט אים רעדן וועגן זיינע זין. . . .

די ערשטע צייט, אַז כ׳האָב זיך אַריבערגעקליבן אַהער, האָב איך אויף דעם אַלטן רחמנות געהאַט. ער פלעגט אַזוי עלנט זיך אונטערזינגען אַליין אין זיין צימערל. שטענדיג אַליין! זיינע קינדער האָב איך געשאָלטן. ווי לאָזט מען עס איבער אַ טאַטן אַליין? אָבער זינט כ׳האָב זיך דערוואוסט וועגן קעסטל, האָב איך

אים פיינט געקראָגן. עפּעס האָט אַ שנאה געגריזשעט מיר אין האַרצן; ס׳ליגט געלט ביי אים אין קעסטל און ער גייט זיך אַרום גלייכגילטיג! כ׳וועל גאָר ניט לייקענען, אַז כ׳וואָלט געוואָלט ער זאָל גוט קראַנק ווערן, זיך ניט קאָנען רירן פון אָרט, וואָלט איך זיך צוגעכאַפּט צו זיין קעסטל.

ביינאַכט ליג איך אויף און הער זיך צו ווי ער קרעכצט, דרייט זיך שווער אַרום אין זיין שמאָל בעטל. כ׳האַלט איין דעם אָטעם. אפשר איצט? אָבער באַגינען וועקט ער מיך אויף מיט זיין שאַרן מיט די פיס און קלאַפּן מיטן טיר. נאָכדעם הער איך ווי ער גייט אַראָפּ די טרעפּ מיט שטאַרקע טריט.

פרייטאָג, דעם 30טן אָקטאָבער.

קיין פריינט האָב איך ניט, אַ חוץ איינעם אַ בחור, וואָס הייסט זלמן. כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט אים אין גאַס לעבן אויטאָמאַט רעסטאָראַן. ער האָט מסתמא דערקאַנט אין מיין פּנים, אַז כ׳בין הונגעריג, אַז כ׳זוך מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר אָט אַזוי פּשוט, אָן צערעמאָניעס און גענומען רעדן. שפּעטער האָבן מיר ביידע שוין געטרונקען קאַווע מיט בולקעלעך און אַרומגעשפּאַצירט אויף יוניאָן סקווער. ער וואַרט פאַר מיר יעדן אָוונט מיט מיר צו עסן וועטשערע, נאָר כ׳מייד אים אויס. כ׳קאָן ניט אים לאָזן צאָלן פאַר מיין עסן. אַ חוץ דעם איז מיר זייער אומעטיג מיט אים, ער איז אַ שטילער, אַ פאַר־צאַרנטער. פאַרגינט זיך ניט אַ שמייכל צו טאָן. אַז כ׳גיי מיט אים אין גאַס, דאַכט זיך מיר, אַז מיין פּנים קוקט מיר אויס אָנגע־צויגן, געוואַלטיג ערנסט. אָבער ער קוקט אויף מיר אויך קרי־טיש; ער האָט מיר טאַקע אַ זאָג געטאָן אַמאָל:

— וואָס לאַכט איר אַזויפיל? פון אייערע צרות?

היינט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער אַרבעט ניט. זיין שאַפּ סטרייקט. גייט ער אַרום מיט אַ סטרייק־שילד אויפן האַרצן אַרום זיין שאַפּ. כ׳האָב געזען ווי ער שפּאַנט אַרום הין און צוריק ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטן. מסתמא הונגערט ער אויך. אָבער ער האָט זיין שאַפּ, לאָז זיין אויף ניט צו אַרבעטן, אָבער

פּאַרט אַ שאַפּ. און איך גיי אַרום און זוך פּלענער ווי אַריינצוקוקן אין דעם אַלטנ׳ס קעסטל. וואָס וואָלט ער, זלמן, געטראַכט וועגן מיר, ווען ער ווייסט, אַז כ׳האָב נעכטן פאַרנאַכט גע׳גנב׳עט פון מיין באַלעבאָסטעס טעפּל אַ שטיקל פליייש?

כ׳האָב נעכטן אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן. געהאַלטן מיינע לעצטע ניקלס אַרומצופאָרן זוכן אַרבעט. פאַרנאַכט האָב איך שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. כ׳בין אַריין צו מיין באַלעבאָסטע אין קיך. כ׳האָב געמוזט קריגן עפּעס צו עסן.

אין קיך איז געווען ליכטיג, וואַרים. שבת׳דיג צוגעפּוצט, אָבער מרס. סטאַר איז ניט געווען. אַרויס מסתמא שמועסן מיט שכנות. כ׳האָב געוואַרט אויף איר. זי איז ניט געקומען. האָב איך דערווייל אַ הויב געטאָן דאָס דעקל פון אַ טאָפּ אויפן אויוון. דערזען פליייש! פאַרפּרעגלט, שמעקעדיגע פליייש! ס׳האָט מיר אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט. כ׳האָב אַריינגעשטופּט מיין האַנט, אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיקל פליייש, פון ברויט־קערבעלע אַ שטיק ברויט און בין אַנטלאָפן צו זיך אין צימערל. דאָס שטיקל פליייש האָב איך גלייך איינגעשלונגען, אָבער דאָס ברויט האָב איך לאַנג געגריזשעט.

כ׳האָב געהערט ווי מיין באַלעבאָסטע איז אַריין, ווי זי פּאַרעט זיך ביים אויוון און טרייבט די קאַץ פון זיך.

כ׳האָב ניט אַנגעצונדן מיין לעמפּל, געלעגן אינדערפינצטער אויף מיין בעטל, געהערט דעם טומל פון גאַס, געהערט פונדערוויט דאָס קלאַפּן און גרילצן פון די עלעוויטאָרס, דאָס געשריי פון די קינדער און געלעכטער פון יונגוואַרג. כ׳האָב געוואוסט, אַז אויף די גאַסן איז איצט ליכטיג, פריילעך. מענטשן גייען אין די רעס־טאָראַנען און די טעאַטערס זיינען פול. נאָר איך בין געלעגן אין דער פינצטער אויף מיין בעטל און געגריזשעט דאָס גע׳גנב׳עטע שטיקל ברויט.

זונטאָג, דעם 1טן נאָוועמבער.

היינט איז דער ערשטער. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דאַרפן היינט אַוועק אין גאַס, כדי אויסצומיידן מרס. סטאַר. נאָר מיין

באַלעבאָסטע איז אַ טייערע פרוי. זי איז אַוועק נעכטן ביינאַכט צו אַ טאָכטער און איז נאָך ניט צוריקגעקומען. כ'ווייס, אַז זי וועט קומען שפּעט ביינאַכט, אָבער מאָרגן וועט זי אַנקלאַפּן אין טיר און מיר אָנזאָגן די בשורה, אַז ס'איז שוין ווייטער אַריבער דער ערשטער. דאָס מיינט, אַז כ'קום איר שוין פאַר צוויי חדשים דירה־געלט. און טאַקע ווי לאַנג וועט זי מיך האַלטן דאָ אָן געלט? זי וועט שוין אויפהערן צו שמייכלען צו מיר, זי וועט אַ ברוגז'ע קלאַפּן מיט די טירן. דאָס וועט אַזוי אָנהאַלטן נאָך אפשר וואָכן, נאָכדעם וועט זי מיר זאָגן, אַז זי איז אַליין אָרים.

בין איך בייטאָג אַריין צו מר. בלומען, רעדן מיט אים וועגן זיינע זין. כ'שעם זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז כ'האָב געהאָפט צו קריגן ביי אים אַ פּאָר דאָלאַר. כ'ווייס נאָך ניט ווי אַזוי, אָבער איך וועל מוזן קריגן.

מר. בלום איז געווען זייער צופרידן מיט מיין אַריינקומען. זיינע אויגעלעך האָבן פריילעך געגומען אַרומטאַנצן, ווי ביי זיינע מייזעלעך אונטערן קאַמאָד. די באַקן האָבן געגלאַנצט מיט אַ ראָזעווען קאָליר. ער האָט מיר אָנגעבאָטן טיי פון זיין צעקרישעטן טשייניק און אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ פאַרצויגענע, שלעכט־אויסגעוואַשטע גלאָז.

אַזוי שנעל ווי כ'האָב גענומען רעדן מיט אים וועגן זיינע זין, האָט ער אויפגעהערט צו שמייכלען. אַ זיפץ געטאָן:

— מיינע זין? וואָס זע איך דען מיינע זין? ניין, טעכטערל, כ'קאָן ביי זיי ניט בעטן . . . ווייסטו וואָס זיי וועלן מיר ענטפערן? „פּאָפּאַ, מיש זיך ניט אין אונזערע געשעפטן, אַז מיר'ן דאַרפן אַרבעטער, וועלן מיר אַליין קריגן" . . . יאָ. אָט אַזוי וועלן זיי ענטפערן. רעדן אַנטקעגן טאָר איך ניט . . . חלילה, מיינע זין זיינען היציגע, זיי האַלטן מיך אויס. . . .

ס'איז מיר געוואָרן טרוקן אין האַלז. כ'האָב כמעט אַ הייזעריגע געפרעגט:

— זאָל איך אפשר גיין צו זיי אַליין? בלויז זאָגן, אַז איר האָט מיך געשיקט, אַז מיר זיינעם שכנים?

דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן:

— חלילה־וחס! זאָלסט עס ניט טאָן. וואָס הייסט, כ'וועל

דיך שיקן? וואָס פאַר אַ באַלעבאָס בין איך צו שיקן? הערסט?! כ׳וועל דיר אַפילו ניט זאָגן וואו זייערע שעפּער זיינען. ס׳זיינען פאַראַן גענוג אַנדערע שעפּער. גיי אַהין! ניו יאָרק איז גענוג גרויס!...

כ׳בין זיכער, אַז ווען ניט זיין קעסטל אונטערן בעט, וואָלט איך גלייך אַרויסגעלאָפן, כ׳וואָלט אים געזאָגט עפּעס אויך!... נאָר ווי האָב איך געקאָנט אַזוי אַרויס אָן אַ גראָשן געלט, אַז דאָרט אין קעסטל ליגן דאָלאַרס, אַזויפיל דאָלאַרס! מיינע באַקן האָבן מיר נישקשה געברענט ווען כ׳האָב אַ זאָג געטאָן:

— אָבער מר. בלום, איר ווייסט, אַז כ׳האָב אַ גאַנצע וואָך ניט געהאַט וואָס צו עסן, האָב ניט צו באַצאָלן פאַר מיין צימערל, כ׳קום שוין פאַר צוויי חדשים!...

מר. בלום האָט געשמאַטשקעט מיט די ליפּן:

— טאַקע? אַזוי? אַי, אַי, אַי, אַ רחמנות! — ער איז פּלוצ־צלינג אין כעס געוואָרן, — וואָס האָט זי אַזוי מורא, די מרס. סטאַר, פאַר אירע פאַר דאָלאַר? זי האָט גענוג געלט, די אַלטע, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, האָט הייזער אין פלעטבוש. נישקשה, זי קאָן צוואוואַרטן. זעסטו, ווען איך האָב געלט, ליי איך דיר אויס אַ פאַר דאָלאַר. נאָר כ׳האָב ניט. כ׳בין אַ בלוטיגער אָרעמאַן. וואָס פאַרדין איך דען פון מיינע בייגעלעך, מישטיינס געזאָגט?

כ׳האָב ניט ווילנדיג אַ קוק געטאָן צום בעט. אונטן שטייט דאָס קעסטל.

פרייטאָג, דעם 6טן נאָוועמבער.

אַ גאַנצע וואָך רייד איך זיך דורך מיט מיין באַלעבאָסטע דורך צעטעלעך. אַלע אינדערפרי לאָז איך איר איבער אַ צעטעלע, אַז כ׳גיי זוכן אַרבעט, וועל זיכער געפינען און איר אָפּצאָלן פאַר די צוויי חדשים. ווייזט אויס, אַז מרס. סטאַר האָט עס מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. כ׳האָב געפונען אין מיין טיר אַ צעטעלע פון איר, אַז כ׳זאָל אויפהערן מיט די שטיקלעך פּאַפּיר, און אַז זי וויל מיך זען. אַנשטאָט אַריינצוגיין אין קיך, בין איך אַוועק אויפזוכן זלמנ׳ען. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר. אָבי

איך האָב געמיינט, אַז ער קאָן גאָר ניט שמייכלען. אין דעם אויטאָמאַט־רעסטאָראַן האָט ער צעביטן אַ „קוואָדער" אויף ניקלס און געקויפט פאַר מיר עסן. ער האָט זייער פאָרזיכטיג מיר אַ גלעט געטאָן די באַק. מיך באַדויערט וואָס כ'קוק אויס אַזוי שלעכט.

זיצנדיג אַנטקעגן אים אין רעסטאָראַן האָב איך אים אַלץ דערציילט, אַפילו וועגן קעסטל אונטער דעם אַלטנ'ס בעט, ניט ווייל כ'האָב דערוואַרט ער זאָל מיר מיט עפּעס העלפן, נאָר זיין האַנט איז געווען אַזוי וואַרים, אַזוי פריינטלעך, זיין פּנים אַזוי טרויעריג, אַז ס'האָט מיך אַ צי געטאָן אים צו דערציילן.

ער איז געוואָרן זייער דערשלאָגן. געקוקט אויף מיר מיט רחמנות. כ'ווייס, אַז ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. אים איז אויך ניט בעסער. טאָ וואָס קאָן ער מיר העלפן? פאַרן אַוועקגיין האָט ער בלויז גענומען מיין האַנט, און אַ דריק געטאָן:

— ניט געזאָרגט זיך, אויב אַפילו דו וועסט ניט קריגן קיין אַרבעט, וועל איך אָבער אינגיכן נעמען אַרבעטן. אונזער שאַפּ וועט מוזן געווינען! און אַז איך וועל אַרבעטן, וועט זיין גענוג פאַר ביידן. . . .

כ'האָב געלאַכט. אָט אַ נאַרישער בחור! כ'וועל שוין אַליין זען צו קריגן עפּעס. מיך אַרט ניט וואָס כ'וועל טאָן, אַבי פאַרדינען עפּעס, כ'זאָל זיינע לעצטע קוואָדערס ניט דאַרפן נעמען. ס'איז מיר אָבער געווען אַ שאָד אַוועקצוגיין פון אים, אים אויך. כ'האָב עס געפילט. נאָר וואו האָבן מיר געקאָנט זיך אַהינטאָן, ער אַ סטרייקער, אָן אַרבעט, זיכער אָן געלט, און איך מיט אַ קליין ניט־באַצאָלט צימערל?

שבת, דעם 7טן נאָוועמבער.

שבת פאַרנאַכט איז געווען זייער שטיל אין הויז. מרס. סטאָר איז איינגעשלאָפן, און מר. בלום, אַ פאַרפוצטער, אַ שבת'דיגער, איז אַוועק ערגעץ. שבת וועט ער דאָך ניט מיטנעמען דעם שליסל, האָב איך געהערט ווי ער גראַבלט זיך אונטערן שטיקל טעפּעך ביי זיין טיר. געוויס באַהאַלטן דאָרט דאָס שליסל. כ'בין געוואָרן

זייער אומרואיג. ס׳האָט מיר גענומען ציען צוגיין אַ קוק טאָן צי דער שליסל ליגט דאָרט טאַקע. יאָ, באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע. כ׳האָב זיך שוין ניט געקאָנט העלפן. דער שליסל האָט געבריט מיין האַנט אָבער כ׳האָב פּאַוואָלינקע געעפנט די טיר. אַ טוכלעקייט האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. אָט אַן אַלטער, אַפילו שבת ראָמט ער ניט אויף. ס׳איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן אַן אויס־טערלישער געדאַנק. כ׳וועל אויפראַמען זיין צימערל, צעווישן אַלע טעלער און טעפּ, און וועל נאָך דערצו פאַרבעטן זיין בעט. נאָכ־דעם וועל איך אים בעטן ער זאָל מיר באַצאָלן. מר. בלום וועט זיכער מיר עפּעס געבן, וועט זיין היינט אויף וועטשערע.

כ׳האָב זיך אַ נעם געטאָן פליסיג צו דער אַרבעט, אָט פּונקט ווי אימיצער וואָלט מיר געהייסן. ס׳איז געוואָרן אַ מחיה. כ׳האָב שוין געהאַלטן ביי צובעטן זיין בעט. כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף אויסקערן אונטערן בעט אויך, כ׳האָב טאַקע אָפּגערוקט דאָס בעט און דערזען דאָס קעסטל, אַ פאַרשטויבטס איז עס זיך געשטאַנען אַזוי אינמיטן. איך האָב אַ רוק געטאָן מיטן פוס דאָס קעסטל, עפּעס האָט אַ קלונג געטאָן. איך האָב אַ פּרואוו געטאָן דאָס דעקל מיטן פוס, עס האָט זיך אַ הויב געטאָן. איך האָב אַן מיין ווילן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני לעבן קעסטל און עס צעעפנט. דאָס קעסטל איז כמעט געווען אינגאַנצן ליידיג, נאָר אויפן דנאָ אין אַ ווינקל זיינען געלעגן צוויי פּעקלעך. עס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. איך האָב מיט אַ ציטערדיגער האַנט אַ נעם געטאָן דאָס קלענערע פּעקעלע — דאָס מוז עס זיין. עס איז אַזוי שווער! זאָל איך עס עפענען? טאָמער קומט ער אָן...

עס האָט מיר געבריט די פינגער, נאָר דאָס פּעקעלע אָנוועקלייגן האָב איך ניט געקענט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיל און עס שנעל פאַנאַנדערגעוויקלט. אַ פּאַק אַלטע פאַרזשאַווערטע שליסלען האָבן זיך געטאָן אַ צעשאָט איבערן קאָסטן. איך האָב שנעל פאַנאַדערגענומען דאָס צווייטע פּעקעלע. דאָס איז געווען אַזאַ גרויסע, לאַנגע זאַך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס נאַכט־העמד. פריער האָב איך געמיינט, אַז ערגעץ מוז דאָרט פאָרט זיין באַהאַלטן געלט. נאָר אַז ס׳איז שוין געווען אינגאַנצן פאַנאַדער־געוויקלט, און עס זיינען אַרויסגעפאַלן ווייסע קאָמפּער קיילעכלעך,

האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ביי מיר אויפן שויס האַלט איך דעם אַלטן בלומ׳ס פאַנאַנדערגעוויקלטע תכריכים. מיט אַ געפיל פון שרעק האָב איך זיי געטאָן אַ וואָרף צוריק אין קעסטל אַריין און אַ מאַך־צו דעם דעקל.

מיך האָט גענומען שטיקן ספּאַזמעס געלעכטער, נאָר איך בין געווען צו דערשראָקן צו לאַכן. איך האָב שנעל צוריקגעשטעלט דאָס בעט אויפן פּלאַץ און בין אַרויס פון צימער.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אימיצער יאָגט זיך נאָך מיר. איך בין שנעל אַריין צו מיר אין צימער, פאַרקלאַפּט די טיר און גענומען פאַרפּאַקן מיין ביסל אָרעמקייט. וואוהין איך וועל גיין, האָב איך ניט געוואוסט, נאָר דאָ פאַרבלייבן האָב איך מער ניט געקאָנט.

II

מאָנטאג, דעם 10טן נאָוועמבער.

ס׳איז שוין אַ פּאָר וואָכן ווי איך אַרבעט. איז מיר טאַקע איצט אַ סך בעסער ווי פריער: כ׳האָב וואָס צו עסן און כ׳האָב זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער צימער. כ׳וואוין איצט אין איין קאָרידאָר מיט זלמ׳ען. אַ טיר לעבן אַ טיר.

זלמן איז זייער צופרידן, וואָס כ׳וואוין איצט אַזוי נאָענט צו אים. אַלע פאַרנאַכט, ווען ער גייט פון שאַפּ, וואַרט ער מיר אָפּ ביי דעם בילדינג וואו איך אַרבעט און מיר גייען צוזאַמען עסן. כ׳געדענק די ערשטע צייט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט, פלעגט ער אויסקוקן אַזוי מיד, אומעטיג. כ׳פלעג דענקען, אַז ער קאָן גאָרניט רעדן. איצט איז ער פריילעך, זיינע אויגן האָבן גע־קראָגן אַ גלאַנץ. כ׳האָב גאָר פריער ניט באַמערקט, אַז ער איז אַזאַ הויכער, שיינער בחור.

אין אונזער קאָרידאָר וואוינען נאָך אַ סך קוואַטיראַנטן. עט־לעכע פון זיי קען איך שוין, ווייל מיר נוצן אַלע איין וואַשצימער, שטויסן מיר זיך שטענדיג אָן איינער אָן צווייטן ביי דער פאַר־מאַכטער טיר. די ערשטע וועמען איך האָב געזען איז מיין שכנה,

וועלכע וואוינט ביי מיר איבערן וואַנט. אַ מיידל, וועלכע וואוינט איינע אַליין, פונקט ווי איך. אויף איר טיר איז אָנגעקלאַפּט אַ ווייס צעטעלע: „שרה גאָלד". ווען איך קום פון דער אַרבעט טרעף איך זי אַמאָל זיך שלעפנדיג אויף די טרעפּ אַ מידע, אַן איינגעקאָרטשעטע. זונטאָג אינדערפרי האָב איך זי געזען שפּאַצירנדיג איבערן קאָרידאָר. אירע האָר זיינען געווען גלאַט פאַרקעמט מיט אַ ווייסן שרונט אינמיטן. זי האָט מיר אָנגעקוקט מיט פאַרדרוס, נישט פריינטלעך, פונקט ווי איך וואָלט איר געווען אין וועג. זי האָט נאָך צו מיר ניט גערעדט, כאָטש איך שמייכל צו איר. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך געפעל איר נישט. פאַרוואָס, ווייס איך אַליין ניט.

גאָר אין עק קאָרידאָר לעבן וואַשצימער וואוינט אַן אַלטע פרוי. אַ הויכע, ברייט־פּלייציגע. כ׳ווייס, אַז זי איז אַ שדכנ׳טע און לייט אויס געלט צו די קוואַטיראַנטן. מ׳רופט איר מרס. גלייזער. כ׳האָב געזען איר צעקנייטשט פּנים אין דער אָפענער טיר. זי האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן מיט אַ מויל געזונטע ציין. איר ווייסער פאַרטוך האָט געלויכטן אין דעם פינצטערן קאָרידאָר. זי קען דאָ יעדן איינעם, רופט אַלעמען ביי די ערשטע נעמען און בייזערט זיך ווי אַ מאַמע.

זלמן האָט מיך אויך באַקאַנט מיט זיינע פריינט — בחורים און מיידלעך, אַלע שאַפּ־אַרבעטער. אַז זיי קומען זיך צוזאַמען אין זלמנ׳ס צימער רעדט מען וועגן דעם שאַפּ, יוניאָן און וועגן דעם לעצטן סטרייק. מיר איז זייער פריילעך מיט זיי. איידער איך האָב גענומען אַרבעטן האָבן זיי זיך געזאָרגט צי איך האָב וואָס צו עסן, צי מיינע שיך זיינען גאַנץ. פון אָנפאַנג האָב איך נישט געוואָלט ליידן וואָס מ׳זאָרגט זיך וועגן מיר. כ׳האָב ניט געוואָלט זייער רחמנות. איצט קען איך זיי בעסער. מיין איצטיגע שטעלע האָב איך אויך געקראָגן דורך זיי. איינער, אַ יונג בחור׳ל, בערל רופט מען אים, איז געקומען צולויפן אַ ביינאַכט, אַ פאַרסאַפּעטער, אַ פריילעכער און אָנגעזאָגט, אַז זיינע אַ באַקאַנטע מיידל האָט געקראָגן אַרבעט צו שרייבן אַדרעסן און מ׳דאַרף נאָך מיידלעך ביז קריסטמעס.

כ׳בין גלייך אויף מאָרגן געלאָפן אַהין. אַרויפגעקראָכן אויפן

5טן שטאָק פון אַ שמאָל מויערל און געדאַרפט רעדן צו צוויי באַלעבאַטים מיטאַמאָל. צוויי ברידער. דער איינגערער מיט וואָנצעלעך און פלינקע, שמאָלע אויגעלעך, האָט פריינטלעך גע־שמייכלט. דער עלטערער האָט בייזע קנייטשן אַרום מויל און איז געווען זייער שטרענג צו מיר. כ׳האָב אים געדאַרפט פאַרזיכערן, אַז איך שרייב זייער שנעל, רעד גוט ענגליש. זיי האָבן מיך ביידע באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, פונקט ווי איך וואָלט געדאַרפט שרייבן אַדרעסן מיט מיין גאַנצן קערפּער. כ׳האָב זיך געהאַלטן רואיג, אַפילו פּרובירט צו שמייכלען. צום סוף האָט מיר דער איינגערער געהייסן אָנשרייבן מיין נאָמען און אַדרעס. כ׳האָב זיך דערשראָקן: פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז מ׳הייסט איבערלאָזן דעם נאָמען און אַדרעס, איז עס אַ שלעכטער סימן. מיין האַנט האָט געציטערט, געשריבן קרום. כ׳בין שוין געווען זיכער, אַז דער ענטפער וועט זיין: „מ׳וועט לאָזן וויסן.״

דער עלטערער ברודער האָט אַ הוסטל געטאָן און געזאָגט, אַז איך זאָל קומען מאָרגן פרי, מ׳וועט מיר אויספּרובירן. דער איינ־גערער האָט צופרידן געשמייכלט; וואָס האָט געקאָנט מיינען: „זעסט ווי גוט מיר זיינען?״

איך בין געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַזוי גליקלעך, אַז איך האָב אַ צעטומלטע גענומען דאַנקען. מסתמא געדאַנקט שוין אַ ביסל צופיל, ווייל דער עלטערער האָט מיט חוזק קוים, קוים אַ שמייכל געטאָן. אַז איך בין שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי לאַכן דאָרט הינטער מיין רוקן און אַז אָט, אָט וועט מען מיר רופן צוריק. נאָר איך אַרבעט שוין דאָרט אַ פּאָר וואָכן.

שבת, דעם 28טן נאָוועמבער.

איך זיץ גאַנצע טעג ביי אַ לאַנגן טיש, צווישן צען מיידלעך, און שרייב אַדרעסן אויף גרויסע קאָנווערטן. די אַדרעסן שרייב איך אַרויס פון אַ דיקן בוך. אַזוי ווי מיר אַרבעטן שטיק־אַרבעט, פאַרדינען מיר לויט די צאָל אַדרעסן וואָס מיר שרייבן אָן. יאָגן זיך די מיידלעך. מ׳שרייבט שווינדלענדיג שנעל, אָן אַן אָפּשטעל.

די ערשטע פאָר טעג האָב איך זיי פשוט באַוואונדערט ווי פלינק זיי באַוועגן מיט די הענט. איין האַנט נעמט און לייגט קאָנווערטן, מישט איבער בלעטער און די צווייטע האַנט שרייבט, אָן אַן אָפּ־שטעל, אַפילו ניט אויפהויבנדיג די אויגן.

די ערשטע וואָך איז עס מיר געגאַנגען זייער שווער. כ׳האָב ווייניג אויסגעאַרבעט. האָבן די מיידלעך מיר געטרייסט, געגעבן עצות. זיי זיינען מסתמא ערשט פון היי־סקול אַרויס, קומט זיי גאַרנישט אָן שווער דאָס שרייבן שנעל. זיי זינגען און לאַכן אַ גאַנצן טאָג. כ׳האָב זיך אַזש געשעמט פאַר זיי, וואָס מיר טוען ווי די פינגער. נאָר, אַז איך האָב זיך צוגעוואוינט צו דער אַרבעט, געוואָרן היימישער מיט די מיידלעך, האָב איך אָנגעפאַנגען צו באַמערקן ווי מיד און רויט זייערע אויגן ווערן; ווי דאָס פאַרב קריכט אָפּ דורכן טאָג און לאָזט איבער געלע פלעקן און פאַר־טריקנטע ליפּן. ווען כ׳האָב אויף דער צווייטער וואָך גענומען שרייבן שנעלער, אפשר צו־שנעל פאַר זיי, האָבן די מיידלעך מיר פלוצלינג פיינט געקראָגן. מ׳האָט מיט מיר אויפגעהערט צו רעדן און זיך גע׳סוד׳עט, אַז איך בין אַ גרויסער נאַר. ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן מיינע צוויי באַלעבאַטים אויך נישט געוואָלט איך זאָל שרייבן אַזוי שנעל, כאָטש איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס. מ׳האָט מיר געגעבן אַן אַנדער סאָרט בוך מיט קליינטשיגע ווערטערלעך און שווערע נעמען. קאָן איך שוין קיין סך ניט שרייבן. כ׳וועל די קומענדיגע וואָך פאַרדינען אַ סך ווייניגער.

מיטוואָך, דעם 15טן דעצעמבער.

איך בין אין די אוונטן זייער מיד, קוים וואָס איך ריר זיך. ס׳ווילט זיך מיר ניט אַרויס פון מיין צימערל. זלמן איז אַריינגע־קומען פרעגן פאַרוואָס כ׳האָב אויף אים ניט געוואַרט אין רעס־טאָראַן. ער האָט זיך געזעצט אויף מיין בעטל, זיינע גרויע אויגן זיינען אַזש טונקעלער געוואָרן. ער האָט די ליפּן געביסן. ער מיינט, מסתמא, אַז איך האָב אים שוין פיינט, וויל מער מיט אים ניט עסן . . . אָט אַ נאַר! איך האָב נאָר נישט געוואָלט ער זאָל זען ווי מיד איך בין,ווי שווער עס איז מיר אויסצוגלייכן די פינגער.

זלמן האָט שוין אָבער דערזען מיינע הענט, ווי זיי זיינען געלעגן אויף מיין שויס ווי צוויי קראַנקע, געשוואָלענע קינדערלעך. ער האָט זייער פאָרזיכטיג אַ גלעט געטאָן די בלויע, אָנגעצויגענע אָדערלעך פון מיין האַנט און גענומען אָנוואָרעמען וואַסער צו מאַכן הייסע קאָמפּרעסן. ער האָט ניט געקוקט אויף מיר, ווען ער האָט מיך מיט ליבשאַפט גע׳מוסר׳ט:

— ביסט אַ נאַריש מיידל, רבקה. וואָס באַהאַלסטו זיך אויס פון מיר? און וואָס האָסטו זיך צו איילן מיט די אַדרעסן? וואָס שנעלער דו וועסט שרייבן, אַלץ שווערערע אַדרעסן וועט מען דיר געבן.

זלמן איז טאַקע גערעכט. איך ווייס, אַז ער היט מיך אָפּ ווי איך וואָלט געווען זיין איינציג קינד. אָבער ער פאַרגעסט, אַז איך דאַרף האָבן אַזויפיל געלט! כ׳דאַרף צאָלן חובות. איך ווייס, אַז זלמן האָט באַצאָלט צען דאָלאַר פאַר מיין צימערל; מוז איך עס אים גלייך אָפּגעבן. אַ חוץ דעם, פרירט שוין. ס׳וועט שוין אינגיכן שנייען, ווער איך פּשוט אַ פאַרפרוירענע. מיט אַ צוויי וואָכן צוריק האָב איך פּרובירט צוגרייטן מיין לייכטן מאַנטל פאַרן ווינטער; כ׳האָב געקויפט אַ שטיקל ביליגן קאַראַקול, געמאַכט דערפון אַ קאָלנערל. אָנגעניית נייע קנעפּ. פאַרריכט אַלע לעכלעך. איז מיר סיי־ווי קאַלט! דער ווינט קריכט אונטער די דינע וואַרע, בלעזלט די צעריסענע אונטערשלאַק און פרירט מיין לייב. כ׳מוז אָפּשפּאָרן געלט אויף אַ מאַנטל. און ווי לאַנג נאָך וועל איך אַר־בעטן? נאָך קריסטמעס וועט מען מיר הייסן גיין.

זלמן לאָזט מיר זיך נישט זאָרגן. ער קושט אַוועק פון מיר יעדע ברעקל זאָרג. מיינע הענט הערן מיר אויף ווייַ צו טאָן. ס׳ווערט מיר גוט. דערפאַר איז מיר שטענדיג אַ שאָד ווען ער גייט אַוועק צו זיך. נעכטן ביינאַכט איז ער געבליבן ביי מיר לענגער ווי אַלעמאָל. מיר האָבן גערעדט ביז שפּעט ביינאַכט. אויף יענער זייט וואַנט איז אויך געווען ניט רואיג. מיר האָבן געקענט הערן ווי שרה גאָלד שפּאַנט אַרום הין־און־צוריק, קלאַפּט מיט אירע הויכע קנאַפל, עפנט און פאַרמאַכט די טיר. ס׳קאָן זיין, אַז מיר האָבן גערעדט צו הויך, נישט געלאָזט זי שלאָפן. אַז מיר זיינען שטיל געוואָרן, האָב איך געקענט הערן ווי זי האָט זיך צור־

געשאַרט האַרט צו דער וואַנט צו קענען הערן וואָס ביי מיר טוט זיך . . . כ׳פאַרשטיי שוין, אַז קיין גוטע פריינט וועלן מיר שוין ניט זיין.

מאָנטאג, דעם 20טן דעצעמבער.

נעכטן, זונטאָג אינדערפרי, בין איך געווען ביי מיין שכנה צו גאַסט. ביי דער מרס. גלייזער. ווען איך בין געגאַנגען פון וואַש־צימער, האָט זי פּלוצלינג אָן עפן געטאָן די טיר, ווי זי וואָלט מיר אָפּגעוואַרט און מיר גערופן צו זיך אין צימער אַריין:

— קום, טאָכטערל, אַריין צו מיר אַ ביסעלע. ס׳איז דאָך זונטאָג. וואָס האָסטו זיך צו איילן? קום, — האָט זי צו מיר געשמייכלט מיט יעדן קנייטש פון איר פנים.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין שטאַרקן חשק אַריינצוגיין צו איר. דורך דער אָפענער טיר האָט געשמעקט מיט געוואַשענע וועש, מיט זייף־פּאַרע. כ׳האָב געמיינט, אַז ביי איר איז זיכער שמוציג און ענג. צום סוף איז גאָר איר צימערל דער ריינסטער און ליכ־טיגסטער פון דער גאַנצער הויז! איר פענצטער קומט אַרויס אַנטקעגן אַ גרויער וואַנט, פּונקט ווי די אַלע אַנדערע צימערן פון דער הויז. אָבער די סך ווייסע קישנס אויפן בעט, די בלאַנקע געשייערטע טעפּ, צעהאַנגען אויפן וואַנט איבערן גאַז־אויוועלע, האָט געשפּרייט אַ ליבע ליכטיקייט איבערן צימערל. אירע שמאָלע, בלויע אויגן האָבן פּונקט אַזוי געשיינט און געלויכטן ווען זי האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און דערלאַנגט אַ נייע, בלאַנקע לעפעלע:

— טרינק, טאָכטערל, — האָט זי געקוואָלן, — טרינק לכבוד זונטאָג אַ גלעזעלע טיי.

זי האָט זיך געזעצט אַנטקעגן מיר אויפן בעט און מיר דער־ציילט, אַז ס׳האָט איר איר האַרץ אַ צי געטאָן צו מיר, ווען זי האָט מיר דעם ערשטן מאָל דערזען:

— דו ביסט נאָך עפּעס גאָר אַזוי יונג . . . אַזוי ווי אַ פריילעך ציגעלע. נישט אַזוי ווי די שרה גאָלד, — האָט זי כיטרע אַ וואונק געטאָן צו מיר מיט אַן אויגל. — מ׳טאָר גאָר אויף איר ניט אַ קוק טאָן! אַז זי גייט אַרויס פון וואַשצימער, שוועבט זי פאַרביי

ווי אַ פּאַווע . . . וואָס איז עס מיט איר אַזוי די גדולה ? ס׳וואָלט איר גאָרניט געשאַדט זי זאָל אַריין זיך דורכרעדן מיט מיר. ס׳קומען אַריין צו מיר אַזוינע ווי זי. נישקשה, כ׳תקריג פּאָר אַלעמען אַ חתן ! . . .

כ׳האָב געלאַכט :

מרס. גלייזער, איר ווילט מיר אויך רעדן אַ שידוך ?

זי האָט פריילעך מיר אָנגעקוקט, שטיפעריש אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף איר נאָז :

— אַהאַ, פאַר דיר האָב איך שוין נישט קיין חתן . . . האָסט זיך שוין אַליין אויסגעזוכט. ער איז אַ פיינער בחור, דער זלמן. גאָר אַ פיינער. אַ שטילער. אָבער אַזוי טויג נישט . . . וואָלסט געדאַרפט חתונה האָבן, טאָכטערל.

כ׳בין מסתמא רויט געוואָרן. ווייל זי האָט מיר גלייך גענומען טרייסטן :

— נישקשה, נישקשה. איר האָט נאָךביידע צייט. איר זייט נעבעך ביידע אָרים. איך העלף אַמאָל אַזוינע ווי איר, — האָט זי מיר געגעבן אָנצוהערן. — כ׳ליי אויס אַ פּאָר דאָלאָר, טאָכטערל.

כ׳האָב דערציילט זלמנ׳ען וועגן איר. אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז שוין מיין חתן. איצט דאַרף איך נאָר געלט. קאָן איך עס ביי איר לייען. ס׳איז שוין טאַקע באַלד נאָך קריסטמעס.

שבת, דעם 8טן יאַנואַר.

ס׳איז שוין באַלד צוויי וואָכן ווי איך אַרבעט נישט. אומזיסט האָב איך געהאָפט צו געפעלן מיינע באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלן מיר האַלטן נאָך אַ שטיקל צייט. פונקט דעם טאָג פאַר קריסטמעס האָט מען זיך מיט מיר אָפּגערעכנט, מיר צוגעוואונטשן אַ פריילעכן קריסטמעס, אַ גליקלעך יאָר און מיר אָנגעזאָגט, אַז איך דאַרף שוין מער נישט אַריינקומען :

— רו זיך איצט אָפּ, — האָט דער עלטערער ברודער פּרובירט זיין פריינטלעך. דער אינגערער האָט מיר געטרייסט, אַז איבער־איאָר וועלן זיי מיר ווייטער דאַרפן. . . .

קיין מאַנטל האָב איך זיך נישט געקויפט. זלמנ׳ען דעם חוב

נישט אָפּגעגעבן. אַלץ וואָס מיר איז געבליבן פון מיין אַרבעטן איז פּאָר צוויי חדשים דירה־געלט. וואָס טוט מען איצט?

נעכטן ביינאַכט האָט מיר זלמן פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן גאָר חתונה האָבן . . . מיר זיינען געזעסן אין רעסטאָראַן, געשמועסט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, קוקט ער מיר פּלוצלינג אָן און טוט אַ זאָג:

— אפשר האָבן מיר גאָר מאָרגן חתונה, רבקה? כ׳וועל אָפּ־נעמען אַ האַלבן טאָג און פאַרטיג!

כ׳האָב געלאַכט. נישט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן. כ׳ווייס, אַז זלמן האָט מיר ליב. ער דאַרף עס מיר ניט זאָגן. איך אַליין וואָלט זייער געוואָלט זיין מיט אים, מיר זאָלן זיין שטענדיג צוזאַמען. אָבער עס איז מיר אַ רחמנות אויף אים זיך אָנצואוואַרפן. ער זאָל דאַרפן טיילן זיינע אָרעמע פאַרדינסטן מיט מיר. ווען איך האָב אַ שטענדיגע שטעלע, אָדער פאַרדין כאָטש אַביסל, לאָז איך איבער מיין צימערל און גיי אַריבער צו אים. זלמן וויל עס אָבער נישט פאַרשטיין. ביי אים קומט גאָר אויס, אַז מיט דעם, וואָס מיר וועלן דאַרפן צאָלן מערנישט ווי פּאָר איין צימערל, וועט נישט זיין אַזוי שווער. אַ חוץ דעם ווייסט ער, אַז איך וועל האָבן אַ מאַנטל אויך. זלמן וועט קויפן וואַרע, און די חברים פון זיין שאָפּ וועלן אים העלפן פּאָר מיר עס אויפנייען. כ׳בין זייער גערירט. עס איז מיר אַזש וואַרעם געוואָרן אַרום האַרצן, נישט אַזוי פון דעם, וואָס איך וועל האָבן אַ מאַנטל, נאָר ווי גוט און וואַרעם מיר וועט זיין אין אַזאַ מאַנטל, אַז איך וועל וויסן, אַז אַזויפיל חברים האָבן עס געהאָלפן נייען! וועגן חתונה האָבן מיט זלמנ׳ען וועל איך נאָך דאַרפן אַ טראַכט טאָן. כ׳האָב געזאָגט, אַז „מיר׳ן זען״, אָבער כ׳ווייס, אַז מאָרגן וועט ער וועגן דעם ווייטער רעדן, און מסתמא וועלן מיר שוין חתונה האָבן!

סאַנדראַ

I

אויפֿן דריטן שטאָק, ביי אַן אָפֿענעם פֿענצטער, איז געזעסן מרס. שולמאַן. די פּיס צעשפּרייט, די הענט פֿאַרלייגט אויף די קני. דאָס פּנים רויט און פֿאַרשוויצט. לעבן איר, אויף אַ בענקל, איז געשטאַנען אַ טעפּל מיט ניט־דערשיילטע קאַרטאָפֿל.

כאָטש מרס. שולמאַן האָט געהאַלטן אָפֿן די אויגן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי דרעמלט. אין איר פֿאַרשלאָפֿן, מידן מוח האָט געעגבערט אַ געדאַנק, אַז זי מוז ענדיגן שיילן די קאַרטאָפֿל, אַ ניט וועט נישט זיין קיין סאַפּער.

פֿאַרן מאַן זאָרגט זי זיך נישט, ער אַרבעט ווייט, כמעט אויסערן שטאָט. איז, ביז ער דערשלעפּט זיך אַהיים, וואַשט פֿון זיך אָפּ דעם שטויב פֿון די ציגל, קאָן זי דערווייל אַלץ צוגרייטן. שלעכט איז נאָר וואָס איר טאָכטער דאָרע קומט אַזוי פֿרי אַהיים. זי קומט שוין אַן אַרומגעוואַשענע. זי וואַשט זיך אין שאָפּ, זאָגט זי. און אַז דאָרע קומט אַריין, דאַרף דאָס עסן שטיין גרייט. אַ נישט, ווערט זי בייז און קריגט גלייך אַ קאָפּווייטאָג. . . .

מרס. שולמאַן האָט אָפּגעזיפֿצט, אין דער שטיל זי פֿאַר־ענטפֿערט: — קומט אַהיים נעבעך אַן אויסגעמאַטערטע. זי איז געגנוג אויסגעהאָרעוועט. ביי לייטן וואָלט שוין אַזאַ מיידל חתונה געהאַט . . . אַפֿילו מר. שולמאַן, וואָס ער רעדט אַזוי זעלטן, האָט זיך גענומען זאָרגן. ערשט נעכטן, נאָך סאַפּער האָט ער נאָכגע־קוקט דאָרע'ן, ווי זי גייט אַזאַ שטילע, אַזוי פֿאַמעלעך, צו זיך אין צימער, און ער האָט אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס זיצט זי אין הויז? סאַנדראַ איז דאָך שוין אונטער־געוואַקסן . . . זי יאָגט דאָך זי אַריבער. . . .

מרס. שולמאַן האָט זיך דערמאָנט: סאַנדראַ . . . וואו איז זי אַ גאַנצן טאָג? ווען זי וואָלט געווען אין דער היים, וואָלט זי אָפּ־

געשיילט די קאַרטאָפל, די שמוציגע טעלער צעוואַשן . . . וואו לויפט זי אַרום, די ווילדע מויד ?

זי האָט זיך שווער אויפגעהויבן, אַרויסגערוקט דעם קאָפ דורכן פענצטער און זיך צעשריען :

— סאַנדראַ ! סאַנדראַ !

אונטן אויף דעם אָנגעברענטן טראָטואַר, האָבן זיך געשפילט קינדער. האַרט ביי דער וואַנט אויף אַ קעסטל, האָט געדרעמלט דער אַלטער מר. סילווער. זיין יאַרמולקע האָט זיך אים אַראָפּגע־גליטשט, זיין אָפּגעגאָלטער קאָפּ האָט זיך געברענט אויף דער זון. ער האָט אַ דערשראָקענער אויפגעעפנט די אויגן. זיך געכאַפּט זוכן די יאַרמולקע און פאַרריסן זיין בערדל אַרויפצו צום פענצטער.

— זיך שוין צעשריען, די אידענע ! נאָר זי שרייט. . . .

מרס. שולמאַן האָט אַ בייזע זיך צוריקגעזעצט. גענומען מיט אימפּעט שיילן די קאַרטאָפל. אין האַרצן האָט איר געברענט אַ כעס אויף איר 15 יאָריגער מיידל סאַנדראַ. זינט סקול האָט זיך פאַרמאַכט, איז זי גאָר ווילד געוואָרן. לויפט אַרום גאַנצע טעג מיט צעלאָזענע האָר, מיט איר דין קליידל און קומט אַהיים ערשט פאַרנאַכט, אַ פאַרפלאָמטע, ווי אַ ברענענדיג פייערל.

מרס. שולמאַן געדענקט גאָרניט, צי דאָרע, אין סאַנדראַ׳ס יאָרן, איז געוועזן אַזוי. ווען זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, איז דאָרע דאַן אַלט געווען 16 יאָר, בלויז איין יאָר עלטער. אָבער וואָס פאַר אַ שטילע טויב דאָס איז געווען ! ווען סאַנדראַ איז געבאָרן געוואָרן, שוין דאָ אין אַמעריקע, איז דאָרע שוין געווען אַ גאַנצע פאַרדינערקע. און טאַקע זינט דאַן האָרעוועט זי נעבעך. נישט אומזיסט זאָגט זי שטענדיג, אַז סאַנדראַ׳ן איז גוט.

מרס. שולמאַן איז מיד געוואָרן. זי האָט אַ טרויעריגע אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער. איבערן דאַך פון דער אַנטקעגנדיגער הויז זיינען אַרומגעפלויגן טויבן. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום און אַרום איבער די קוימענס, זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן דאַך, און צוריק זיך אויפגעהויבן. מרס. שולמאַן האָט נאָכגעקוקט דעם מאַן מיטן לאַנגן שטעקן אין האַנט. יעדן טאָג, אין דער זעלבער צייט, שטייט ער דאָרט, דרייט מיטן שטעקן אינדערהויך און די טויבן פליען אַרום ווי אין אַ ראָד.

אַ הייסער ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן דורכן פענצטער, אַ זויג געטאָן די פאָרהענגלעך און ס׳האָט זיך אַרויסגעזען די שמוץ פון די שויבן. מרס. שולמאַן האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן סאַנדראַ׳ן. זי האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם טראָטואַר. דער אַלטער מר. סילווער איז שוין דאָרט נישט געווען, האָט זי זיך אויפס׳ניי צעשריען:

— סאַנדראַ! סאַנדראַ!

סאַנדראַ איז געווען אויף דער צווייטער זייט גאַס. זי איז געשטאַנען לעבן אַן אַפּטייק. געקוקט אין דעם צוגעפּוצטן פענצטער. זי האָט אירע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אַ שיין לענגלעך קעסטעלע ליפּ־פאַרב. איין ביסעלע פון דעם פאַרב וואָלט געמאַכט אירע ליפּן אויסקוקן שיין, געפורעמט. מיט אַזוינע ליפּן וואָלט זי זיך געלאָזט צום שטאָטישן פּאַרק וואו ס׳שפּילט אַן אָרקעסטער. בחורים וואָלטן זי איינגעלאָדן צו טאַנצן.

סאַנדראַ פאַרמאַכט־אַזש די אויגן:

אַ גאַנצע נאַכט וואָלט זי אָפּגעטאַנצט אויף דעם גלאַטן, שפּיגל־דיגן פּאַרקעט פון דעם טאַנצזאַל. אירע הענט וואָלט זי געהאַלטן פאַרלייגט אַרום דעם בחור׳ס האַלז. די אויגן האַלב פאַרמאַכט. און אָט אַזוי שמייכלען, נאָכטאַנצנדיג נאָכן ריטם פון דעם אָר־קעסטער.

דאָס קעסטעלע פאַרב קאָסט אָבער 50 סענט. סאַנדראַ ווייס, אַז כל זמן זי לערנט זיך אין סקול, וועט זי נישט האָבן אַזויפיל געלט. סיווי וואָלט זי די פאַרב נישט געקאָנט נוצן אין הויז. מ׳וואָלט עס זיכער צוגענומען פון איר. פון דער מאַמען וואָלט זי זיך נאָך ווי עס איז אויסבאַהאַלטן. די מאַמע קוקט זי נישט נאָך. זי זיצט גאַנצע טעג ביי דעם פענצטער.

שלעכט איז אָבער מיטן טאַטן. זינט ער איז קראַנק געוואָרן, באַקומען דעם קאָפּ־שווינדל, בעת ער שטייט און אַרבעט, איז ער געוואָרן, דוכט זיך, צו איר ערגער, שטרענגער. ער האָט שוין איינמאָל אַ פרעג געטאָן: ווי לאַנג, סאַנדראַ, וועסטו נאָך דאַרפן גיין אין סקול?

נאָך ערגער איז מיט דאָרע׳ן. סאַנדראַ האָט אַזש אַ טופּע געטאָן מיטן פוס:

אָ, אָט די דאָרע! קוקט זי נאָך, היט איר יעדן טריט. זי האַלט אין איין מסר׳ן:

— מאַמע, סאַנדראַ פאַרבט זיך די באַקן... מאַמע, סאַנדראַ לויפט אַרום מיט אינגלעך... אַנדערע מיידלעך, זאָגט זי, אין אירע יאָרן אַרבעטן שוין אין שאַפּ און פאַרדינען...

די מאַמע זאָגט איר, אַז זי דאַרף פאָלגן דאָרע׳ן. דער טאַטע זאָגט, אַז זי דאַרף לערנען פון דאָרע׳ן. ווייל זי איז עלטער, פאַרשטייט זי בעסער. דאָרע וועט זי אײַנגיכן דאַרפן לערנען די אַרבעט אין שאַפּ. סאַנדראַ׳ן דאַכט זיך אָבער, אַז דאָרע פאַרשטייט גאָרנישט. אַנישט וואָלט זי נישט געזעסן אַזויפיל אין הויז, וואָלט זי אַליין געהאַט מער „פאַן״ און איר אויך נישט געשטערט.

דער טאַטע רעדט נישט קיין סך, אָבער ער קוקט אויף איר מיט חשד. דורך דער מאַמען וויל ער וויסן וואו זי גייט, מיט וועמען זי חבר׳ט זיך. זי האָט געהערט, ווי ער האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— מ׳דאַרף די מויד היטן. זי האָט זיך צו שנעל צעוואַקסן...

די מאַמע האָט זי דאַן אָפּגעמאַסטן מיט אַ פוילן קוק. עפּעס אַ מאָך געטאָן מיט די ליפּן. סאַנדראַ׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט געזאָגט: מיר פאַר איר.

אַ גליק איז נאָר, וואָס דער טאַטע איז שטענדיק מיד, גייט פרי שלאָפן, הערט ער קיינמאָל ניט ווען זי קומט אַהיים. אויב דאָרע ווייסט נישט, וועט די מאַמע ניט אויסזאָגן.

סאַנדראַ האָט זיך אַוועקגעדרייט פון פענצטער, צונויפגעצויגן די ליפּן ווי זי וואָלט שוין געהאַט אויף זיי די פאַרב און דערזען בעני׳ן שטיין לעבן דער קענדי־סטאָר. ער איז געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט אַ חוזק־שמייכעלע זי נאָכגעקוקט. סאַנדראַ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזען ווי זי האָט געמאַכט מינעלעך, ווי זי האָט פאַרצויגן די ליפּעלעך. אָט דער בעני האַלט זי פאַר אַ קינד. וועט זי אים ווייזן, אַז זי איז שוין אויסגעוואַקסן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגעשטעלט אירע היפּשע, שטייפע בריסטלעך, פאַרריסן דעם קאָפּ און דרייענדיק מיט די זייטן, איז זי אים פאַרביי. אין טיר זיינען געשטאַנען נאָך אינגלעך, בעני׳ס חברים. סאַנדראַ האָט געהערט ווי זיי פייפן איר נאָך. זי איז

געוועזן צופרידן, כאָטש איר וואָלט זיך געוואָלט אַרויסרופן מער באַוואונדערונג. בעני האָט איר אָנגעיאָגט:

— העלאָ, בייבי!

סאַנדראַ האָט אַ בייזע אויף אים אַ קוק געטאָן:

—ביזט אַליין אַ בייבי. אוודאי מיינסטו, אַז דו ביזט שוין אַ מאַן. . . .

בעני האָט אונטערגעפּייפט:

— עלטער פון דיר! איך בין שוין אַרויס פון הייסקול, און דו ביזט ערשט אין צווייטן יאָר. . . .

סאַנדראַ האָט געפּלאָמט. נישט געוואוסט וואָס אים אָפּצו־ענטפערן. האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איך וועט זיך מיט דיר, אַז איך קען בעסער טאַנצן פון דיר. . . .

זי וואָלט זיך די צונג אָפּגעביסן. איצט וועט ער לאַכן פון איר. זי האַלטן פאַר אַ קינד. בעני האָט אַ שוויגנדיגער גע־שמייכלט. געשפּאַנט ביי איר זייט און עפּעס געטראַכט אַ שמייכל־דיגער. ערשט ביי איר הויז האָט ער אַ פרעג געטאָן:

—ווילסטו מיך היינט טרעפן אין טאַנץ־זאַל? כ׳וויל טאַקע זען צי דו קאָנסט טאַנצן . . . כ׳וועל דאָרט וואַרטן אויף דיר. . . .

סאַנדראַ׳ן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן. זי איז געפלויגן איבער די טרעפּ צו צוויי מיט אַמאָל. אין קיך איז זי אַריינגעלאָפן ווי אַ וויכער. זי האָט אָבער גלייך דערזען, אַז די מאַמע איז בייז. אויב זי וויל נאָך סאַפּער אַרויס פון הויז, מוז זי איבערבעטן דער מאַמען. זי האָט זיך געשטעלט ביים סינק וואַשן די טעלער, אויפ־געראַמט די קיך, געגרייט דעם טיש, אַלץ געטאָן פלינק, שווייגנדיג, מיט אַ פאַרשולדיגטער מינע.

מרס. שולמאַן האָט פאַרגעסן, אַז זי איז אין כעס אויף סאַנ־דראַ׳ן. זי האָט גאָר אָנגעקוואָלן וואָס פאַר אַ בריה איר סאַנדראַ איז. אַ גאָלדן קינד, האָט זי געטראַכט. נו, איז וואָס, אַז זי לויפט זיך אָן דורכן טאָג? אַבי זי קומט אַהיים העלפן דער מאַמען. . . .

סאַנדראַ וואָלט זייער געוואָלט אָנטאָן איר נייע קלייד, וואָס דאָרע האָט איר געקויפט, זיך אָנדרייען לאָקן, זיך צוכאַפּן צו דאָרע׳ס קעסטעלע פאַרב. אָך, וואָלט עס בעני׳ן אויפגעריסן די

אויגן! זי טאָר אָבער זיך ניט פאַרפּוצן, אַנישט וועט מען אין הויז פאַרשטיין וואו זי גייט. איר טאַטע וויל איר נישט לאָזן גיין טאַנצן אין פּאַרק. אַהין גייען נאָר הפקר־קינדער, זאָגט ער.

האָט סאַנדראַ, אַ שטילע, זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, זיך פאַר־קעמט די האָר. פּונקט ווי דאָרע, פאַרצויגן זיי הינטער די אויערן. אָבער טיף אין איר בוזים, פאַרוויקלט אין אַ טיכעלע, האָט זי דאָרע׳ס קעסטעלע פּאַרב. זי וועט זיך שוין צופּוצן אין פּאַרק.

סאַנדראַ איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, ווען דער טאַטע האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— וואו גייט עס אַזוי שפּעט אַ מיידל אַוועק?

סאַנדראַ האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען, זיך געבעטן מיט די אויגן. מרס. שולמאַן האָט געענטפערט:

— זאָל דאָס קינד אַרויס זיך אָפּקילן. זי האָט זיך גענוג אָנגעאַרבעט אין הויז, זאָל זי אַרויס אַביסל . . .

ס׳איז אמת, אַז איר מאַמע איז אַ פעטע, אַ פאַרשלאָפענע. זיצט גאַנצע טעג ביי דער פענצטער. אָבער זי איז אַ גוטע מאַמע. זי וואָלט זי איצט אַרומגעכאַפּט קושן. זי איז אָבער שנעל אַרויס־געלאָפן. געפלויגן די טרעפּ אַראָפּ אָן אַ אָטעם.

אונטן אין גאַס איז געווען טומלדיג, הייס. די טראָטואַרן זיינען פול געווען מיט קינדער, מיט שפּאַצירנדיגע פּאָרלעך. אויפן ווינקל גאַס, ביי דער קענדי־סטאָר, איז געווען גאָר פריילעך. צוזאַמען מיט פליגן און מאָסקיטאָס האָבן זיך געדרייט און גע־זשומעט אַרום דעם עלעקטרישן לאָמפּ אינגלעך און מיידלעך. סאַנדראַ קאָן זיי אַלעמען. זיי זיינען אַלע פון איין גאַס. נאָר איצט אינטערעסירן זיי איר נישט. זי האָט זיך נאָר איינגעקוקט צי בעני איז נישט צווישן זיי און גלייך אַוועק צום שטאָטישן גאָרטן.

דאָרט האָט זי זיך אָנגעשמירט די ליפּן, פאַנאַנדערגעקעמט די האָר אין קרייזלעך. דאָס קליידל איז אַביסל צו אַלט, צו ענג אַרום די פּאַכוועס. זי האָט אָבער אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגעלע און געזען, אַז איר פּנים איז סיווי שיין.

דער טאַנץ־זאָל האָט געפינקלט מיט צעדליגער לעמפּעלעך און פּונקט אַזוי האָבן געפינקלט סאַנדראַ׳ס אויגן, ווען זי האָט אַריינגעקוקט דורך דער אָפענער טיר. זי איז נאָך קיינמאָל פריער

נישט געווען אין אַזאַ גרויסאַרטיגן פּלאַץ. אַמאָל, פֿלעגט דאָרט קאַסטן געלט אַריינצוגיין, און ביז דעם זומער איז זי נאָך געווען אַ קליין מיידל. איצט איז דאָס טאַנצן פריי און זי איז פּלוצלונג געוואָרן אַ גרויסע, מיט אַ קאָפּ העכער פון דער מאַמען; העכער פון דאַרע׳ן. זי איז דעם זומער אַ סך קליגער געוואָרן. אַזויפיל טשיקאַווע זאַכן פון אירע חבר׳טעס זיך דערוואוסט. דאַכט זיך, אַזוי לאַנג ווי זיי וואוינען אויף דער זעלבער גאַס, אין דעם זעלבן הויז, און זי האָט קיינמאָל פריער ניט באַמערקט, ווי בחורים מיט מיידלעך קושן זיך אין די פינצטערע קאָרידאָרן. ערשט דעם זומער האָט זי עס דערזען. איצט זעט זי שוין און פילט אַ סך זאַכן. זאָל נאָר בעני גיכער קומען, זאָל ער נישט קוקן אויף איר ווי אויף אַ קינד.

בעני איז געקומען ניט אַליין. אַ גאַנצע כאַפּטע אינגלעך האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט. ער האָט זיי באַקאַנט מיט סאַנדראַ׳ן. זי האָט זיך פּלוצים דערזען אינמיטן פון אַזויפיל אינגלעך, אינגלעך עלטערע פון איר. שוין גאַנצע בחורים, מיט וואָנצעלעך, מיט סיגאַרעטלעך אין מויל. ווען בעני האָט איר דורכגעפירט דורך דער טאַנץ־זאַל טיר, האָט זי אַזש אויפגעציטערט פון פרייד.

בעני איז געווען זייער צופרידן מיט סאַנדראַ׳ן. ער האָט געהאַלטן זיין האַנט פעסט אַרום איר טאַליע, איר צוגעטוליעט נאָענט צו זיך. אין דעם „ביג עפּל״־טאַנץ איז זי געפלויגן אַנט־קעגן אים מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ גראַציע, אַז בעני האָט דער־שפּירט, אַז זי איז „אָ־קעי״.

עטלעכע מאָל האָבן פרעמדע בחורים געוואָלט זיי אָפּשטעלן, צונעמען סאַנדראַ׳ן צו טאַנצן, בעני האָט נישט געלאָזן. זיי האָבן צוזאַמען געטאַנצט איין טאַנץ נאָכן צווייטן. דערנאָך האָט ער זי אַרויסגעפירט זיך אָפּקילן. איר געקויפט מאַראַנצן־זאַפט, איר געדרוקט אין מויל אַ סיגאַרעטל.

ס׳איז שוין געווען זייער שפּעט, ווען בעני האָט געפירט סאַנ־דראַ׳ן אַהיים. די גאַסן זיינען געווען ליידיק. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן, געקילט סאַנדראַ׳ס צעהיצט לייב. סאַנדראַ האָט גע־שפּאַנט ווי אַ שכור׳ע. איין זאַך האָט איר נאָר פאַרדראָסן: בעני האָט זי קיין איין מאָל נישט געקושט, אַפילו ניט פּרובירט קושן. זי

האָט געזעזן אין פּאַרק ווי בחורים און מיידלעך האָבן זיך געקושט, ווי מ׳האָט זיך באַהאַלטן אין די פינצטערע אַלייען, הינטער דיביימער. אומזיסט האָט זי געוואַרט. בעני האַלט זי נאָך אַלץ פאַר אַ קינד. . . .

זי האָט אַן אומרואיקע אונטערגעטאַנצט ביי זיין זייט. זייער געוואָלט ער זאָל זי כאַטש אַרומנעמען. זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— ס׳איז נאָך אַלץ הייס. כ׳וואָלט זיך איצט אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלטן וואַסער. דו ווייסט? איך קאָן שווימען אויך. פונקט אַזוי גוט ווי טאַנצן.

בעני האָט אַן אומרואיקער אויף איר אַ קוק געטאָן. זיין שטערן האָט גענומען שוויצן:

— ביזט משוגע! דו וואָלסט געגאַנגען ביינאַכט זיך באָדן?

סאַנדראַ האָט אַפילו נישט געטראַכט וועגן גיין זיך באָדן. זי האָט נאָר סתם אַזוי גערעדט. פונדעסטוועגן האָט זי וואויל־יונגעריש פאַרוואָרפן איר קעפל:

— פאַרוואָס נישט? ס׳איז גוט צו באָדן זיך ביינאַכט.

בעני האָט שווער געאָטעמט:

— ניין. ס׳איז צושפּעט . . . מ׳וואָלט אונז אַרעסטירט . . . מ׳טאָר זיך נישט באָדן ביינאַכט. ווייסטו?

ער האָט זי אַריינגעפירט אין פינצטערן קאָרידאָר פון איר הויז און פאַרמאַכט די טיר. סאַנדראַ איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם. זי האָט שטיל אַ לאַך געטאָן. בעני׳ס אויגן האָבן געשיינט אין דער פינצטער ווי צוויי לעמפּלעך. ער האָט זיך צו איר צוגערוקט זייער נאָענט. זיין אָטעם האָט איר געבריט. ס׳איז איר געוואָרן זייער פאַרנע און אומהיימלעך. זי האָט זיך גענומען רוקן אָן אַ זייט. געקוקט אַרויף צו די טרעפּ. ס׳האָט זיך איר זייער געוואָלט אַרויפלויפן אין הויז.

בעני האָט זי נישט געלאָזן, זי צוגעשטופּט צו דער וואַנט.

— אַהאַ! ווילסט גאָר אַנטלויפן! האָסט זיך דערשראָקן . . . בייבי . . .

סאַנדראַ האָט געקוקט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן. זי וועט אים אָבער נישט ווייזן, אַז זי האָט מורא. האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווער האָט זיך דערשראָקן ? . . .

בעני האָט מיט אַ קני צוגעדריקט אירע פיס. מיט די הענט גענומען לויפן אַרום איר קערפּער. סאַנדראַ האָט זיך שיר צע־שריען. די אויגן זיינען איר פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן.

זי האָט זיך געגעבן אַזאַ ריס פון אים, אַז ער איז אומגעפאַלן צו דער צווייטער וואַנט. זי האָט שוין אַפילו ניט געהערט ווי בעני רופט איר. געלאָפן אָן אַן אָפּשטעל אַרויף.

די טיר איז געווען אָפן פונקט ווי אַלעמאָל ווען זי קומט שפּעט אַהיים. זי איז געבליבן שטיין אין דער פינצטערער קיך, מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. זי האָט זייער געוואָלט אַריינ־קריכן צו דער מאַמען אין בעט, נאָר מורא געהאַט אויפצואוועקן דעם טאַטן.

סאַנדראַ האָט זיך מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ: ווען דער טאַטע וויים, וואָלט ער זי זיכער געשלאָגן. דאָרע וואָלט געזאָגט מ׳זאָל זי פאַרשפּאַרן אין הויז. מיט איין קוק אויף איר, וואָלט שוין דאָרע פאַרשטאַנען, אַז עטוואָס איז געשען.

סאַנדראַ האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן טיש. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז עלנט, האָט קיינעם נישט וועמען צו דערציילן, פאַר וועמען זיך צו באַ־קלאָגן אויף בעני׳ן. זי וועט שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען קוקן אויף דעם בעני׳ן. זי האָט געקוקט אין דער פינצטער, אויף דער נאַקעטער וואַנט אַנטקעגן, זיך דערמאָנט ווי שיין זי האָט גע־טאַנצט מיט אים, ווי פריילעך זיי זיינען געווען. זי האָט פּלוצלינג גענומען וויינען, לאַנג און שטיל. דערנאָך האָט זי אַ וויינענדיגע זיך אויסגעטאָן אין דער פינצטערער קיך, אין דער שטיל אַריינ־געקראָכן צו זיך אין בעט, און אַ לאַנגע צייט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויפן אַנדערן, און נישט געקאָנט איינשלאָפן.

II

סאַנדראַ איז געגאַנגען אַהיים. געגאַנגען איז זי פּאַוואָלינקע. די הענט אין די קעשענעס, דעם קאָפּ אינדערהויך. געקאָנט האָט זיך דאַכטן, אַז זי שפּאַצירט זיך אַ רואיגע, אַ צופרידענע. אָבער

אין דער אמת׳ן האָט זי זיך אַזוי געשלעפּט, ווייל זי האָט מורא געהאַט אַהיים צו גיין. פאַרנאַכט, איידער זי איז אַרויס פון שטוב, האָט איר עלטערע שוועסטער דאָרע געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע, סאַנדראַ גייט שוין ווייטער אַוועק אויף אַ גאַנצע נאַכט, אַז זי קומט אַהיים, וועקט זי מיר אויף און כ׳קאָן דערנאָך ניט איינשלאָפן. זאָג איר אָן אַהיימצוקומען פרי, כ׳דאַרף מאָרגן אויפשטיין צו דער אַרבעט. . . .

מרס. שולמאַן האָט אַ פוילן קוק געטאָן אויף סאַנדראַ׳ן. ווי פון יוצא וועגן געזאָגט:

— סאַנדראַ, קום ניט שפּעט.

דער טאַטע אָבער, האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, ניט קוקנ־דיג אויף סאַנדראַ׳ן געזאָגט:

— אויב די מויד וועט ניט אויפהערן זיך אַרומשלעפּן נעכט, וועל איך איר דאַרפן נעמען אין די הענט אַריין! . . .

סאַנדראַ האָט ניט מורא געהאַט פאַרן טאַטן. ער האָט זי קיינמאָל ניט געשלאָגן, בפרט איצט, אַז ער איז קראַנק און ליגט גאַנצע טעג מיט ווייטאָגן אין רוקן. אָבער זי האָט זיך געשראָקן, אַז דאָרע וועט ליגן אויף. אַ סך מאָל וואַרט זי אויף איר. אַזוי שנעל ווי זי דערהערט איר אַריינקומען, צינדט זי אָן אין קיך די עלעקטריק און נעמט ביי איר מאָנען, ביז דער טאַטע כאַפּט זיך אויף. ערשט דאַן גייט זי אַוועק אַ צופרידענע שלאָפן, און סאַנ־דראַ דאַרף בלייבן אין קיך אויסהערן דעם טאַטנס געשרייען.

פריער פלעגט דער טאַטע שווייגן, רעדן צו איר בלויז דורך דער מאַמען, אָבער זינט ער האָט אויפגעהערט אַרבעטן, געבליבן זיצן אין הויז, איז ער געוואָרן אַ בייזער, האַלט אין איין בורטשען און וויל איר ניט אַרויסלאָזן דורכן טיר.

גוט איז כאָטש, וואָס ווען דער טאַטע שרייט, שווייגט די מאַמע, בלויז אירע אויגן מאָנען:

סטייטש, אַזוי שפּעט, אַזוי שפּעט . . .

דערנאָך וועט דער טאַטע אַ גאַנצע נאַכט הוסטן. שטענדיק אַזוי; אַז ער שרייט זיך אָן, הוסט ער.

סאַנדראַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. גענומען קוקן אַרויף צום הימל. זי האָט ניט געקוקט אויף דער געדיכטער בלאָקייט פון

ביינאַכטיקן הימל, זי האָט אַפילו ניט באַמערקט די לבנה גלייך איבער איר קאָפּ. זי האָט בלויז אַ טראַכט געטאָן:

— ס'וואָלט גוט געווען ווען כ'דאַרף מער אַהיים ניט קומען, ניט אָנקוקן מער דאָרעס פּנים, ניט הערן מער דעם טאַטנס געשרייען . . .

סאַנדראַ איז זיכער, אַז אַלע אין הויז האָבן איר פיינט. אַחוץ דעם, ווייסט זי, זי האָט געהערט רעדן, אַז דאָרע וועט גאָר איינגיכן איר אַוועקנעמען צו זיך אין שאָפּ. סאַנדראַ האָט מורא פאַרן שאָפּ, כאָטש זי איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען. זי ווייס אָבער, אַז דאָרע האָרעוועט דאָרט, אַז פון דעם שאָפּ קומט זי אַהיים אַ צעבראָכענע, אַ בייזע. ניט אומזיסט הערט זי אַלעמאָל איר מאַמען זאָגן:

— דער שאָפּ האָט אויפגעגעסן דאָרען . . . אירע בעסטע, יונגע יאָרן האָט זי איבערגעלאָזן דאָרט . . .

סאַנדראַ וויל ניט ווערן ווי דאָרע. זי וויל בלייבן יונג און שיין ווי זי איז איצט. אין שאָפּ וועט זי אָבער מוזן גיין. אַלע רעדן שוין וועגן דעם. איבערהויפּט זינט דער טאַטע האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. די מאַמע האָט אַפילו פּרובירט אַמאָל אַ זאָג טאָן:

— זאָל דאָס קינד גיין נאָך אַ יאָר אין היי־סקול. זי איז דאָך נאָך אַפילו קיין 16 יאָר ניט אַלט. אַז זי וועט זיין אַלט גענוג צו גיין אַרבעטן, וועט זי אפשר קריגן עפּעס אַנדערש, ניט דווקא אין שאָפּ.

סאַנדראַ האָט געפילט ווי אַרומצוכאַפּן איר מאַמען קושן. זי האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז זי האָט אַזאַ טייערע מאַמע! האָט אָבער דאָרע אַ בייזע אָפּגעשטופּט איר טעלער פון זיך:

— מיר האָסטו יאָ אַוועקגעשיקט אַרבעטן צו 16 יאָר! . . . כ'ווייס פון נאָך 16 יאָריגע וואָס אַרבעטן שוין. זי וועט דאַרפן בלויז איין מאָל אַ וואָך גיין זיך לערנען. דאָס אַלץ. אַרבעטן ביי עפּעס אַנדערש . . . וואָס וועט זי פאַרדינען? איך קאָן איר מער ניט אויסהאַלטן מיט אַלצדינג! . . .

און דער טאַטע האָט צוגעגעבן:

— איך קאָן איר שוין אויך גאָרניט געבן, כ'בין שוין אויס!... אַן אויסגעשפּילטער . . . טאָמער קריג איך אַ טאָג אַרבעט, דאַרף

איר דערנאָך אַ וואָך ליגן אין בעט. מ׳וויל מיר שוין דעם טאָג אויך ניט געבן, כ׳קען ניט אָנהאַלטן די שורה . . .כ׳בלייב הינטער־שטעליג מיטן לייגן די ציגל . . .און האַלט אָפּ די איבעריגע מולי־אַרעס פון דער אַרבעט . . . — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר זיין פאַמיליע.

די מאַמע האָט זיך אָפּגעזיפצט און געשוויגן. וואָס דאָס האָט שוין געמיינט, אַז סאַנדראַ וועט מוזן אַוועק אַרבעטן אין שאָפּ. נאָך אַ פּאָר חדשים ווערט זי 16, און דאַן איז שוין אויס. אַבי זי האָט אַזוי פיל געחלומ׳ט צו ווערן 16 יאָר ! . . .

סאַנדראַ האָט מיט וויטאָג פאַרביסן די ליפּן. זי האָט שוין געוואָלט וואָס שנעלער זיין אַהיים. אַריבערקומען די געשרייען און קאָנען טראַכטן ווי פריילעך ס׳איז איר געווען אין שטאָטישן טאַנץ־זאַל.

אויפן דריטן שטאָק, ביי דער טיר, איז סאַנדראַ געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן און קיין שליסל האָט זי ניט. אַלעמאָל, געפינט זי די טיר אָפן. זי ווייס, אַז ווען דאָרע און דער טאַטע שלאָפן איין, גייט די מאַמע אַראָפּ פון בעט און שליסט אָפּ די טיר. דעם מאָל האָט מסתמא די מאַמע פאַרגעסן. איינגעשלאָפן און פאַרגעסן.

סאַנדראַ איז צוריק אַראָפּ די טרעפּ. די גאַס איז געווען פּוסט. אין אַלע הייזער פינצטער. בלויז אַ קליין קעצל האָט זיך געשאַרט פאַרביי די ווענט און געמיאַקעט. סאַנדראַ האָט זיך געזעצט אויף דעם גאַניקל, געלייגט דעם קאָפּ אויף די קני און גענומען וויינען. זי האָט ניט געוויינט ווייל ס׳האָט איר פאַרדראָסן וואָס זי איז אַהיים געקומען אַזוי שפּעט, נאָר ווייל זי איז געווען שלעפעריק, ווייל ס׳איז איר געווען שרעקלעך צו זיצן אַליין אין דער פּוסטער גאַס.

פּלוצלינג האָט זי דערהערט טריט און אַ באַקאַנט פייפן. זי האָט אפילו ניט געדאַרפט אַ קוק טאָן, געוואוסט אַז בעני קומט. אָט דער בעני זימערמאַן, וואָס זיין טאַטע האָט אַ גראָסערי־סטאָר גלייך אַנטקעגן און זיין מאַמע באַרימט זיך איבער דער גאַנצער גאַס, אַז זי שיקט איר בענין אין קאָלעדזש זיך לערנען פאַר אַ דאָקטאָר. איצט קומט ער אַהיים אַ פריילעכער, קיינער וועט אויף אים ניט

שרייען און דערצו האָט ער נאָך אַ שליסל ביי זיך אין קעשענע.

סאַנדראַ האָט ניט געוואָלט בעני זאָל איר דערקאָנען. ער וועט שוין פאַרשטיין פאַרוואָס זי זיצט דאָ אַזוי שפּעט און אויף מאָרגן וועט ער לאַכן פון איר, איר רופן בייבי. סיי ווי איז זי צעקריגט מיט אים און וואָלט מיט אים ניט גערעדט.

בעני האָט איר אָבער שוין דערזען, ער האָט אויפגעהערט פייפן, איר באַטראַכט און זיך צעשמייכלט:

— קאָנסט שוין אויפהויבן דעם קאָפּ, סאַנדראַ. איך דערקאָן דיר! וואָס איז? מ'לאָזט דיר ניט אַריין? גוט פאַר דיר! . . האָסטו ניט געדאַרפט אַזוי פיל טאַנצן מיט דעם פרישטשעוואַטן בחור . . .מיט אַזאַ איינעם טאַנצן . . . טפו! . . .

סאַנדראַ האָט פאַרגעסן, אַז זי וויל מיט אים ניט רעדן. זי האָט מיט כעס אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ:

— ס'איז ניט דיין געשעפט, וואָס כ'זיץ דאָ, אַז כ'וועל וועלן, קאָן איך אַריין! . . . און כ'קאָן טאַנצן מיט וועמען כ'וויל! קיינער פרעגט זיך ביי דיר ניט אָן!

בעני האָט זיך אַראָפּגעזעצט נעבן איר אויף די טרעפּלעך, איר אַריינגעלאַכט אין פּנים:

— טו־טו־טו! ווען כ'דערצייל דיין טאַטן מיט וועמען דו שלעפּסט זיך אַרום, וואָלט ער דיר אינגאַנצן ניט אַרויסגעלאָזן פון טיר. ווילסט איך זאָל אים דערציילן?

סאַנדראַ איז אויפגעשפּרונגען, אונטערגעשפּאַרט די הענט אין די זייטן:

— בעני זימערמאַן, וואָס קוקסטו מיר נאָך מיט וועמען איך טאַנץ און וואו איך גיי? ס'איז ניט דיין דאגה! דו ביסט ניט מיין חתן! . . .

סאַנדראַ איז שטיל געוואָרן; ווען ער איז איר חתן! . . . זי וואָלט דאָך געהאַט ווער ס'זאָל זיך פאַר איר אָננעמען! ווען זי האָט אַ חתן, וואָלט דער טאַטע אויף איר ניט געשריען, זי וואָלט געקאָט קומען ווי שפּעט זי וואָלט געוואָלט, און דאַרע וואָלט ניט געוואָגט איר צו טשעפּן! און ווען בעני וועט קומען צוגאַסט, וועט די מאַמע אים אַריינפירן אין צוגעפּוצטן גאַסט־צימער . . . ווען בעני זאָל נאָר וועלן . . . ער טשעפּעט זיך אַפילו צו איר,

רופט איר בייבי, אָבער דערנאָך בעט ער איר איבער. ער האָט איר אַ סך מאָל געוואָלט קושן . . . האָט זי אויף שנעל געטראַכט, זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, זיך אָפּגעזיפּצט און זיך גע־זעצט נעענטער צו בעני'ן:

דו ווייסט, בעני — האָט זי אָנגעפאַנגען מיט אַ גוטער שטימע — כ'בין דיר זייער מקנא, קיינער שרייט ניט אויף דיר, קיינער קוקט דיר ניט נאָך, דיר איז גוט.

בעני האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, ער איז ניט געווען זיכער, צי זי מיינט עס ערנסט. ער האָט געוואָלט נעמען לאַכן, האָט זי געקוקט אויף אים מיט טרויעריגע אויגן. ער האָט שטענדיג סאַנדראַ'ן געזען, אָדער אַ פריילעכע, אָדער אַ ברוגז'ע, אָבער קיינ־מאָל ניט קיין אומעטיקע. האָט זיך בעני אַביסל פאַרלאָרן:

ווער איז צו דיר שלעכט? פאַרוואָס שרייט מען עפּעס אויף דיר?

סאַנדראַ'ס אויגן זיינען געוואָרן פאַרצויגן.

— אַלע אין שטוב זיינען שלעכט צו מיר . . . מיין שוועסטער דאָרע, מיין טאַטע. איצט מיין מאַמע אויך, פאַרשלאָסן די טיר און איך האָב ניט קיין שליסל . . . כ'וועל מסתמא דאַרפן שלאָפן אין גאַס . . .

בעני האָט אין פאַרלעגנהייט געקוקט אויף סאַנדראַ'ן. עפּעס איז זי צו־גוט צו אים, פאַרטרויט אים גאָר סודות. און ערשט ניט לאַנג האָט זי זיך געקריגט מיט אים. אים געשריען אין פּנים אַריין. אַז זי וויל אים ניט אָנקוקן. אַז ער וויל איר אַמאָל אַ קוש טאָן, גראַבעלט זי זיך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך דערשראָקן:

דאַכט זיך אַז זי וויינט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז צוויי יאָר עלטער פון איר. האָט ער איר גענומען טרייסטן:

— דאַרפסט זיך גאָרניט זאָרגן, סאַנדראַ, וועסט אין גאַס ניט שלאָפן. איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט אַריין, זיי טאָרן ניט זיין אַזוי שלעכט צו דיר! . . .

סאַנדראַ'ס אויגן האָבן שוין געלאַכט. זי האָט זיך אַ רוק גע־טאָן נעענטער צו אים.

— בעני, וואָלסטו זיך פאַר מיר אָנגענומען? אַזוי ווי דו

וואָלסט געווען אַן אייגענער? אַ גאָר נאָענטער? ס׳וואָלט גוט גע־
ווען ווען דו נעמסט זיך פאַר מיר אָן . . . ווילסטו? האָט זי אים
אַריינקעקוקט אין די אויגן.

בעני האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס סאַנדראַ וויל פון אים, נאָר
אירע אויגן האָבן אין דער פינצטער געלויכטן ווי ליכטעלעך
וואָלטן זיך אין זיי געצונדן. איר שטימע איז געווען ווייך, ווי
יעדעס וואָרט וואָלט אים געגלעט, האָט ער געענטפערט:

— אודאי, וועל איך זיך פאַר דיר אָננעמען, נאָך אַלעמען
ביסטו שוין ניט קיין קינד. צו פופצן יאָר איז מען שוין אַ
גרויסע מיידל.

— כ׳בין שוין כמעט זעכצן! — האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן,
זיך אויסגעצויגן און אַרויסגעשטעלט אירע יונגע בריסטלעך — קוק
ווי הויך איך בין!

בעני האָט געקוקט און זיך געוואונדערט:

דזשי! . . . האָט ער געזאָגט און זיך אויך אויפגעשטעלט.
דזשי, ביסט טאַקע הויך . . . ווייסט וואָס, סאַנדראַ, אַט וועל איך
אַרויפקריכן אויפן „פייער־עסקייפ״, אַריין דורכן פענצטער און
עפענען פאַר דיר די טיר.

סאַנדראַ׳ן איז עס זייער געפעלן, נאָר זי האָט מורא געהאַט:

— נייק, בעני, מ׳קאָן נאָך דערהערן און מיינען, אַז אַ גנב
קריכט. כ׳וועל דיר ניט לאָזן.

בעני האָט אַ ווײַלע געטראַכט, אַ קנאַק געטאָן מיט די
פינגער:

— מיין שליסל! אַ באַי, מיין שליסל! מיט אַזאַ שליסל קאָן
איך עפענען אַלעמענס טירן, האָט ער איר געוויזן זיין פּאַס־שליסל.

סאַנדראַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שליסל און אַ לאַכנדיגע זיך
געלאָזט לויפן אַרויף די טרעפּ, בעני נאָך איר. ביי דער טיר האָט
זי אים אַ גליקלעכע צוריק געגעבן דעם שליסל און בעני האָט אָפּ־
געשלאָסן די טיר. סאַנדראַ האָט אים אָנגעקוקט מיט שיינענדיגע
אויגן, שטיל געזאָגט:

— בעני, קאָנסט מיר אַ קוש טאָן, אויב דו ווילסט . . .

כאָטש בעני קאָן שוין סאַנדראַ׳ן זייער לאַנג, זינט זיי זיינען
קליינע קינדער געווען, האָט ער אָבער איר נאָך קיינמאָל ניט גע־

קושט. קיינער פון די אינגלעך האָבן איר ניט געקושט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר איר. סאַנדראַ האָט זיך געקאָנט שלאָגן און טאָמער האָט מען איר נאָר פאַרטשעפּעט, האָט זי זיך געגראַבלט ווי אַ קאַץ. איצט איז סאַנדראַ געשטאַנען זייער נאָענט צו אים, די ליפּן אָפן, האָט ער איר אַרומגענומען און געקושט.

קיינער האָט סאַנדראַ׳ן ניט געהערט אַריינקומען, בלויז דאָרע האָט אַן אומרואיִקע זיך אַ דריי געטאָן אויף דער אַנדער זייט. אַז סאַנדראַ איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי באַהאַלטן דעם פּנים אין קישן און געלאַכט, איצט איז איר גוט. בעני׳ס שליסל וועט שוין פאַר איר עפענען די טיר. אַז בעני וועט ווערן איר חתן, אין דעם איז זי געווען זיכער.

* * *

סאַנדראַ האָט אויפגעהערט אַרומשלעפּן זיך מיט אַנדערע אינגלעך, ■ט געוואָלט מער גיין טאַנצן מיט אימעצן אַחוץ מיט בעני׳ן. זי האָט געפילט, אַז זינט ער האָט פאַר איר די טיר אויפ־געשלאָסן, איר געקושט אין פינצטערן קאָרידאָר, איז ער געוואָרן איר פריינט, איר געליבטער. זי האָט אים טאַקע אַזוי געזאָגט:

— בעני, דו ביסט מיר איצט געוואָרן זייער טייער, אַזוי אַז כ׳וויל מער קיין אַנדערע אינגלעך ניט אָנקוקן, קאָנסט זיי עס זאָגן אויב דו ווילסט. זי האָט אויף אים אַ פאַרשעמדיקן קוק געטאָן: אויב אָבער, דו וועסט איצט לאַכן פון מיר, וועל איך מיין גאַנצן לעבן מיט דיר ניט רעדן.

בעני׳ן איז אַזש הייס געוואָרן. די שפּיץ פינגער זיינען אים שטייף געוואָרן. ער האָט גלייך אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז סאַנדראַ איז זיין כלה, אַז אַזוי שנעל ווי ער ענדיקט פאַר דאָקטאָר, וועלן זיי חתונה האָבן. סאַנדראַ׳ן האָט ער נאָך דערפון ניט אויסגעזאָגט, ער האָט איר אָבער געקויפט אַ רינגעלע, מיט אַ שטיינדל אינמיטן. סאַנדראַ האָט עס אַ גאַנצן אָוונט געטראָגן אויפן פינגער, אָבער איידער זי איז אַריין אין הויז, האָט זי עס אַ קוש געטאָן און באַ־האַלטן, ווען איר טאַטע דערזעט עס, וואָלט ער זיכער איר געהייסן עס אָפּגעבן צוריק. די מאַמע וואָלט זיך די פינגער געקנאַקט און שטיל געזיפצט וואָס דאָרע האָט נאָך ניט אַזאַ רינגעלע.

מרס. שולמאַן האָט באַמערקט, אַז סאַנדראַ לויפט ניט מער אַרום ווי אַ ווילדע איבער די גאַסן, זי זיצט זיך אויפן גאַניק און וואַרט אויף בעני׳ן.

זי איז פאַרט אַ וואויל קינד, האָט זי געזאָגט צו איר קראַנקן מאַן. אַט האָט זי אויפגעהערט זיך אַרומשלעפּן מיט אינגלעך. זי זיצט בלויז מיט בעני׳ן, אַ טאַטנס אַ קינד. ער העלפט אַרויס אין סטאָר, זאָל זי זיצן מיט אים. זי וועט זיך נאָך געוווינען אָנמאַטערן אין לעבן, הלואי וואָלט זי אַזוי ניט אויסגעמידן קיין מענטשן... האָט זי געקוקט צו דאָרע׳ס צימער. מרס. שולמאַן האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז נאָכדעם ווי אַלע שלאָפן איין, בעני׳ס טאַטע פאַרמאַכט די סטאָר, גייען זיי ביידע אַוועק אין פּאַרק און זיצן דאָרט ביז שפּעט ביינאַכט.

טאָקע אין פּאַרק האָט בעני זיך איר דערקלערט אין ליבע. ס׳איז אים געווען שווער צו זאָגן עפּעס, כאָטש ער האָט אַ גאַנצן טאָג געטראַכט וועגן דעם. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער אַרויסגעפּלאַצט, און געזאָגט גאָרניט דאָס וואָס ער האָט געטראַכט. ער האָט בלויז געזאָגט:

— סאַנדראַ, איך טראַכט אַז מיר ביידע זאָלן חתונה האָבן... אויב דו וועסט נאָר וועלן וואַרטן אויף מיר . . .

סאַנדראַ האָט זיך זייער דערפרייט. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין, איז איר פונדעסטוועגן געווען אומעדיק וואָס בעני זאָגט גאָרניט וועגן דעם. בעני האָט דעם אָוונט אויסגעקוקט אין אירע אויגן ווי איר העלד, איר באַפרייער, איר בעסטער פריינט. ער וועט זי אַרויסרייסן פון שטוב, זי וועט פּטור ווערן פון דעם שרעק צו דאַרפן גיין אין דאָרע׳ס שאַפּ, ניט דאַרפן הערן איר טאַטנס מאַנען. כאָטש פאַר איר טאַטן טוט איר ווייִ דאָס האַרץ. ער איז שוין זייער קראַנק, ליגט אין בעט און קרעכצט. זיין פּנים איז געוואָרן געל, אויסגעצויגן, די אויגן שפּיציק, בייז. דאָרע׳ן קען ער דאָך ניט טשעפּן, זי איז איצט די איינציגע פאַרדינערקע, לאָזט ער אויס זיין ביטער האַרץ צו איר, און זי טאָר אים ניט ענטפערן אַנטקעגן, די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל שווייגן, ער טאָר זיך ניט אויפרעגן. און דאָרע! זי איז געוואָרן נאָך מער פאַרביסענער, שווייגנדיגער. „זי האָט צרות פון באָס״, האָט די

מאַמע סאַנדראַ׳ן דערציילט, ס׳איז איר נעבעך הייס און שווער. וועגן דאָרע׳ן קאָן סאַנדראַ ניט פאַרגעסן; ס׳האָט פּאַסירט אַ ביי־נאַכט, ווען סאַנדראַ איז צוריק געקומען פון פּאַרק אַ פריילעכע און דערהערט דאָרע׳ן וויינען פון שלאָף, זי האָט געוויינט אַזוי יאָמער־דיג, אַז סאַנדראַ האָט זיך דערשראָקן. זי איז אַריינגעקראָכן צו איר אין בעט, איר גענומען וועקן. דאָרע האָט אַרומגעכאַפּט סאַנדראַ׳ן, זיך געטוליעט צו איר און ניט אויפגעהערט צו כליפּן. אַז זי האָט געעפנט די אויגן, דערקאָנט סאַנדראַ׳ן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן און אַ פאַרשעמטע געזאָגט:

— גיי צו דיר אין בעט, ס׳איז בלויז אַ חלום . . .

סאַנדראַ האָט שוין אָבער ניט געקאָנט איינשלאָפן. דאָרע׳ס וויינען האָט איר אינגאַנצן צעטרייסלט. עפּעס האָט זי גענומען פאַרשטיין, אַז דאָרע׳ס וויינען האָט אַ שייכות מיט איר איינזאַמען, פאַרהאָרעוועטן לעבן. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט, אַז ווען זי וועט אַוועק אין שאַפּ, וועט זי אויך קריגן אַזוינע בלויע רעדער אַרום די אויגן. אירע ליפּן וועלן ווערן אַזוי צוזאַמענגעצויגן ווי דאָרע׳ס. סאַנדראַ האָט אויפגעהערט צו פילן אַ האַס צו דאָרע׳ן, ווייל זי, סאַנדראַ, וועט אויך אַזוי ווערן. איצט וועט איר בעני אַרויסראַטעווען פון שאַפּ, איר אַוועקנעמען פון הויז. זי האָט זיך אַ ציי געטאָן צו אים, אים געקושט אין די ליפּן:

— בעני, טייערער, ס׳איז מיר גוט מיט דיר . . . צו וואָס דאַרפן מיר וואַרטן? לאָמיר חתונה האָבן פריער! . . .

בעני׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אויך אַזוי געטראַכט. צו וואָס דאַרפן זיי טאַקע וואַרטן ביז ער וועט ענדיגן דאָקטאָר? זיי וועלן דאָך דאַרפן וואַרטן אַזויפיל יאָרן. האָט ער געזאָגט סאַנדראַ׳ן, אַז ער וועט דערוויל אָפּשפּאָרן יעדן סענט, וואָס ער פאַרדינט אין זיין טאַטנס סטאָר און אַזוי שנעל ווי ער וועט האָבן גענוג געלט, וועלן זיי חתונה האָבן.

— נאַרעלע, האָט סאַנדראַ מיט אים איינגע׳טענה׳ט, דו וועסט קאָנען גיין אין קאַלעדזש נאָך דער חתונה אויך. כ׳וועס אַפילו פון אַ סך פרויען, וואָס זיי לערנען זיך נאָך דער חתונה אויך. איך וועל אַפילו קאָנען ענדיגן היי־סקול און דערנאָך קריגן אַ שטעלע אין אַן אָפיס. כ׳וועל אַפילו קאָנען מיין טאַטן העלפן. ער אַרבעט ניט.

ביי בעני׳ן איז געווען רעכט אינגאַנצן ניט צו גיין אין קאָ־לעדזש. ער וועט קריגן אַרבעט. זיי קאָנען אַפּילו חתונה האָבן מאָרגן. סאַנדראַ האָט געקוואָלן. זי האָט אים אָבער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גאָרנישט זאָגן זיין טאַטע־מאַמע. סאַנדראַ קען זיין מאַמען, זי ווייס, ווי זי באַרימט זיך מיט איר בעני׳ן. ווי זי האָט צעקלונגען, אַז ער פאַנגט אָן אין סעפּטעמבער גיין אין קאָלעדזש. זיין מאַמע קאָן גלייך לויפן צו איר טאַטן און מאַכן דאָרט אַ סקאַנדאַל.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, פּונקט ווען סאַנדראַ האָט געדאַרפט ווערן זעכצן יאָר, האָט זי זיך פאַרפּוצט אין אירע זונטאָגדיקע שיך מיט די הויכע קנאָפּל, זיך פאַרקעמט די האָר אַרויף, מיט לעקעלעך אַרום און דערציילט איר מאַמען, אַז זי גייט ערגעץ וועגן קריגן אַרבעט, דאַרף זי אויסקוקן עלטער. מרס. שולמאַן האָט עפּעס ניט געוואָלט גלויבן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי איר געלאָזן אָנטאָן דאָרע׳ס נייע היטעלע מיטן פעדער און געקוואָלן, וואָס סאַנדראַ קוקט אויס כעין־הרע ווי אַ מיידל פון ניינצן. סאַנדראַ איז שוין געווען אַרויס פון טיר, האָט זי זיך אומגעקערט און אַ קוש געטאָן איר מאַמען. זי האָט עס געטאָן אַזוי פּלוצלינג, אַז מרס. שולמאַן האָט זיך אַזש דערשראָקן, נאָר אַז סאַנדראַ איז שוין געווען אַרויס, האָט איר ברייטער, פאַרשוויצטער פּנים, זיך נחת׳דיג צעשמייכלט:

— מיר פאַר איר . . .

בעני האָט געוואַרט אויף סאַנדראַ׳ן אויף דער צווייטער גאַס. ער איז אויך געווען פאַרפּוצט, אָבער זייער נערוועז. געהאַלטן אין איין צופּן זיינע פּיצינקע וואָנצעלעך:

— מיין מאַמע האָט מיר זייער נאָכגעקוקט, האָט ער סאַנדראַ׳ן אויפן וועג דערציילט. כ׳האָב איר געזאָגט כ׳דאַרף גיין וועגן קאָ־לעדזש, האָט זי מיר עפּעס ניט געגלויבט, געהאַלטן אין איין פרעגן, צו וואָס איך גיי. זי האָט מיר אָבער געגעבן פינף דאָלער צו קויפן ביכער און צען האָב איך מיינע אייגענע, האָט ער איר גע־וויזן זיין טייסטער מיט די געלט. — סאַנדראַ וואָס וועט דיין מאַמע זאָגן? דענקסטו, אַז דיין טאַטע וועט זיין זייער אין כעס?

סאַנדראַ האָט ניט געוואָלט טראַכטן וואָס נאָכדעם וועט זיין. אודאי ווייס זי, אַז איר טאַטע וועט זיין אין כעס. ס׳וועט זיך טאָן

חושך. און דאַרע וועט אַ שמייכל טאָן און זאָגן, וואָס זי זאָגט שטענדיג ווען סאַנדראַ טוט אַ שלעכטע זאַך: „כ׳האָב געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין״ . . . נאָר סאַנדראַ׳ן האָט עס ניט געאַרט. דאָן וועט זי שוין האָבן אַ מאַן, טאַ ווער קאָן איר עפּעס טאָן? האָט זי גענומען בעני׳ן אונטערן אָרעם, אים געשמייכלט אין פּנים אַריין און נאָך אַמאָל אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל געדענקען, אַז זיי זיינען עלטער. זי, סאַנדראַ איז אַכצן, און ער ניינצן. דו קוקסט אויס טאָקע ווי ניינצן יאָר, האָט זי געקוואָלן, ביסט הויך און שיין, און ווי קוק איך אויס, בעני?

בעני האָט איר באַטראַכט, זיינע אויגן האָבן זיך אים צעשיינט:

— דזשי, סאַנדראַ, מיר גייען טאָקע חתונה האָבן . . . אַזוי שנעל ווי מיר קריגן די „לייסענס״, גייען מיר גלייך צום רב. דענקסטו, אַז ער וועט וויסן ווער מיר זיינען?

סאַנדראַ איז געווען רואיג. זי ווייס אַלץ, וואָס זיי דאַרפן טאָן. זי האָט אַלץ באַזאָרגט. דער רב איז אַן אומבאַקאַנטער. מ׳וועט אים באַצאָלן, וועט ער זיי שוין חתונה מאַכן.

געקומען אַהיים זיינען זיי שוין פאַרנאַכט. זיי זיינען געבליבן שטיין נעבן סאַנדראַ׳ס הויז. סאַנדראַ האָט אַרויפגעקוקט צום פענצטער. דאַרע מוז שוין זיין אַהיים, האָט זי אַ טראַכט געטאָן. דער טאַטע מוז זיצן אין קיך ביים טיש. פּלוצלינג האָט סאַנדראַ זיך גענומען שרעקן, מורא געקראָגן אַרויפצוגיין אין הויז.

בעני אַליין איז אויך געווען צעשראָקן, האָט ער גענומען סאַנ־דראַ׳ס האַנט: — קום, מירן ביידע אַרויף. איך וועל זיי זאָגן, אַז מיר האָבן נאָר וואָס חתונה געהאַט.

סאַנדראַ האָט זיך דערשראָקן:

— ניין. מיין טאַטע איז קראַנק, ער׳ט זיך אויפרעגן, און דאַרע וועט הערן . . . אפשר גייען מיר פריער אַריין צו דיין מאַ־מען? כ׳דענק אַז זי גלייכט מיר . . .

בעני האָט זיך אַזש אַ רוק געטאָן אויף צוריק!

— צו מיין מאַמען? האָט ער גענומען שטאַמלען. נאָך ניט איצט . . . בעסער שפּעטער אַ ווײַלע . . .

זיי זיינען פאַרלאָרענע געבליבן שטיין, זיך אָנגעקוקט.

איבערן וועג, אין סטאָר, האָט בעני׳ס מאַמע זיי דערזען, זיך

געוואונדערט און געלאָפן צום טיר אים רופן, און אין דער הויך האָט אַ פענצטער זיך געעפנט. סאַנדראַ׳ס מאַמע האָט אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ און זיך צושריען:

— סאַנדראַ, אַ, סאַנדראַ, קום אַרויף עסן!

III

סאַנדראַ איז געשטאַנען ביים פענצטער און נאָכגעקוקט די מיידלעך, וועלכע זיינען געגאַנגען גרופּנוויז אין היי־סקול. זעכצן־זיבעצן יאָריגע מיידלעך, מיט היילע קעפּ און קורצע זאָקן, כאָטש אין דרויסן איז געווען זייער קאַלט.

סאַנדראַ קאָן די מיידלעך. מיט אַ סך פון זיי, איז זי געגאַנגען אין איין קלאַס. ערשט פאַריאָרן האָט זי פונקט ווי זיי, זיך גע־טראָגן מיט ביכלעך און אויפן וועג געשמועסט וועגן „דעיטס״ און וועגן אינגלעך. ווען מ׳האָט גערעדט וועגן בעני׳ן פלעגן די מייד־לעך זיך איבערווינקען; ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז בעני האָט ליב סאַנדראַ׳ן. זי האָט געוואוסט, אַז זיי סוד׳ן זיך, אַז ס׳איז דער־פאַר, וואָס בעני וואוינט גלייך אַנטקעגן איר, איבערן וועג, ווינקען זיי זיך איבער דורכן פענצטער און מאַכן אַ „דעיט״. סאַנדראַ׳ן האָט ניט געאַרט וואָס זיי רעדן, זי האָט געוואוסט, אַז זיי זיינען איר מקנא.

איצט איז בעני איר מאַן און קיינער איז איר שוין נישט מקנא. פאַרקערט, איר דאַכט זיך, אַז זי איז זיי מקנא, וואָס זיי שפּאַצירן זיך אַזוינע רואיגע, זאָרגלאָזע, בשעת זי שטייט דאָ, איינע אַליין אין אַ גרויסע, פרעמדע הויז און קוקט אין פענצטער.

סאַנדראַ געדענקט גאַנץ גוט, אַז איידער זיי האָבן חתונה גע־האַט, האָט זי פאַרזיכערט בעני׳ן, אַז נאָך דער חתונה וועט זי ענדיגן היי־סקול, קריגן אַרבעט, וועט בעני קאָנען אָנהויבן קאָלעדזש, זיך לערנען פאַר אַ דאָקטאָר, ווי זיין מאַמע האָט געפּלאַנעוועט. צום סוף, אַרבעט בעני ביי זיין טאַטע־מאַמע אין דער גראָסערי־סטאָר און זיין מאַמע, די מרס. זימערמאַן, דערציילט פאַר דער גאַנצער גאַס, אַז סאַנדראַ האָט זיי אַלעמען אומגליקלעך געמאַכט.

— זי האָט דאָך אים דעם קאָפּ פאַרדרייט! דערציילט זי

וועמען זי דערזעט נאָר. — אַ טייערער] קינד געווען . . . געזאָלט אָנפאַנגען קאַלעדזש, שוין אַפילו איינגעצאָלט געלט, האָט זי זיך אים אָנגעהאַנגען אויפן האַלדז, געמאַכט צו אים חנ׳דלעך און פונקט צוויי וואָכן פאַר קאַלעדזש, האָבן זיי חתונה געהאַט! . . . קוקט זי אויף די ווייבער מיט פאַרבראָכענע הענט.

די ווייבער קאָנען דער מרס. זימערמאַן. זיי ווייסן, אַז אפילו איר אייגענער מאַן האָט מורא פאַר אירע שאַרפע, גרויע אויגן און דין פאַרביסענע ליפּלעך. זיי ווייסן, אַז ס׳איז סאַנדראַ׳ן נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. אַ שכנה פרעגט איר:

— זיי זיינען דאָך ביידע אַזוי יונג, כמעט נאָך קינדער, טאָ ווי אַזוי האָבן זיי עס געמעגט חתונה האָבן אָן דער צושטימונג פון טאַטע־מאַמע?

מרס. זימערמאַן האָט זיך דערפרייט:

— אָט דאָס איז דאָך מיין טענה! מ׳האָט אַלעמען אָפּגע־נאַרט און פאַרטיק! טענה איך די גאַנצע צייט, מ׳קאָן בטול מאַכן די חתונה . . . איז איידער איך האָב געפועל׳ט ביי מיין מאַן, איידער וואָס, ווען, שוואַנגערט זי שוין! . . .

סאַנדראַ האָט געוואוסט, אַז מרס. זימערמאַן באַרעדט זי. שכנות דערציילן עס איר מאַמען. מאַנט דערנאָך איר מאַמע ביי איר, וואָס זי וואוינט ביי דער שוויגער. — זי וועט דיר נאָך בעני׳ן אָפּרעדן. טענה׳ט זי איין מיט איר.

סאַנדראַ געדענקט דעם פאַרנאַכט, ווען זיי זיינען צוריקגעקו־מען פון רב. ווי זיי זיינען געבליבן שטיין דערשראָקענע לעבן איר הויז. זי האָט מורא געהאַט אַרויפצוגיין זאָגן איר טאַטע־מאַמע, און בעני איז שיר אַנטלאָפן, ווען ער האָט דערהערט, אַז זיין מאַמע רופט אים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר:

— מיין מאַמע רופט מיר . . .

יאָ, האָט סאַנדראַ אין דער שטיל געזאָגט. — איך הער. און מיין מאַמע רופט מיר עסן סאַפּער . . .

מרס. זימערמאַן האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף בעני׳ן, איז זי אַריבער צו זיי. זי האָט שטרענג געפרעגט:

— בעני, וואָס שטייסטו דאָ?

בעני האָט געהאַלטן סאַנדראַ׳ס האַנט. זיין שטימע איז געוואָרן הייזעריקלעך:

— מאַמע, מיר האָבן נאָר וואָס חתונה געהאַט! . . .

סאַנדראַ׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז מרס. זימערמאַן נעמט אים נישט ערנסט; מסתמא מיינט זי, אַז בעני שפּאַסט, ווייל זי האָט עפּעס אַזאַ לייכטן שמייכל געטאָן. — אויב אַזוי, האָט סאַנדראַ אַ טראַכט געטאָן, — וועל איך איר עפּעס וויַיזן. זי האָט אַ דריי געטאָן די לינקע האַנט. דאָס בלישטשענדיג, קיילעכדיג רינגל אויף סאַנדראַ׳ס פינגער, האָט אַ פינקל געטאָן. מרס. זימערמאַן האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויפן רינגל. זי האָט פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן בעני׳ס האַנט:

— דו שפּאַסט, בעני!.. זאָג מיר, מיין קינד, אַז דו שפּאַסט!..

בעני האָט אַ פאַרשעמטער אַרויסגעריסן זיין האַנט. און סאַנ־דראַ האָט גענומען לאַכן: — איצט וועט זי שוין גלויבן. האָט זי מיט נצחון געקוקט אויף בעני׳ס מאַמען. כדי שכנים זאָלן גאָרנישט הערן דורך די אָפענע פענצטער, איז זי אַריינגעלאָפן אין קאָרידאָר און גענומען לויפן אַרויף די טרעפּ. זי האָט געוואוסט, אַז בעני וועט איר נאָכלויפן. ער איז איצט איר מאַן. זי האָט זיך אָבער דערשראָקן ווען זי האָט דערהערט, אַז מרס. זימערמאַן קומט אויך אַרויף.

ביי די שולמאַנ׳ס אין קיך האָט מען דאַן געגעסן סאַפּער. פאַר סאַנדראַ׳ן איז געשטאַנען אַנגעגרייט אַ שטול און אַליידיגער טע־לער אויפן טיש. מרס. זימערמאַן איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיך גלייך צעשריען:

— איר זעט שוין, וואָס אייער סאַנדראַ האָט דאָ אָפּגעטאָן?! זי האָט דאָך אומגליקלעך געמאַכט מיין בעני׳ן! . . .

מרס. שולמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מרס. זימערמאַן שרייט. זי האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן. — ער׳ט זיך אויפרעגן. האָט זי אַן אומרואיגע אַ טראַכט געטאָן.

— וואָס שרייט איר? וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען? האָט מרס. זימערמאַן זיך נאָך העכער צעשריען. איר אַליין ווייסט נישט? זיי האָבן דאָך נאָר וואָס חתונה געהאַט? . . . זי טראָגט דאָך שוין אַ רינגעלע! . . .

סאַנדראַ האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף איר טאַטע־מאַמען. אויף איר טאַטנס געל פּנים האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט ביים האַרצן, פּונקט ווי דאָרט וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן. איר מאַמעס פעטער פּנים האָט זיך אַזוי פאַרקרימט, אַז סאַנדראַ האָט נישט געקאָנט וויסן, צו זי שמייכלט, אָדער וויינט. אויף דאָרע׳ס פּנים האָט זי גאָרנישט גע־קאָנט דערקאָנען. זי איז געבליבן זיצן רואיג, ווי זי וואָלט עס דערוואַרטעט. סאַנדראַ׳ן האָט זייער פאַרדראָסן, וואָס פּונקט דאַן האָט דאָרע געדאַרפט זיין אין דער היים. איר האָט נישט געאַרט, וואָס איר טאַטע־מאַמע וועלן זאָגן. דער טאַטע וועט זיך אויס־שרייען, זיך אויסהוסטן, וועט דערנאָך מיט איר נישט רעדן אַ פּאָר טעג — און פאַרטיג. די מאַמע וועט זיך אויסוויינען און אַז קיינער וועט נישט זיין דערביי, וועט זי זיך מיט איר צעקושן. אָבער מיט דאָרע׳ן איז עפּעס אַנדערש. פאַר דאָרע׳ן האָט זי זיך געשעמט, דאָרע וועט פון איר לאַכן, זי וועט ביי יעדער געלעגנהייט איר דערמאָנען, אַז זי האָט חתונה געהאַט צו זעכצן יאָר, כדי זי זאָל נישט דאַרפן גיין אַרבעטן אין שאַפּ.

סאַנדראַ׳ן האָט זיך זייער געוואָלט זיי אַלעמען איבערלאָזן אין קיך, אַנטלויפן, און מער נישט דאַרפן צוריק קומען. זי וואָלט עס אפשר געטאָן, ווען זי דערהערט נישט, אַז דאָרע נעמט זיך אָן פאַר איר. דאָרע, וועלכע פלעגט אַלע מאָל זיך צו איר טשעפּן, איר פאַר׳מסר׳ן פאַרן טאַטן, וועלכע האָט נישט אַנדערש ווי גע־וואָלט, אַז סאַנדראַ זאָל צו זעכצן יאָר נעמען אַרבעטן אין שאַפּ, האָט גאָר געזאָגט:

— מרס. זימערמאַן, איך וועל אייך בעטן אויפהערן שרייען. קיינער האָט דאָ אייער בעני׳ן נישט אַריינגענאַרט . . . סאַנדראַ איז צוויי יאָר אינגער פון אים, אפשר האָט ער גאָר איר איינ־גערעדט ?

סאַנדראַ האָט זיך דערפילט זייער שלעכט ; ס׳וואָלט איר שוין גרינגער געווען, ווען דאָרע שרייט אויף איר, לאַכט פון איר. זי פלעגט זיך אַלעמאָל קריגן מיט דאָרע׳ן, געמיינט אַז דאָרע האָט איר פיינט, צום סוף נעמט זי זיך גאָר אָן פאַר איר.

סאַנדראַ וויל גאָרנישט טראַכטן, וואָס עס האָט זיך יענעם

אָונט אָפּגעטאָן ביי זיי אין קיך. ווי מרס. זימערמאַן האָט זיך געקריגט מיט איר מאַמען. בעני האָט דאַן אין דער שטיל צו איר אַ זאָג געטאָן:

— קום, סאַנדראַ, לאָמיר בעסער אַרויס פון דאַנעט . . .

סאַנדראַ האָט אים נישט געוואָלט ענטפערן. זי איז געווען אין כעס אויף אים. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, וואָס ער שטייט ווי אַ דערשראָקן קינד. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול. — זאָל זי שרייען, האָט זי געטראַכט. — זאָל זי שרייען . . . מיר אַרט עס נישט . . . זי האָט אָבער דערהערט, ווי מרס. זימערמאַן פרעגט דאָרע׳ן:

— וואָס שמייכלט איר אַזוי? וואָס פרייט איר זיך, וואָס אייער שוועסטערל וועט נישט בלייבן זיצן אַן אַלטע מויד?! . . .

סאַנדראַ׳ן האָט עס אַ ברי געטאָן. זי איז אויפגעשפרונגען מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזוינע בליצן אין די אויגן, אַז מרס. זימערמאַן האָט גענומען זיך רוקן אויף צוריק. דאָרע האָט אַ כאַפּ געטאָן סאַנדראַ׳ס האַנט:

— מ׳דאַרף נישט, סאַנדראַ. האָט זי שטיל געזאָגט. — זעץ זיך אַוועק. פאַרגעס נישט, אַז זי איז איצט דיין שוויגער . . .

מרס. זימערמאַן האָט זיך דערפילט, ווי סאַנדראַ וואָלט איר אויף אַן אמת אויסגעפּאַטשט. זי איז אַרויסגעלאָפן פון קיך, זי איז אָבער גלייך צוריק געקומען. אירע אויגן האָבן פייכטע געקוקט אויף בעני׳ן: — קום מיין קינד אַהיים עסן. האָט זי געקוקט אויף אים מיט געבעט. — דו האָסט דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן!

סאַנדראַ האָט גלייך ביי זיך באַשלאָסן, אַז אויב בעני וועט נישט ענטפערן ווי אַ מאַן, אַז ער דאַרף בלייבן מיט זיין ווייב, וועט זי מער אויף אים אפילו נישט אַ קוק טאָן. בעני האָט שוין געזען, אַז סאַנדראַ איז אין כעס. אַזוי פלעגט זי אויסקוקן, ווען זיי פלעגן זיך קריגן, ווען זי פלעגט אים שרייען אין פּנים אַריין, אַז זי האָט אים פיינט. ער האָט אויף שנעל געענטפערט:

— איך וועל נישט גיין אָן סאַנדראַ׳ן . . . זי איז מיין ווייב. . .

מרס. זימערמאַן האָט מיט שנאה אַ קוק געטאָן אויף סאַנדראַ׳ן און איז אַרויס.

סאַנדראַ האָט פּריי אָפּגעאָטעמט. זי איז געווען צופרידן צו בלייבן זיצן אין קיך. אויב איר טאַטע־מאַמע וועלן מאַנען ביי איר, וועט זי שווייגן, ווייל זי וועט שוין נישט פאַרגעסן, אַז זיי האָבן זיך פאַר איר אָנגענומען. זי געדענקט טאַקע, אַז ווען מרס. זימער־מאַן איז אַרויסגעלאָפן, בעני איז געבליבן שטיין אין קיך ווי אַ פרעמדער, אַ פאַרלאָרענער, איז דאָרע געווען די ערשטע צו רעדן צו אים. זי האָט געזאָגט.

— זעץ זיך, בעני, לעבן סאַנדראַ׳ן. וועסט עסן סאַפּער מיט אונז. מאַמע, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דער פאַרוויינטער מרס. שולמאַן, — גיב זיי עסן. לאָמיר אַלע ענדיגן דאָס עסן . . .

מר. שולמאַן האָט זיך צעהוסט. ער האָט געהוסט לאַנג און כריפּעדיג. זיין פּנים איז געוואָרן אַש־גרוי. סאַנדראַ׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז איר טאַטע קוקט אויס עלטער ווי אַלעמאָל. ווען קיי־נער וואָלט נישט געווען דערביי, וואָלט זי זיך דאַן צעוויינט. נישט נאָר דערפאַר, וואָס איר טאַטע קוקט אויס אַלט, און אויך נישט דערפאַר, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט בעני׳ן, ס׳איז איר בלויז געווען שווער אויפן האַרצן. זי האָט געמיינט, אַז זי האָט אַלץ פריער אויסגערעכנט. זי האָט געוואוסט, אַז ס׳וועט זיך טאָן חושך, ווען זיי וועלן צוריק קומען פון רב. פונדעסטוועגן האָט זי זיך געטרייסט, אַז בעני וועט זיך פאַר איר אָננעמען. צום סוף, האָט ער גאָר מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל. איר טאַטע, וועלכער פלעגט אויף איר שרייען, איר נישט געוואָלט דורכן טיר אַרויסלאָזן און פלעגט וואָרענען דער מאַמען, אַז זי וואַקסט אַ ווילדע, האָט גאָר געקוקט אויף זיי מיט רחמנות:

גיט נאָר אַ קוק. האָט ער אַ זאָג געטאָן ווען ער האָט אויפ־געהערט צו הוסטן. — גיט נאָר אַ קוק. אַ פּאָר דערשראָקענע קינדער . . . וואָס טוט מען איצט מיט זיי —

ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט ווי סאַנדראַ מיט בעני׳ן וואוינען דאָ, ביי דער מרס. זימערמאַן, אין דער גרויסער, ציכטיק צוגעפּוצטער הויז, און בשעת סאַנדראַ דרייט זיך דאָ אַרום אַליין, באַרעדט איר מרס. זימערמאַן דאָרט אין דער גראָסערי. זי דערציילט אַלעמען, בכיון אין דער הויך, כדי בעני זאָל אויך הערן, אַז איר בעני אַר־

בעט אַזוי שווער און זי, סאַנדראַ, שטייט אינדערהויך, גאַנצע טעג ביים פענצטער און טוט גאָרנישט. — איידער זי האָט געגומען שוואַנגערן, דערציילט זי, — פלעגט די גאַס מיט איר אַראָפּ־קלינגען; כאַ־כאַ־כאַ און כאַ־כאַ־כאַ! . . . איצט קוקט זי אין פענצטער און שווייגט. רעדט נישט צו קיינעם און וויל נישט אַרויס אין גאַס! . . .

איידער סאַנדראַ האָט זיך דערוואוסט, אַז זי שוואַנגערט, האָט בעני צו איר איינמאָל געזאָגט:

— סאַנדראַ, דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז נאָך דער חתונה וועסטו ענדיקן היי־סקול און איך וועל דערנאָך קאָנען גיין אין קאַלעדזש. כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳וועט זיין „פּאַן" חתונה צו האָבן. צום סוף איז עס גאָר נישט אַזוי גוט. כ׳ווייס נישט, וואָס ס׳וועט זיין מיט אונז . . .

סאַנדראַ האָט זיך געביסן די ליפּן. זי האָט אים מיט גוטן דערקלערט, אַז ס׳איז זיי שלעכט, דערפאַר וואָס זיין מאַמע האָט איר פיינט. — אַז זי פאַרגעסט גאָר, אַז איך בין דיין וויב! האָט זי מיט אים איינגע׳טענה׳ט. אַט וועסטו זען, איך וועל קריגן אַר־בעט. דערנאָך וועסטו קריגן אַן אַנדערע שטעלע, וועלן מיר זיך אַרויסציען פון דאַנעט. דאַן וועט אונז זיין גוט! . . .

אויף מאָרגן האָט סאַנדראַ זיך פאַרפּוצט אין איר שענסטע קליידל, אָנגעטאָן שיך מיט הויכע קנאַפּל און אַוועק איבערן שטאָט זוכן אַרבעט. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט קריגן, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז זי איז הויך און שיין, וועט מען מיינען אַז זי איז עלטער און זי וועט שוין געפעלן אַ באַלעבאָס.

ווען זי איז צוריק געקומען איז שוין געווען שפּעט. בעני האָט שוין געגעסן סאַפּער. מרס. זימערמאַן האָט אַ ברוגז׳ע אונטער־געררוקט פאַר סאַנדראַ׳ן אַ טעלער פלייש. סאַנדראַ האָט אָבער נישט געקאָנט עסן. זי האָט געפילט זייער שלעכט, נישט נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט, נאָר ס׳האָט איר זייער וויי געטאָן אין בויך פון אַרומקריכן אויף אַזויפיל טרעפּ. דער ריח פון דעם פלייש איז איר אַריין אין נאָז און זי האָט פלוצלונג גענומען ברעכן. בעני האָט זיך דער־שראָקן. אָבער זיין מאַמע האָט נאָכגעקוקט דער בלאַס־געוואָרענער

סאַנדראַ'ן און גענומען ברעכן מיט די הענט. זי האָט גענומען זיך סוד'ן מיטן מאַן, אַז סאַנדראַ שוואַנגערט.

צוויי טעג איז סאַנדראַ געלעגן ביי זיך אין צימערל און קיינעם נישט צוגעלאָזן צו זיך. זי האָט שוין געוואוסט, אַז זי שוואַנגערט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט האָבן אַ קינד. זי האָט געוויינט אין קישן אַריין, אַז זי האָט צוגעזאָגט בעני'ן, אים העלפן ער זאָל קאָנען גיין אין קאלעדזש. ווי אַזוי וועט זי אים איצט קאָנען העלפן? דערצו האָט זי זיך געשראָקן, אַז ווען איר בויך וועט ווערן גרויס, וועלן אַלע אין גאַס לאַכן פון איר.

טעג איז סאַנדראַ אַרומגעגאַנגען און געטראַכט, וואָס זי זאָל טאָן. אַז ס'איז איר מיאוס געוואָרן צו זיצן אין הויז, האָט זי זיך פאַרוויקלט אין איר מאַנטל, פונקט ווי זי וואָלט שוין געדאַרפט עפּעס פאַרשטעלן און איז אַריבערגעלאָפן צו איר מאַמען. כאָטש איר מאַמע איז געווען אַליין אין הויז, האָט סאַנדראַ איר אַריינגערופן אין אַ צווייטן צימער און זיך פאַר איר פאַרטרויט, אַז זי וויל נישט שוואַנגערן, זי וויל גיין צו אַ דאָקטאָר.

איר מאַמע האָט אַזש אויסגעשפּיגן!

— וואָס רעדסטו, ביסט משוגע, צו וואָס? ווילסט זיך אומגליקלעך מאַכן? . . . — האָט זי זיך געבייזערט, — גיי צוריק און שלאָג זיך אַזוינע נאַרישקייטן פון קאָפּ אַרויס! . . . ביסט שוין נישט קיין קינד . . . ווערסט שוין אַליין אַ מאַמע! . . . האָט מרס. שולמאַן איר גע'מוסר'ט און בשעת מעשה געטראַכט וועגן דאַרע'ן, וועלכע טריקנט אין שאָפּ.

סאַנדראַ האָט באַשלאָסן זיך דורכרעדן מיט בעני'ן. פריער האָט זי נישט געוואָלט רעדן מיט אים וועגן איר שוואַנגערשאַפט, זי האָט זיך געשעמט, נאָר אויב איר מאַמע וויל איר נישט העלפן, וועט זי רעדן מיט אים, אים דערציילן אַז זי וויל גיין צו אַ דאָקטאָר. ס'קאָן זיין, אַז בעני וויל אויך נישט קיין קינד. האָט זי זיך געטרייסט. זי האָט שוין לאַנג באַמערקט, ווי ער קוקט אויף איר בויך אַ פאַרזאָרגטער, וועט ער פאַרשטיין ווי זי פילט. אָבער ווען זי האָט דערהערט בעני'ן אויף די טרעפּ, איז זי אַנטלאָפן צו זיך אין צימערל און אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ערשט פאַרנאַכט, ווען זי האָט געהערט בעני'ן רעדן אין קיך, געוואוסט אַז

דאָרט איז איצט ליכטיק, אַז זיין מאַמע גרייט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטוך, האָט זי נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן צו בלייבן אַליין אין דער פינצטער און איז אַריין אין קיך. אָבער אַזוי שנעל, ווי זי איז נאָר דורך די טיר, האָט זי גלייך חרטה געהאַט און זי איז אויף שנעל אַרויס צוריק.

מרס. זימערמאַן האָט איר נאָכגעקוקט ווי איינער זאָגט: זי איז שוין אינגאַנצן משוגע!... בעני האָט זיך געשעמט פאַר זיין מאַמען, וואָס סאַנדראַ אַנטלויפט פון אים. ער האָט לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר טוט זיך, פאַרוואָס זי פאַרשפּאַרט זיך גאַנצע טעג אין זייער צימער. ער ווייס, אַז פאַר דער חתונה איז זי געווען אַזאַ פריילעכע, אַזאַ צוגעלאָזענע, און איצט אַנטלויפט זי פון אים, האָט ער איבערגעלאָזן דאָס עסן אויפן טיש און אַוועק צו סאַנדראַ'ן. ער האָט איר געפונען ליגן אין בעט אין דער פינ־צטער. ער האָט אָן אויפגערעגטער אָנגעצונדן די עלקטריק און אַ קוק געטאָן אויף איר:

— שעמסט זיך גאָרנישט צו ליגן גאַנצע טעג אין בעט?

סאַנדראַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זיך אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן אים:

— בעני זימערמאַן, דאַרפסט זיך שעמען צו רעדן אַזוי צו מיר! און וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזוינע אויגן? דו ווייסט אַז איך שוואַנגער!... טאָ פאַרוואָס שווייגסטו? פאַרוואָס רעדסטו מיט מיר נישט וועגן דעם?... האָסט מורא?!...

בעני'ן האָט פאַרדראָסן וואָס זי שרייט אַזוי הויך, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיין מאַמע הערט זיך צו הינטערן טיר. האָט ער זיך ביי איר געבעטן:

— דאַרפסט נישט רעדן אַזוי הויך אַלע זאָלן הערן... און אַז סאַנדראַ האָט גענומען לאַכן, האָט ער פאַרגעסן, אַז זיין מאַמע קאָן אים הערן און זיך צעשריען:

— איך האָב נישט קיין מורא, נאָר איך האָב נישט וואָס צו רעדן מיט דיר וועגן דעם...

סאַנדראַ האָט זיך דערפילט ווי בעני וואָלט איר אויסגע־פּאַטשט; הייסט עס, אַז ער האָט נישט וואָס צו רעדן מיט זיין ווייב? האָט זי אים אַ לאַך געטאָן אין פּנים!

— כ'ווייס, אַז דו האָסט גאָרנישט וואָס צו רעדן . . . דיין מאַמע רעדט שוין פאַר דיר . . . דיין מאַמע האָט דיר שוין מסתמא געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דו דאַרפסט נישט קיין קינד ! . . . זי וואָלט אודאי געוואָלט כ'זאָל מפּל'ן ! . . . זאָג, וואָס נאָך האָט זי דיר איינגערעדט ? האָט סאַנדראַ געשריען מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים.

בעני האָט אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס און צוריק געשריען :

— איך פאַרשטיי אַליין, אַז איך טאָר נישט טראַכטן איצט וועגן אַ קינד ! . . . כ'וויל נישט קיין קינד ! . . . כ'וויל בעסער גיין אין קאלעדזש . . . אָט וואָס איך וויל ! כ'וועל נישט בלייבן שטעקן דאָ אין דער גראָסערי. כ'וויל ווערן אַ דאָקטאָר ! דו האָסט עס געוואוסט ! . . .

סאַנדראַ האָט אים נישט געלאָזן ענדיקן. אירע גרינלעכע אויגן זיינען אַזש שוואַרץ געוואָרן. ס'האָט איר פאַרפעלט אָטעם :

— בעני זימערמאַן, אויב דו רעדסט אויס נאָך איין וואָרט, אַז איך האָב דיר איינגערעדט מיט מיר חתונה צו האָבן, ווי דיין מאַמע דערציילט אַלעמען, וועל איך נעמען אַזוי שרייען, אַז די גאַנצע גאַס שכנים וועלן זיך צונויפלויפן. כ'וועל פאַר אַלעמען דערציילן וואָס פאַר אַ מאַן איך האָב . . . האָסט נישט וואָס צו לאַכן, בעני, כ'וועל שרייען ! כ'וועל אַלעמען דערציילן ! . . . זי איז פּלוצלינג געוואָרן שטיל. מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף בעני'ן. — בעני, האָסט חרטה, וואָס מיר האָבן חתונה געהאָט ? איצט, האָסטו חרטה ?

בעני'ן האָט אַזש פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר סאַנדראַ'ן. ער האָט נישט געקאָנט ליידן וואָס זי קוקט אויף אים מיט אַזוינע צעוויי̇טיקטע אויגן. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט איר איבערבעטן. ער האָט אָבער אַ פאַר'עקשנ'טער אַראָפּגעקוקט אויף זיינע פיס און פונקט ווי אימיצער וואָלט אים געצוואונגען צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט גאָרנישט געוואָלט, האָט ער געזאָגט :

— מיר האָבן נישט געטאָרט חתונה האָבן . . . מיר האָבן נישט געטאָרט ! . . .

סאַנדראַ האָט אָפּגעוואָרט ביז בעני איז צוריק אַוועק אין קיך.

זי האָט דורכן פענצטער אַריבערגעקוקט צו איר מאַמעס הויז. אין איין פענצטער איז געווען ליכטיק. דאָס איז דער צימער, וואו זי מיט דאַרע'ן פלעגן שלאָפן. ווייזט אויס, אַז דאַרע איז שוין גע־קומען פון דער אַרבעט. מסתמא האָט זי שוין אָפּגעגעסן און איצט רוט זי זיך אין בעט. די מאַמע וואַשט מסתמא איצט די כלים.

סאַנדראַ האָט אַ פאַרקלעמטע זיך אַוועקגעדרייט פון פענצטער. זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער קיך דאָ, אין דער הויז. דאָ זיצט בעני, איר מאַן, וועלכער האָט נאָר וואָס געשריען אויף איר, אַז ער האָט חרטה, וואָס ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. זיין מאַמע, די מרס. זימערמאַן, מוז שמייכלען מיט אירע דינע, פאַר־ביסענע ליפּן. זי מוז זיך פרייען, וואָס בעני האָט געשריען אויף איר, סאַנדראַ'ן, און וואָס ער איז צוריק געקומען עסן. וועגן איר, סאַנדראַ'ן, האָבן זיי שוין מסתמא אינגאַנצן פאַרגעסן. וועט זי זיי ווייזן, אַז איר אַרט עס נישט. זי וועט אַריבערלויפן צו איר מאַ־מען און זיי וועלן נישט וויסן וואו זי איז אַהינגעקומען! . . .

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך איר מאַנטל, אויף די שפּיץ פינגער זיך אַרויסגעשאַרט פון הויז. זי האָט נישט געוואָלט, אַז אין קיך זאָל מען הערן, אַז זי גייט אַרויס. זאָלן זיי פּלוצלונג אויסגעפינען, אַז זי איז נישטאָ.

מרס. שולמאַן, איר מאַמע, האָט זיך דערפרייט מיט איר. זי האָט זיך אָפּגעווישט די נאַסע הענט אָן פאַרטוך, און אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר, אַ גאַסט! כ'האָב טאַקע זיך געוואונדערט, וואָס דו קומסט נישט אַריבער.

איר טאַטע, מר. שולמאַן, האָט אַוועקגעלייגט זיין צייטונג, מיט חשד אַ קוק געטאָן אויף סאַנדאַר'ן. ס'האָט זיך אים נישט גע־גלויבט, אַז זי איז אַריבערגעקומען סתם אַזוי. ער געדענקט, אַז ווען סאַנדראַ פלעגט קומען פון ערגעץ אַט אַזאַ שטילינקע, מיט אַ פרום, פאַרשולדיגט פנים, פלעגט זי זוכן צו באַהאַלטן עפּעס. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו מרס. שולמאַן:

— ס'איז שוין עפּעס נייעס.

סאַנדראַ האָט זיך געביסן די ליפּן, זיך גע'יושב'ט, צי זאָל

זי דערציילן טאַטע־מאַמע, אַז זי וויל נישט צוריקגיין צו מרס. זימערמאַן, אָדער זי זאָל שוויגן. געזאָגט האָט זי עפּעס אַנדערש. גאָרנישט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט געזאָגט.

— מאַמע, ווילסט כ׳זאָל דיר העלפן ווישן די טעלער? דאַרפסטו זיך נישט וואונדערן, כ׳פלעגט אַלע מאָל דיר העלפן.

ערשט איצט, האָט מרס. שולמאַן דערזען, אַז סאַנדראַ קוקט אויס שלעכט. זי איז צוגעגאַנגען צו איר גאָר נאָענט, ווי זי וואָלט נישט געקאָנט זען פונדערווייטן, און אַ קרעכץ געטאָן. — ווײ איז מיר, ווי מיין קינד קוקט אויס . . . אין דער הויך האָט זי געזאָגט:

— קוקסט אויס פאַרוויינט, סאַנדראַ, האָסט זיך געקריגט מיט דיין שוויגער?

סאַנדראַ האָט אַ ביס געטאָן דעם אונטערשטן ליפּ:

— מאַמע, כ׳וועל מער ניט צוריקגיין צו בעני׳ן!

מרס. שולמאַן האָט זיך איבערגעקוקט מיטן מאַן. ער האָט געזאָגט: — כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז געשען. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו זיין ווייב, זי זאָל אַריינרופן דאַרע׳ן. סאַנדראַ׳ס שאַרפע אויג האָט עס באַמערקט. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

מאַמע, רוף נישט דאַרע׳ן. כ׳וויל נישט זי זאָל וויסן . . . כ׳וועל שוין בעסער צוריקגיין! . . .

מרס. שולמאַן האָט איר פאַרזיכטיג צוריקגעזעצט אויפן שטול:

— גוט, גוט. האָט זי איר באַרואיגט. — כ׳וועל איר נישט רופן . . . דערצייל אונז, וואָס איז דאָרט געשען. זי האָט זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן: — האָסט שוין געגעסן סאַפּער?

סאַנדראַ האָט שוין סיי ווי געהאַלטן ביים וויינען, האָט זי געזאָגט:

— זיי זיצן דאָרט אין קיך און עסן . .. איך האָב נישט געוואָלט אַריין. כ׳קאָן דאָרט נישט עסן . . .

מר. שולמאַן, בטבע אַ שוויגער, שטענדיג אַ צעוויטיגטער, האָט געפרעגט סאַנדראַ׳ן:

— און וואו איז דער תכשיט, דיין אַכצן יאָריגער מאַן? ער קאָן זיך פאַר דיר נישט אָננעמען?

סאַנדראַ׳ן האָט זייער ווייגעטאָן צו טראַכטן, אַז בעני נעמט זיך שוין מער נישט אָן פאַר איר. אַז זי וועט מער נישט וועלן צוריק־גיין צו אים. זי האָט געענטפערט.

איך האָב שוין בעני׳ן פיינט . . . איך וויל אים נישט מער פאַר אַ מאַן . . . כ׳וועל אים גט׳ן . . .

מר. שולמאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן פון שטול. מרס. שולמאַן איז צו אים צוגעלאָפן. זי האָט זיך גענומען בעטן:

— רעג זיך נישט אויף. דאָס קינד ווייס נישט, וואָס זי רעדט. וואָס דאַרפסט זיך אַזוי אויפרעגן?

מר. שולמאַן האָט איר נישט געהערט. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו איר:

— גלייך, די מינוט, זאָלסטו איר צוריקשיקן צו איר מאַן! וואָס מיינט זי, זי צעקריגט זיך מיט אירע חברטעס?! זי וועט דאָך האָבן אַ קינד פון אים! וואָס מיינט זי, זי וועט אים גט׳ן?

דאָרע איז געשטאַנען אין קיך־טיר און זיך צוגעהערט. זי האָט גענומען לאַכן:

— די זעכצן יאָריגע מאַמע און דער אַכצן יאָריגער טאַטע האָבן זיך צעקריגט! איבער וואָס? איבער אַ צאַצקע?

סאַנדראַ איז אויפגעשפּרונגען. אירע אויגן האָבן ביי איר אויפגעבליצט ווי ביי אַ קאַץ. דאָרע׳ס אָפּלאַכן האָט איר מערער ווי געטאָן, ווי בעני׳ס שרייען:

— זיי שטיל! האָט זי אַ געשריי געטאָן. — זיי שטיל! דו טוסט מיר וויי!

דאָרע האָט אויפגעהערט צו לאַכן. זי האָט געקוקט אויף סאַנ־דראַ׳ס פּנים. — מ׳האָט איר דאָרט גוט וויי געטאָן, האָט זי גע־טראַכט. אינדערהויך האָט זי געזאָגט:

— טאַטע, סאַנדראַ דאַרף נישט צוריקגיין צו איר מאַן, אויב זי וויל נישט. ער׳ט פריער קומען נאָך איר, איר איבערבעטן.

סאַנדראַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, דאָרע זאָל נישט זען, אַז זי האַלט זיך איין, נישט צו וויינען. זי האָט געביסן די נעגל און צום סוף געזאָגט:

— איך וואָלט געקאָנט אַרבעטן איצט. איך פיל גוט. דאָרע, כ׳וועל גיין מיט דיר אין שאַפּ. איך וועל דיר העלפן. אירע אויגן

זיינען איר פּאַרצויגן געוואָרן מיט טרערן. — אפשר וועל איך גאָר אינגאַנצן נישט האָבן אַ קינד. אפשר וועל איך גאָר קראַנק ווערן און מפּל׳ן . . . דאַן וועל איך זיכער אים גט׳ן . . .

— גוט, גוט, האָט דאָרע געזאָגט, ווי מ׳זוכט צו באַרואיגן אַ קינד. — היינט וועסטו שלאָפן דאָ. און מאָרגן וועט בעני קומען נאָך דיר. גיי לייג זיך צו.

סאַנדראַ איז אַריין אין שלאָפצימער, זיך געלייגט אויפן בעט, וואו זי פלעגט אַמאָל שלאָפן, און זיך צעוויינט. דאָרע האָט נישט געלאָזן דער מאַמען אַריין צו איר. זאָל זי זיך אויסוויינען, האָט זי געזאָגט, — וועט איר ווערן גרינגער.

ווען סאַנדראַ איז שוין געשלאָפן, האָט בעני אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט אַ דערשראָקענער אַ זוך געטאָן איבערן קיך:

— איז סאַנדראַ דאָ?

מרס. שולמאַן האָט זיך דערפרייט:

— קום אַריין, בעני, קום אַריין, מיר ווילן טאַקע רעדן מיט דיר.

בעני האָט זיך געשעמט אַריינצוגיין. איבערהויפּט האָט ער זיך געשעמט פאַר דאָרע׳ן. ער ווייס, אַז זי האָט געלאַכט פון זיי, וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט. און מר. שולמאַן קוקט זיך קיינמאָל נישט אום אויף אים, ווי ער, בעני, וואָלט געווען אַ פרעמדער. ס׳האָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ער איז געקומען. פונדעסטוועגן איז ער אַריין און נאָך אַמאָל געפרעגט:

— וואו איז סאַנדראַ? איז זי דאָ, ביי אייך?

דאָרע האָט געענטפערט:

— סאַנדראַ שלאָפט איצט.

מרס. שולמאַן האָט מיט פאַראיבל אים געפרעגט:

פאַרוואָס קריגסטו זיך עפּעס מיט סאַנדראַ׳ן? דו ביסט דאָך איר מאַן, דאַרפסטו נישט לאָזן דיין מאַמע זאָל איר ווייטאָן.

און מר. שולמאַן האָט זיך אָפּגערופן:

— האָסט דאָך געהערט פאַרוואָס. ער וויל בעסער גיין אין קאָלעדזש! האָט חתונה געהאַט מיט אַ זעכצן יאָריג קינד, דאַרף ווערן אַ טאַטע, און האָט זיך איצט באַרעכנט, אַז ער האָט חרטה . . .

— און זיין מאַמע וויל ער זאָל ווערן אַ דאָקטאָר! האָט מרס. שולמאַן פאַרענדיקט. — זאָל ער גיין אין קאָלעדזש, ווער לאָזט אים נישט? זיין מאַמע האָט גענוג געלט . . . האָט זי גערעדט ווי בעני וואָלט גאָר דערביי נישט געווען.

בעני'ס פּנים האָט געפלאַמט. ער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף זיי עפּעס אַזוי ענטפערן, אַז זיי זאָלן שוין זען, אַז ער איז נישט קיין אינגל. אויב ער וועט אַזוי שטיין און שווייגן, וועלן זיי מיינען, אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט געפינען די פּאַסנדע ווערטער, כאָטש ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אַזויפיל צו ענטפערן. איז ער נאָך געשטאַנען אַ פּאָר מינוט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און איז מיט אַ שווער געמיט אַרויס. דאָרע האָט גע־נומען לאַכן:

— אַזאַ אינגל, פאַרנעמט זיך עס פירן אַ פאַמיליען לעבן.

מרס. שולמאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ס'איז אויף אים אויך אַ רחמנות.

אין דרויסן, ביי דער פאַרמאַכטער גראָסערי סטאָר, איז גע־שטאַנען מרס. זימערמאַן און געקוקט, ווי בעני קומט צוריק אַליין, אָן סאַנדראַ'ן. זי האָט אַן אומרואיגע געפרעגט:

— נו?

בעני האָט איר נישט געענטפערט. ער איז אַ שווייגנדיגער אַרויף אין דער הויך.

מרס. זימערמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען און מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן. איר מאַן האָט איר אָנגעשראָקן, אַז בעני וועט נאָך אויך אַנטלויפן פון איר. אָבער אין האַרצן האָט עס איר געגעסן אַ כעס אויף סאַנדראַ'ן. אַנטלאָפן צו דער מאַמען שלאָפן . . . אַז זי האָט דערזען בעני'ס פּנים, האָט זי זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט געזאָגט:

— זאָרג זיך נישט, מיין קינד, מאָרגן אין דער פרי, וועט זי אַליין קומען . . .

בעני האָט אַ לאַך געטאָן:

— יע? זיי וועלן איר נישט לאָזן!! . . . סאַנדראַ וועט אַליין נישט וועלן.

מרס. זימערמאַן האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט צוגעזאָגט איר מאַן זיך נישט צו מישן. זי האָט זיך צעשריען:

— אַזוי? זי וועט נישט וועלן? זיי וועלן איר נישט לאָזן? זיי קאָנען זיך האַלטן מיט איר!

— מאַמע! האָט בעני אַ געשריי געטאָן. — רעד נישט אַזוי! איך וויל זי זאָל צוריקקומען. זי איז מיין ווייב! כ'האָב איר ליב. העסט? כ'וועל זיך מער נישט קריגן מיט איר! זי וועט קראַנק ווערן!...

מרס. זימערמאַן איז געבליבן שטיל. זי האָט אַ דערשראָקענעם קוק געטאָן אויף איר מאַן. זי האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן וואָס איר בעני איז אַזוי צעקלעמט. האָט זי אים געוואָלט טרייסטן:

— שרעק זיך נישט אַזוי פאַר סאַנדראַ'ן. ס'וועט איר גאָר־נישט שאַטן...

כאָטש מר. זימערמאַן האָט שטענדיג אויסגעמידן זיך אַנצופאַנ־גען מיט זיין ווייב, האָט ער אָבער נישט געקאָנט מער צוזען, ווי זי יאָדעט בעני'ן. ער האָט זיך אַזש אויפגעהויבן:

— וואָס האָסטו זיך אַנגעטשעפּעט אָן די קינדער? וואָס וויל־סטו פון זיי? ס'געפעלט דיר נישט דער שידוך? ס'איז שוין צו־שפּעט. דו ווערסט דאָך שוין באַלד אַ באָבע, טאָ זיי שטיל.

מרס זימערמאַן האָט געשוויגן. ס'האָט איר נישט געאַרט, וואָס זי קאָן איר מאַן נישט ענטפערן. נאָר, וואָס בעני רייסט זיך צוריק צו סאַנדראַ'ן. אין איר האַרצן האָט זיך אַריינגעגנב'עט אַ שרעק, אַז בעני וועט וועלן אַוועק פון הויז, אַז ער וועט וועלן דינגען אַ דירה פאַר זיך מיט סאַנדראַ'ן. וואָס וועט זי טאָן אָן בעני'ן? האָט זי זיך געקנאַקט די פינגער, — ס'וועט בלייבן אַ פּוסטע הויז, אַז ער איז דאָך נאָך אַליין אַ קינד, ערשט געוואָרן אַכצן יאָר. האָט זי אין דער שטיל געזיפצט און שוין מורא געהאַט אַ וואָרט צו רעדן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען סאַנדראַ האָט אויף מאָרגן אינדערפרי זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין דאָרע געווען אַוועק צו דער אַרבעט. אין הויז איז געווען

וואָרעם און שטיל. סאַנדראַ האָט זיך געפילט אויסגערוט, באַרו־איגט. ליגנדיק אין בעט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פילט פונקט ווי איידער זי האָט חתונה געהאַט. זי דאַרף בלויז אַראָפּשפּרינגען פון בעט, זיך נעמען איילן צו גיין אין סקול און רופן דער מאַמען.
— מאַמע, וואו איז מיין קליידל? מאַמע, גרייט מיר אָן עסן! נאָר קוים איז זי אַרויס פון בעט, האָט זי זיך דערפילט שווער און אור־מעטיג. ס'האָט איר צוריק גענומען קלעמען דאָס האַרץ, אַז זי האָט זיך צעקריגט מיט בעני'ן, אַנטלאָפן פון אים. זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט מער נישט צוריקגיין צו זיין מאַמען. זי האָט איר פיינט. אָבער וואָס וועט דאָרע זאָגן, אויב זי, סאַנדראַ, וועט נישט קאָנען גיין אַרבעטן? דער טאַטע וועט דאַרפן צוזען, ווי איר בויך ווערט גרויס. ער וועט פון צרות קרעכצן ווי שטענדיג, ווען ער האָט פאַרדרוס, ווען זי וואָלט נאָר נישט געשוואַנגערט, וואָלט שוין אַלץ גוט געווען. זי וואָלט זיך אויסגעזוכט אַרבעט, געדונגען פאַר זיך אַליין אַ צימער און מיט בעני'ן וואָלט זי זיך נישט איבערגעבעטן, ביז ער וואָלט נישט אָוועק פון זיין מאַמען.

סאַנדראַ האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז זי וועט נישט אַרויס פון צימער. זי וויל קיינעם נישט זען. נאָר פּלוצלינג האָט זי אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער און דערזען בעני'ן לעבן דער גראָסערי סטאָר. ער האָט אַרויפגעקוקט גלייך צו איר. סאַנדראַ האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. ס'האָט איר גענומען קלאַפּן אין האַרצן. זי האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער גלייך צוריק גענומען קוקן. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. זי אין דער הויך, לעבן פענצטער; ער אין דרויסן, לעבן דער גראָסערי־סטאָר. ער האָט פונקט ווי אַמאָל, איר אַרופגעטאָן מיטן האַנט. סאַנדראַ האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אַ לאַך געטאָן. — אויב אַזוי, האָט זי גע־שמייכלט, — זאָל ער נישט מיינען, אַז איך דערפריי זיך שוין מיט אים. איך בין נאָך גוט אין כעס!

זי איז אַריין אין קיך און געזאָגט מיט דער זעלבער קלינגנ־דיגער שטימע, ווי אַמאָל:

— מאַמע, איך בין הונגעריג! האָסט פאַר מיר וואָס צום עסן? מרס. שולמאַן האָט זיך דערפרייט, וואָס סאַנדראַ קוקט אויס אַזוי רואיג. זי האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אירע אויגן

שיינען מיט אַזאַ פרייד. דאַכט זיך, ערשט נעכטן ביינאַכט, האָט זי אַזוי געוויינט.—נאָך פאַרט אַ קינד, האָט זי מאַמעשדיג געשמייכלט.

בעני איז אַריין מיט אימפּעט, אפילו אָן אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט גלייך אַרויסגעשאָסן:

— סאַנדראַ, קום גלייך, די מינוט, מיט מיר צוריק! הערסט, גלייך די מינוט! . . .

סאַנדראַ האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אירע אויגן האָבן זיך צעפינקלט. זי האָט אים אַ לאַך געטאָן אין פּנים אַריין:

— בעני זימערמאַן, איך וועל גיין מיט דיר, ווען איך וועל וועלן. אָבער איך וויל נישט. צו וואָס ביסטו געקומען נאָך מיר? איך וויל דיר אפילו נישט אָנקוקן!

מרס. שולמאַן האָט איר גענומען פאַרענטפערן:

— באַרואיג זיך, בעני, זי איז איצט אויפגערעגט. זי מיינט עס נישט. דו וועסט אָבער דאַרפן זען, אַז דיין מאַמע זאָל זי לאָזן צורו.

סאַנדראַ האָט אַ געשריי געטאָן:

— מאַמע, איך מיין עס! איך וועל נישט גיין מיט אים!

בעני האָט צוריק געשריען:

— דו מוזט!! דו ביסט מיין ווייב! מיר האָבן חתונה געהאַט!

סאַנדראַ האָט זיך אויפגעהויבן, זי איז צוגעגאַנגען צו אים גאַר נאָנט:

— בעני זימערמאַן, דו האָסט מיר נעכטן געזאָגט, אַז דו האָסט חרטה, וואָס דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט. צו וואָס ביסטו געקומען אַהער? איך דאַרף נישט אַזאַ מאַן וואָס טוט אַלץ, וואָס זיין מאַמע הייסט אים!

בעני'ן האָט שוין נישט געאַרט, וואָס סאַנדראַ וואַרפט אים אויף מיט זיין מאַמען. אים האָט אַפילו נישט געאַרט, וואָס מרס. שולמאַן הערט אַלץ. ער האָט געוואָלט זיך איבערבעטן מיט איר, האָט ער איר אָנגעזאָגט די בשורה:

— סאַנדראַ, איך האָב היינט געזאָגט מיין מאַמען, אַז מיר וועלן מער ביי איר נישט וואוינען. זעסט, איך האָב געלט. האָט

ער איר געוויזן זיין טייסטער. — לאָמיר גיין זוכן אַ דירה. איך וועל היינט נישט אַרבעטן, וועלן מיר גיין צו אַ „מאוווי״.

סאַנדראַ׳ס פנים האָט אויפגעשיינט. אירע אויגן האָבן גליק־לעכע געלאַכט צו אים. זי האָט פונדעסטוועגן נאָך אַ זאָג געטאָן:
— דערנאָך וועסטו זיך ווייטער קריגן מיט מיר . . .

בעני האָט אַ פאַרשולדיגטער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף נישט.

— איך וויל היינט נישט עסן ביי דיין מאַמען. — האָט זי זיך גענומען פּיעשטשן פאַר אים.

— וועלן מיר עסן אין אַ רעסטאָראַן, האָט ער איר באַרואיגט.
— דערנאָך וועלן מיר גיין זוכן אַ דירה.

סאַנדראַ האָט אַ באַגייסטערטע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— אָ, בעני, איך קאָן קאָכן! אַז מירן האָבן אַן אייגענע דירה, וועסטו זען ווי גוט איך קאָן קאָכן!

אַז מרס. שולמאַן האָט גענומען לאַכן, האָט סאַנדראַ פון גרויס גליק איר אַרומגעכאַפּט און גענומען איר קושן.

אַ חשד

I

די נעגערטע קאַראַליינע האָט אָנגעצונדן דאָס גאַז־אויוועלע, אַרויפגעדרייט דאָס גאַז־לעמפּל און זיך געשטעלט ביים פענצטער קוקן צו איר זון העראַלד קומט פון דער אַרבעט.

אַ קאַלטער ווינט האָט זיך געטראָגן דורך דער פינצטערער געסל, געדרייט די פאַרוויאַנעטע בלעטער און געטרייסלט די ביי־מער. אַ קליין, געל הינטל האָט זיך אַרומגעדרייט הינטערן פענ־צטער, געשמעקט די שמוציגע שטיינער און געשפּרונגען איבער לוזשעס וואַסער. קאַראַליינע האָט פאַרצויגן דעם פענצטער, גע־קוקט אַ בייזע צום ווינקל, וואו איר אַלטער דזשים איז געשלאָפן אַן איבערגעדעקטער מיט אַ גרויסן סוועטער. זי האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן:

— נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. אַ גאַנצן טאָג שלאָפט ער. ביינאַכט, ווען מ׳דאַרף הערלאַד׳ן זיך לאָזן אויסרוען, קריכט ער אַרום און קרעכצט . . .

קאַראַליינע האָט שוין נישט איין מאָל געטראַכט, אַז ס׳וואָלט איר געווען בעסער, ווען זי האָט אַ סך קינדער, וואָלטן זיך אייניק־לעך אַרומגעדרייט איבערן הויז. האָט זי איינגאַנצן איין טאָכטער זוזי און הערלאַד׳ן. אויף זוזי׳ן האָבן שכנים געזאָגט, אַז זי וואַקסט אַ נעגערשע שיינהייט. דינט זי איצט אין די ווייסע קוואַרטאַלן, פוצט אַ פרעמדע הויז, און ניאַנטשעט פרעמדע, ווייסע קינדער. אַז זי קומט שוין יאָ אַמאָל אַראָפּ אין די אייגענע קוואַרטאַלן, גייט זי מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אויסגעפוצט אין איר באַלעבאָסטעס אַן אָוועקגעשאָנקענע קלײדל, מיט לאַנגע אויער־רינגען און מיט קרעלן אויפן האַלדז. זי ווייס, אַז נעגערטעס קוקן איר נאָך, און ביי די יונגע נעגערס צינדן זיך אָן די אויגן. ביי איר מאַמען אין הויז דרייט זי זיך אַרום ווי אַ פרעמדע, קוקט אויף אַלץ מיט אויגן

פון אַ ווייסער. העראַלד איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז צווישן „זייערע״, ווערט זי איבערגעפירט, זאַפט זיך אָן מיט זייער שנאה. העראַלד — האָט יאָ ליב טאַטע־מאַמע, וויל ער אָבער אַוועקפאָרן.

קאַראָליינע האָט גענומען וועקן איר מאַן:

— דזשים, הער, דענקסטו, אַז העראַלד וועט טאַקע אַוועקפאָרן פון הויז? דזשים! עפן די אויגן! ווי ער וואָלט אַ נאַכט נישט געשלאָפן. העראַלד וויל דאָך אַוועקפאָרן, הערסט?

דזשים האָט געעפנט די אויגן, זיך געקראַצט אין הוילן קאָפּ און פאַרשלאָפן געענטפערט:

— וואָס שרייסטו, אַלטע, מיינסט איך שלאָף? איך הער! ער׳ט נישט פאָרן — הערסט, ער׳ט נישט פאָרן! האָט ער צוריק די אויגן פאַרמאַכט.

קאַראָליינע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— אָט אַ נייעס, „ער׳ט נישט פאָרן״. ס׳איז שוין אַ פּאָר וואָכן, ווי ער רעדט דערפון. נעכטן ביינאַכט איז ער געגאַנגען שפּעט שלאָפן, אפשר האָט ער שוין באַשלאָסן צו פאָרן?

דזשים האָט שוין געכראָפּעט.

ווען העראַלד איז געקומען, איז שוין זיין עסן געשטאַנען אָנגעגרייט אויפן טיש. דזשים איז געזעסן אויפן בעט און אָנגעשטאָפּט זיין פּיפּקע. העראַלד האָט אָן אומרואיגער זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק איבערן קליינעם צימער, געקוקט אויף זיינע גרויסע, שוואַרצע הענט און שטיל געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל היינט אַוועקפאָרן. אויב דו האָסט אַ פּאָר ריינע העמדער פאַר מיר, פּאַק זיי איין.

קאַראָליינע׳ס האַנט האָט אַזאַ ציטער געטאָן, אַזש דאָס לעפל האָט אַ קלונג געטאָן אינ׳ם טיש. זי האָט אַ צעשראָקענע געקוקט אויף העראַלד׳ן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט. זי האָט געקוקט אויף זיין פּנים און געוואוסט, אַז ער׳ט שוין פאָרן. זי האָט אים גאָרנישט געפרעגט. גאָרנישט געזאָגט, בלויז גענומען מיט אַ צעקלעמט האַרץ און אָפּגעשוואַכטע הענט פאַרפּאַקן זיינע זאַכן, און מיט ביטערקייט געטראַכט, אַז ער לאָזט זיי דאָ איבער אַליין. ער קאָן נישט וואַרטן

ביז זיי וועלן שטאַרבן — דזשיזיס. האָט זי אין זיך געקרעכצט. וואו וויל ער פאָרן?

דזשים האָט געזען ווי אירע הענט ציטערן ביים פּאַקן דאָס קלומעקל, ווי טרערן קייקלן זיך איבער אירע שוואַרצע, אויסגעדאַרטע באַקן. האָט ער איר אַ גלעט געטאָן איבערן פּלייצע:

— מ׳דאַרף, אַלטע, נישט וויינען. דער זון וועט וויט נישט לויפן. ווען ער וועט זען, אַז אַלע ווייסע זיינען אומעטום די זעלבע, וועט ער צוריקקומען צו אונז. איך בין אויך אַמאָל געלאָפן זוכן בעסערע מענטשן . . . זאָל ער לויפן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף העראָלד׳ן. — איך וועל מאָרגן גיין אין די ווייסע קוואַרטאַלן, כ׳וועל זיך אויסזוכן עפּעס אַרבעט, און צו דיר וועל איך אַריבערשיקן די טאָכטער.

קאַראָליינע האָט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט בלויז שטאַר געקוקט אויפן זון. געקוקט לאַנג, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין, צי ער וועט טאַקע צוריקקומען.

העראָלד האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר קוקן אויף אים. ער האָט אַ נעם געטאָן זיין פּעקל, אַרומגענומען זיין מאַמען, גענומען איר קושן:

— מאַמע, זאָלסט נישט וויינען אַז איך וועל אַרויס . . . כ׳וועל גלייך דיר שרייבן אַ בריוו. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט נישט וויינען.

צו דזשימין האָט ער פאַרן אַרויסגיין געזאָגט:

— אַזוי שנעל ווי איך קריג אַרבעט, וועל איך שיקן נאָך אייך!

דזשים האָט אַן אומעדיגן שמייכל געטאָן און העראָלד האָט פאַרשטאַנען, אַז ער גלויבט אים נישט.

קאַראָליינע האָט נישט געוויינט. נאָר ווען העראָלד איז שוין געווען אַרויס, האָט זי פּלוצלינג די פאַרמאַכטע טיר דערזען. איר צימערל איז געוואָרן ליידיג.

דזשים האָט זיך פאַררוקט אין ווינקל, לעבן דעם אָנגעברענטן אויוועלע, און מיטן ברעג אַרבל זיך געווישט די אויגן. קאַראָליינע האָט זיך געזעצט לעבן אים. זי האָט פאַרקוועטשט די ליפּן און געקוקט צו דער טיר. שפּעטער, ווען אַ רעגן האָט גענומען קלאַפּן

אין די שויבן, דזשים איז שוין געשלאָפֿן, איז קאַראַליינע געבליבן זיצן. די ערשטע נאַכט, וואָס איר העראַלד איז אַוועק, איז זי נישט געשלאָפֿן. אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט ביים פֿענצטער און אויפֿן וויסטן וועג געקוקט.

II

הערָאַלד האָט זיך געפֿילט שווער, כל־זמן ער האָט נאָך גע־שפּאַנט דורך אייגענע קוואַרטאַלן, אָבער וואָס נעענטער ער איז געקומען צום וואָקזאַל, אַלץ גרינגער איז אים געוואָרן. זיינע שטאַרקע אָרעמס האָבן זיך אָנגעצויגן. זיין ברייטער, קנאָכיגער פּנים און די אומעטיגע שוואַרצאַפּלען פֿון זיינע אויגן, האָבן זיך קינדיש צעשמייכלט. אים האָט אַפֿילו נישט געאַרט, וואָס דער רעגן האָט אים געשמיסן אין פּנים און געקראָכן אונטערן קאַלנער פֿון זיין סוועטער. ער האָט בלויז נידעריגער אַראָפּגעשלעפּט זיין היטל איבער די אויגן און פֿאַרשנעלערט זיין גאַנג.

ער האָט אין געדאַנק גע׳חשבונ׳ט וויפֿיל געלט ער האָט, און באַשלאָסן צו קויפֿן אַ בילעט בלויז ביז דער צווייטער שטעטל. דאָרט קאָן אים קיינער נישט, וועט ער זיך אַרויפֿ׳גנב׳ענען אויפֿן דאַך פֿון אַ פֿראַכט־וואַגאָן און פֿאָרן ווייטער.

ס׳איז נאָך געווען נאַכט, ווען ער איז אַ פֿאַרשלאָפֿענער אָנגע־קומען אויף אַ פֿרעמד, קליין וואָקזאַלכל. אין דעם וואַרט־צימער איז געווען פֿינצטערלעך און שמוציג. די עטלעכע פּאַסאַזשירן אויף די ביינק, האָבן געדרעמלט אָנגעשפּאַרטע אויף פּעקלעך. הערָאַלד האָט זיך געטרייסלט פֿון קעלט. ער האָט זיך געטוליעט אין זיין סוועטער, און נישט זיכער נאָכגעקוקט דעם נעגערשן וואָק־זאַל־טרעגער. ס׳האָט זיך אים זייער געוואָלט פֿרעגן ביי אים וועגן אַ באַן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו קיינער קאָן זיך נישט אונ־טערהערן און סודות׳דיג אַ פֿרעג געטאָן:

— קאָנסט מיר אפשר זאָגן, ווען דאָ פֿאָרט דורך דער פֿראַכט־באַן?

דער נעגער האָט ברייט צעעפֿנט זיינע אויגן, אַ דערשראָקענער אַ טראַכט געטאָן, אַז הערָאַלד איז אַן אונטערגעשיקטער פֿון גע־

זעץ, אים אויסצופאָרשן, צי ער איז געטריי. הערעלד האָט אָבער צו אים היימיש געשמייכלט, האָט דער צעשראָקענער נעגער אין אים דערקאָנט אַן אייגענעם ברודער. ער האָט זיך האַרציג צע־שמייכלט, געגעבן אַ רוק אַרויף זיין קיילעכדיג וואָקזאַל־היטעלע און גוט־ברודעריש אַ שטורך געטאָן הערעלד'ן אין זייט:

— העי, נעגער, ווילסט גאָר פאָרן ווי אַ האָבאָ? זיך גליטשן איבער דעכער?

הערעלד איז געוואָרן פריילעך. ער האָט צעשפּיליעט דעם סוועטער און אים געוויזן ווי ווייניג געלט ער האָט. — פאַרשטייסט, כ'פאָר אין אַ גרויסער שטאָט, מוז איך אָפּשפּאָרן יעדן סענט. האָט ער זיך פאַר אים פאַרענטפערט.

דער נעגער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ:

— כ'וואָלט דיר געדאַרפט העלפן, גוטער ברודער, דו וועסט אָבער דאַרפן וואַרטן לאַנג. אַרום זיבן אַזייגער לויפט דאָ דורך אַ פראַכט־באַן, אין אַזאַ פאַרדאַמטער פינצטערקייט קאָן ער זיך פאַר־שפּעטיגן. אַרויפכאַפּן זיך אויף אים זאָלסטו אָביסל ווייטער, האָט ער פאַרטראַכט געזאגט. דאָרט, אין פעלד, נישט ביים וואָקזאַל... מ'קוקט נאָך . . . לינקס ביים וועלדל, וועט זיין גרינג זיך אַרויפצו־כאַפּן. ער איז געבליבן שטיל און אַ קוק געטאָן אויף הערעלד'ן:

— אָבער טאָמער כאַפּט מען דיך? וועסטו אויסזאָגן, אַז איך האָב דיר גע'עצה'ט?

הערעלד האָט געלאַכט. ער האָט געפילט די גבורה פון זיינע שטאַרקע אָרעמס און קיין מורא נישט געהאַט. ער האָט פון פרייד אַ שטופּ געטאָן זיין נייעם פריינט:

— ווי זאָל איך דיך רופן? האָסט דאָך מסתמא אַ נאָמען?

דער נעגער האָט זיך צעשמייכלט מיט ווייסע געזונטע ציינער:

דזשאָרדזש, מיין טאַטן האָט מען גערופן וואַשינגטאָן, מיינט עס דזשאָרדזש וואַשינגטאָן!... דאָ רופן מיך אַלע דזשאָרדזש. אָבער דו קאָנסט מיך רופן דזשאָ, ווייל דו ביסט אַן אייגענער נעגער און קוקסט אויס צו זיין אַ גוטער ברודער. איך פאַרשטיי זיך אויף מענטשן. מיין נישט, אַז איך בין אַ „קאַונטרי־דזשעק". כ'בין שוין אויך אין אַ סך גרויסע שטעט געוועזן! האָט ער געקוואַלן. אָבער פּלוצלינג איז ער געוואָרן שטיל. ער איז געבליבן שטיין מיט אַן

אָפּן מויל. זיינע אויגן האָבן פון שרעק זיך גענומען דרייען, ווייל אין דער דרויסנדיגער טיר איז געשטאַנען אַ פּאָליציימאַן. ער האָט געדרייט דעם שטעקן אין האַנט און אַ רואיגער געקוקט אויף זיי. דזשאָרדזש האָט זיך צעשריען:

— וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ!?... דיין באַן איז שוין לאַנג אַוועק! כ׳וויס נישט, ווען אַ צווייטער קומט! האָט ער אַ צעטומלטער געשריען, און אויף שנעל אַרויס אין דרויסן.

הערלד האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דזשאָרדזש האָט זיך פלוצלינג צעשריען. ער איז אַ פאַרוואונדערטער געבליבן שטיין אַליין. ער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ און דערזען דעם פּאָליציימאַן. ס׳האַרץ איז אים געבליבן שטיין! — שוין. מ׳האָט אים געפּאַקט! איצט וועט ער נישט קאָנען פאָרן! ערשט ווען דער פּאָליציימאַן האָט זיך אויסגעדרייט און אַראָפּ די טרעפּלעך, האָט זיך הערלד באַרואיגט. — ס׳איז בלויז אַ צופאַל, האָט ער אַ דערפרייטער אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

ער האָט אַ ווײַלע צוגעוואַרט און אַרויס אין דרויסן. ס׳האָט שוין גענומען ווערן ליכטיק. אויף די בלעטער און זאַמד איז נאָך געלעגן דער באַנאַכטיגער רעגן, אָבער דער הימל איז שוין געווען ריין, ווי אַן אויסגעוואַשענער בלויער טעפּיך. אַ שטראַל פון דער זון האָט זיך שוין אַ גליטש געטאָן איבער די פייכטע רעלסן.

הערלד האָט אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט, זיך געצויגן מיט זיין געזונטן קערפּער געגן דער זון און גענומען אַראָפּגיין די טרעפּלעך. ער איז אָבער געבליבן שטיין. גאָר ביים אונטערשטן טרעפּל איז געשטאַנען דער פּאָליציימאַן, ווי ער וואָלט אויף אים געוואַרט. הערלד האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָלט צוריק אַרויפלויפן די טרעפּלעך. דער פּאָליציימאַן האָט אים אַ רוף געטאָן:

— העי, דו! לויף נישט אַזוי!

הערלד איז געבליבן שטיין. דער פּאָליציימאַן איז צוגעקומען צו אים גאָר נאָענט:

— וואָס טוסטו דאָ?

הערלד האָט אַ פאַרלאָרענער געקוקט אויף זיינע שיך. ער האָט געענטפערט:

— כ׳וואַרט דאָ אויף אַ פֿאַרשפּעטיגטן באַן. איך וויל זיך אַביסל דורכגיין! . . .

דער פּאָליציימאַן האָט געפֿרעגט:

— ביסט אַ היגער?

— ניין.

— איז דיר דער געגנט דאָ באַקאַנט?

העראָלד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין.

— קאָנסט דעם וואָגזאַל־נעגער, דעם צו וועמען דו האָסט גע־רעדט?

העראָלד האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ניין, ניין. כ׳האָב ביי אים בלויז געפֿרעגט וועגן מיין באַן!

דער פּאָליציימאַן האָט געוויזן צום וועלדל, וואָס האָט זיך גע־טונקלט פֿון דער וייטן:

— און אָט־דאָס וועלדל דאָרט, איז דיר באַקאַנט? אָט דאָרט, נישט וייט פֿון די רעלסן?

העראָלד איז געוואָרן צעטומלט. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַר־שטיין, פֿונוואַנען מ׳האָט זיך שוין דערוואוסט, אַז ער האָט געוואָלט דאָרט זיך אַרויפֿכאַפּן אויפֿן באַן. ער האָט געקוקט מיט בענקשאַפֿט צום וועלדל. אַ קוק געטאָן אויפֿן פּאָליציימאַן און זיך געגעבן אַ דריי אויס. ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן צוריק אין וואָקזאַל־צימער. דער פּאָליציימאַן האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט. עס אזוי שטאַרק אַ דריק געטאָן, אַז העראָלד האָט שיר נישט אויסגעשריען. ער האָט אַרויסגעריסן זיין האַנט און מיט אַ פֿאַרשטיקטן כעס, אַזש פֿאַר־קלעמט, געזאָגט:

— טאָר איך נישט צוריקגיין אין וואָקזאַל־צימער? איר האָט מיר דאָ נישט וואָס צו האַלטן!

העראָלד האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי אַלץ איז דאָ אַזוי שנעל געשען: ער האָט געהערט אַ פֿייפֿן, דערזען אונטערן נאָז אַ רע־וואָלווער, און נאָך פּאָליציילייט אַרום זיך. מ׳האָט אים געהייסן נאָכגיין. ער איז געווען צעטומלט און נישט געפֿרעגט וואו. ער האָט נישט געוואוסט פֿאַרוואָס מ׳האָט אים אַריינגעשטופּט אין אַ פּאָליציי־וואָגן. ערשט ווען דער וואָגן האָט גענומען לויפֿן מיט אַ

פייפעריי איבער געסלעך, האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ וויסטן חלום. ער האָט זיך צעשריען צו די פּאָליציילייט אַרום אים:

— וואָס ווילט איר פון מיר! וואו פירט מען מיך? לאָזט מיך אַרויס!

דער פּאָליציימאַן לעבן אים האָט גראָב געענטפערט:

— פאַרמאַך דיין הינטיש מויל, ניגער!...

העראָלד האָט אַזש פאַרקריצט מיט די ציינער. פון אַלע זייטן האָט ער געפילט אויף זיך אויגן. פאַרביסענע, שנאה׳דיגע אויגן. ער האָט געפילט, אַז מ׳היט זיין יעדן ריר. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן רעוואָלווערן, גרייט צו שיסן. איז ער געבליבן זיצן אַ שטילער, אַ צוזאַמענגעקאַרטשעטער, פונקט ווי ער וואָלט גע־טראָגן קייטן אויף זיך און געטראַכט, אַז בלויז פאָרן וועלן זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ באַן, וועט ער איצט נישט קאָנען פאָרן אין דער גרויסער שטאָט. אָבי ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם געגנט. איצט וועט ער זיצן פאַרשפּאַרט, ווער ווייס, ווי לאַנג.

מ׳האָט אים מיט אַ בריק אין הינטן אַריינגעשטופּט אין אַ קעמערל. העראָלד האָט זיך נישט געוועהרט. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן ברעג בעטל און אַ פאַרגליווערטער געבליבן זיצן. ער האָט שוין נישט געטראַכט מער, וואָס מ׳גייט דאָ טאָן מיט אים. ער איז בלויז אַ שטייפער געבליבן זיצן, נישט טראַכטנדיג וועגן קיין זאַך. ערשט, ווען אין קעמערל איז שוין גע־וואָרן פינצטערלעך, און אַ פּאָליציימאַן איז אַריין נאָך אים מיט אַן אָנגעשטעלטן רעוואָלווער, האָט העראָלד גענומען זיך שרעקן, אַז אודאי פירט מען אים גלייך שיסן. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן קאָרידאָר:

— פּליז, אָפיסער, האָט אַ שרעק אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, — וואו פירט איר מיך?...

דער פּאָליציימאַן איז געוואָרן דערשטוינט פון דעם נעגערס חוצפה. ער האָט מיט כעס אַ הויב געטאָן דעם רעוואָלווער און אַזש פאַרקריצט מיט די ציינער:

— שווייג, שוואַרצער הונט!... האָט ער אויף אים אַ גע־טריי געטאָן, — שווייג און ריר זיך פון אָרט!

העראָלד האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט. ער האָט גע־

פילט ווי די אויגן ווערן אים פֿאַרצויגן. ער האָט ווי אַ פּאַר־שכור׳טער אַ הויב געטאָן זיין האַנט, און געטראָפֿן דעם פּאָליציימאַן גלייך אין פּנים. ער האָט נאָך געקאָנט פּילן ווי אַ שווערע משאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער זיין קאָפּ אַזש ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. ער האָט געוואוסט, אַז ער וואַרפֿט ווי אַ בלינדער די הענט. געהערט אַ טומל אין קאָרידאָר, און ווי מענטשן לויפֿן פֿון אַלע טירן. אימיצער האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און גענומען עס דרייען, ווי מ׳דרייט אַ נאַסע שמאַטע.

הערלאָד האָט זיך צעשריען אַזוי ווילד, אַזוי אימה׳דיג, אַז די פּאָליציילייט האָבן אים אויפגעהערט צו שלאָגן. סיי ווי זיי־נען זיי שוין געווען פֿאַרמאַטערט פֿון שלאָגן אים. האָט מען אים אַ פֿאַרבלוטיגטן אַריינגעשלעפּט אין זיין קעמערל און אַרויפֿגע־וואָרפֿן אויפֿן בעטל.

העראָלד האָט נישט געוואוסט, ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן. נאָר קוים האָט ער געקאָנט הויבן דעם קאָפּ, האָט מען אים אַוועק־געפֿירט אין אָפֿיס. הערלאָד האָט שוין געשוויגן ווי אַ געשלאָ־גענער הונט. מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און אַ צע׳מזיק׳טן פּנים האָט ער זיך געשלעפּט צווישן צוויי פּאָליציילייט, און מיט שרעק געקוקט אויף דעם דעטעקטיוו ביים טישל.

ער איז געווען דערשלאָגן און צעטומלט. אויף אַלע פֿראַגן וועגן דעם ווערלדל ביי די רעלסן, וואו ער איז געווען יענע נאַכט און צו ער קאָן אַ דאָקטאָר סמיט, האָט ער בלויז געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, און אין איין איבער׳חזר׳ן, אַז ער ווייס נישט.

דער דעטעקטיוו האָט צוגערוקט זיין פּנים גאָר נאָענט צו הע־ראָלד׳ס אָנגעשטעלט אויף אים זיינע גרויע, שטעכיגע אויגן, און געפֿרעגט:

— ווייסטו לייקענען, אַז דו האָסט דעם דאָקטאָר סמיט דער־שאָסן אין זיין מאַשין, און דערנאָך אַטאַקירט זיין ווייב? האָ, ניגער! ווייסטו לייקענען?

הערלאָד איז ווי אַ משוגע׳נער אויפגעשפּרונגען. דער דע־טעקטיוו האָט געמיינט, אַז הערלאָד ווערט שוין ווייטער ווילד, האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אַ וואונק געטאָן צו

דער טיר. פיר שטאַרקע הענט האָבן העראָלד'ן צוריקגעזעצט אויפן שטול. איצט האָט מען אים שוין פעסט געהאַלטן.

דער דעטעקטיוו האָט אַ באַרואיגטער ווידער אָנגעשטעלט זיינע אויגן געגן העראָלד'ס ווילד־דערשראָקענע שוואַרצאַפּלען, און ציענדיג יעדן וואָרט, געפרעגט:

— וועסט זיך איצט מודה זיין, אַז דו האָסט דערשאָסן דעם דאָקטאָר און אַטאַקירט זיין ווייב?

העראָלד האָט פון שרעק נישט געקאָנט ענטפערן. זיין צונג האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געעפנט און פאַרמאַכט די ליפּן, געדרייט מיט די אויגן און נישט געקאָנט רעדן. דער דעטעקטיוו איז אַ צעקאָכטער אויפגעשפּרונגען. ער האָט מיט זיין גרויסער, שווייסיגער האַנט, דערלאַנגט העראָלד'ן איבערן פּנים.

העראָלד איז געבליבן שטיל. ער האָט זיך בלויז אַ טרייסל געטאָן און אפילו אויפגעהערט צו דרייען מיט די אויגן. ער איז געבליבן זיצן אויפן שטול ווי אַ צוגעקלעמטער, און געקוקט אויפן דעטעקטיוו. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט זיך גוט איין אין אים, כדי ער זאָל אים געדענקען. ס'איז אים פּלוצלינג קלאָר גע־וואָרן, אַז מ'האָט דאָ אויסגעטראַכט אויף אים אַ שרעקלעכן בלבול, און ער קאָן גאָרנישט ניט טאָן געגן דעם. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַ צאַפּל געטאָן. גלייך געגן אים, אויפן טיש, איז געלעגן אַ צעשפּרייטע צייטונג. ס'האָבן פאַר זיינע אויגן אַ שווינדל געטאָן גרויסע, שוואַרצע ווערטער: „אַ נעגער האָט דער־מאָרדעט אַ ווייסן דאָקטאָר און אַטאַקירט זיין ווייב". מיט קלענערע ווערטער איז געשטאַנען: „די פאַרפּייניגטע פרוי זאָגט, אַז אַ נעגער איז זיי באַפאַלן. דעם נעגער האָט מען שוין געכאַפּט".

העראָלד האָט אויסגעצויגן זיין האַלדז. ער האָט דייטלעך געזען זיין נאָמען, אפילו פון וועלכע שטעטל ער קומט. אין צימער איז געוואָרן זייער שטיל. דער דעטעקטיוו האָט אים שאַרף נאָכגעקוקט. די צוויי פּאָליציילייט האָבן רואיגע געהאַלטן זיינע הענט פאַרדרייט אויף הינטן.

העראָלד האָט געקוקט און געקוקט אויף דער צייטונג און פּלוצלינג זיך צעיאָמערט:

— לאָזט מיך אָפּ! . . . לאָזט מיך אָפּ! . . . לאָזט מיר גיין צו מיין טאַטע־מאַמען! . . . איך האָב עס נישט געטאָן! איך האָב קיינעם נישט דער׳הרג׳עט! האָט ער ווי אַ משוגע׳נער געיאָמערט.

די פּאָליציילייט הינטער אים האָבן זיך צעשמייכלט. דער דע־טעקטיוו האָט אַ געשריי געטאָן:

— שווייג, דו גאָט־פאַרדאַמטער, ניגער! . . . מ׳וועט זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען! . . . מיט דיין הינטישער טאַטע־מאַמע אויך! . . .

הערלאָלד האָט זיך אַזוי צעשריען, אַז די קלעפּ איבערן פּנים און קאָפּ, האָבן אים נישט פאַרטומלט און נישט שטיל געמאַכט. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז מ׳זאָל אים אַרויסלאָזן, אַז ער איז נישט שולדיק.

דעם דעטעקטיוו איז מיאוס געוואָרן די גאַנצע מעשה. ער האָט אַ פאַרמאַטערטער, אַ צעשוויצטער אַ זאָג געטאָן צו די פּאָ־ליציילייט:

— נעמט אים אַוועק פון דאַנען. אַזוי שנעל, ווי די מרס. סמיט וועט אים דערקענען, וועלן מיר מיט אים פאַרטיג ווערן . . .

הערלאָלד האָט עס געהערט. ליגנדיג אויף זיין בעטל אַ פאַר־בלוטיגטער, מיט פאַרשוואָלענע אויגן, האָט ער געהאַלטן אין איין קרעכצן:

— אָ, דזשיזוס, מ׳וועט מיר דאָ פאַרפייניגן. „זי״ וועט זאָגן, אַז איך בין עס געווען . . . „זי״ וועט זאָגן, אַז זי דערקאָנט מיר . . . דזשיזוס, מ׳וועט מיין טאַטע־מאַמע לינטשן . . . די „ווייסע״ וועט זאָגן, אַז איך בין עס געווען . . . „זי״ וועט מיר וועלן שלעכטס טאָן, און זאָגן, אַז איך בין עס געווען . . . האָט ער געהאַלטן אין איין קרעכצן. — איך בין אַ נעגער, וועט זי מיר וועלן שלעכטס טאָן. זי וועט זיכער זאָגן, אַז איך בין עס געווען! . . .

III

אין אַ בייטאָג, ווען הערלאָלד׳ס מאַמע, קאַראָליינע, האָט גע־לאַטעט איר מאַנס אַלטע הויזן, איז די אַלטע מרס. פריינק, אַריין. זי האָט אַן אומרואיגע זיך אַרומגעקוקט, און ווי אַ פאַרשולדיגטע, אַ שווייגנדיגע, זיך געזעצט לעבן קאַראָליינע׳ן. קאַראָליינע האָט

זיך געוואונדערט. ס׳איז אמת, אַז די ווייסע שכנה איז אַ וואוילע פרוי, גאָרנישט ווי די אַנדערע ווייסע, אָבער צו איר אין הויז איז זי נאָך קיינמאָל נישט געווען, דערפאַר האָט זי איר געפרעגט:

— איר דאַרפט מיך מסתמא זייער נויטיג, אַז איר זייט אַריין אַהער?

מרס. פריינק׳ס ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן:

— גאָרנישט . . . כ׳האָב נאָר געוואָלט פרעגן, צו איר האָט שוין געהערט פון אייער העראָלד׳ן.

קאַראָליינע האָט אויפגעהערט צו נייען. זי האָט פאַרלייגט די הענט:

— מיין העראָלד איז אַ געטרייער זון, ער וועט שרייבן . . . ס׳איז שוין טאַקע אַוועק אַ פּאָר טעג, אָבער ער׳ט שרייבן . . .

מרס פריינק האָט געפרעגט:

— און וואו איז אייער מאַן?

— אין די ווייסע קוואַרטאַלן אַוועק. ער זוכט אַרבעט. גייט אַהין יעדן טאָג. איך וואָלט אויך געוואָלט געפינען עפּעס אַרבעט, זיינען מיר די פיס געשוואָלן. כ׳קאָן נישט אַרומגיין. צווישן איי־גענע שוואַרצע דאַרף קיינער קיין הילף נישט. אויב איר, מרס. פריינק, וועט וועלן כ׳זאָל עפּעס טאָן פאַר אייך, וועל איך עס טאָן פאַר זייער ביליג! . . .

מרס. פריינק האָט אַ צעטראָגענע זיך אויפגעהויבן:

— ס׳איז נישט גוט, וואָס אייער מאַן איז איצט אין די ווייסע קוואַרטאַלן . . . אונזערע ווייסע דאָרט . . . וועל, זיי זיינען בייז אויף אייך . . . איר אַליין, וואָלט אויך נישט באַדאַרפט פאַרבלייבן אין הויז . . .

קאַראָליינע האָט רואיג געענטפערט:

— אייערע ווייסע האָבן אונז קיינמאָל נישט ליב. מ׳איז אַלע מאָל בייז אויף אונז. דערפאַר האָבן זיי זיך געמאַכט באַזונדערע קוואַרטאַלן. ס׳איז מיר בלויז אַ וואונדער, וואָס איר זייט דאָ גע־בליבן זיצן . . . וואָס איר קומט גאָר אַריין צו מיר . . . אָט האָב איך געהערט, אַז מיין טאָכטער זוזי, לעבט דאָרט מיט אַ ווייסן מאַן. כ׳וועל איר מער אין מיין הויז נישט אַריינלאָזן! . . .

מרס. פריינק האָט אַן אומגעדולדיגע איר נישט געלאָזן ענדיגן:

— איר זייט שוין אויסגעוועבט, קאַראָליינע, אַז איר פאַר־שטייט נישט וואָס כ׳רעד צו אייך! די ווייסע קוואַרטאַלן זיינען אויפגערעגט, ווייל אייער העראָלד האָט דערמאָרדעט אַ ווייסן דאָקטאָר! . . .

קאַראָליינע האָט ברייט צעעפנט אירע אויגן. אירע ליפּן זיי־נען איר געוואָרן ווייס. זי האָט געקוקט אויף דער מרס. פריינק.

— זייט איר מיר געוואָרן אַ שונא? אָדער איר ווילט מיר סתם אָנשרעקן . . . מיין העראָלד איז שוין לאַנג אין דער גרויסער שטאָט. כ׳וועל שוין אודאי מאָרגן קריגן פון אים אַ בריוו.

מרס. פריינק האָט זיך איבערגע׳צלמ׳ט, אַרויסגעשלעפּט פון אונטער איר ברייטן פאַרטוך אַ צייטונג און עס צעשפּרייט אויפן טיש. קאַראָליינע האָט נישט געקאָנט אַליין לייענען, האָט מרס. פריינק אַ ציטערנדיגע, מיט אַ הייזעריג פאַרשטיקט קול, געלייענט פאַר איר, אַז העראָלד האָט דערמאָרדעט אַ ווייסן דאָקטאָר און אַטאַקירט זיין פרוי. מיט אַ ציטערנדיגן פינגער האָט זי געפירט איבער די שורות, אַז מ׳האָט שוין דעם נעגער געכאַפּט, און כאָטש ער וויל זיך נישט מודה זיין, זיינען אַלע זיכער, אַז היינט־מאָרגן, וועט ער אַליין אַלץ דערציילן . . .

קאַראָליינע איז געשטאַנען לעבן איר זייער שטיל. די אויגן ווילד פאַרדרייט, און די ליפּן צעעפנט. זי איז געשטאַנען און גע־קוקט אויף איר שכנה, אויף דעם צייטונג אויפן טיש, און נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס מרס. פריינק האָט דאָ געלייענט פאַר איר. פּלוצלינג האָט זי אַהויב געטאָן די הענט הויך איבערן קאָפּ און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

מרס. פריינק האָט זיך געווישט די אויגן. זי איז איר נאָכגע־גאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און געבליבן אַ דערשראָ־קענע שטיין אין טיר. זי האָט מיט פאַרגליווערטן שרעק געקוקט אין געסל אַריין, און ווי אַ גנב׳טע זיך אַריינגעכאַפּט צו זיך אין טיר; דאָס געסל איז געווען פול מיט נעגערס, נעגערטעס און קינדער. פון אַלע אַרומיגע געסלעך זיינען זיי געקומען צולויפן, זיך צונויפגעגאָסן אין אַ קנויל, און זיך געשפּאַרט צו איין ווינקל, וואו ס׳איז געזעסן דער אַלטער דזשים. זיין רוקן איז געווען אָנ־געשפּאַרט אָן אַ וואַנט. זיינע הענט זיינען אַראָפּגעהאַנגען, און

פון זיין נאָז און מויל האָט זיך געגאָסן געדיכט, קלעפּיג בלוט. לעבן אים אויף דער ערד איז געזעסן קאַראָליינע און זיך געשאָקלט. דער עולם אַרום זיי האָט געברוישט ווי אַ שטורם. די נעגער פרויען, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און אין ווייסע הייבעלעך, האָבן געטריבן פון זיך די קינדער, און מיט קולות געהעצט די מענער, זיי זאָלן אין די ווייסע קוואַרטאַלן גיין, זיך אָפּרעכענען פאַר דעם אַלטן דזשימין.

די מענער האָבן מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער שווער געאָטעמט. געקריצט מיט גרויסע, געזונטע ציין און געביילט פאַרמאַזאָלעטע פויסטן. גרויס איז דער צאָרן געווען און מאַכטלאָז, ווייל זיי האָבן אַלע געוואוסט, אַז זיי קאָנען „אַהין" נישט גיין, אַז זיי קאָנען זיך נישט אָפּרעכענען מיט „זיי". „זיי" זיינען שטאַרקער. אַלע האָבן געוואוסט, אַז איבער די ווייסע קוואַרטאַלן שפּאַצירט איצט אַרום דאָס געזעץ, „זיי" אָפּצוהיטן פון דעם צאָרן פון די נעגערס, אַז אויב אימיצער זאָל וואָגן זיך דאָרט באַווייזן, וועט מען אים צוריקברענגען, ווי דעם אַלטן דזשימ׳ען, און אויב זיי וועלן צו־לאַנג זיך אַרומדרייען אין די אייגענע קוואַרטאַלן, וועלן די ווייסע צו זיי שיקן סאָלדאַטן...

אין דעם טומל אַרום האָט קאַראָליינע געהערט אויסרופן:

— גלויבט נישט, נעגערס, אַז העראָלד האָט דערמאָרדעט אַ ווייסן! גלויבט „זיי" נישט! . . . מיר אַלע קאָנען אים! . . . ער איז אַ שטילער בחור! אַן ערלעכער! . . .

אַן עלטערער נעגער האָט זיך געקלאַפּט מיטן האַנט אין האַרצן:

— איך האָב געקאָנט זיין זיידן. ס׳איז אַ בלבול! מ׳וויל אַן אונזעריגן פאַרפייניגן! מ׳וואָלט געדאַרפט פאָרן אַהין, זיך פאַר אים אָננעמען!

קאַראָליינע׳ס האַרץ איז געוואָרן אַביסל רואיגער. די נעגערס ווייסן, אַז איר העראָלד וועט אַזאַ זאַך נישט אָפּטאָן. זיי ווייסן, אַז ס׳איז אַ בלבול. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און מיט דער הילף פון אַ שכן אַריינגעפירט איר מאַן צו זיך אין שטיבל.

אין געסל איז נאָך לאַנג געווען טומלדיג. דערנאָך זיינען אַלע שטילע זיך צעגאַנגען. אין יעדן שטיבל האָט מען פריער

ווי אַלע מאָל פֿאַרצויגן די פֿענצטער, אַריינגעטריבן די קינדער און פֿאַרשלאָסן די טירן.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שטיבלעך האָבן שוין מיט פֿינצטערע פֿענצטער געקוקט, איז נאָך ביי קאַראָליינע׳ן אין שטוב געווען ליכ־טיג. דאָס גאַז־לעמפּל האָט שוואַך באַלויכטן די אויסגעבויגענע, נאַקעטע ווענט און דעם שוואַרצן גאַז־אויוועלע.

דזשים איז געלעגן אין בעט מיט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ, איינ־געדעקט מיט קאָלדרעס און געקרעכצט. אַ שווערער הוסט האָט אים געוועקט פֿון שלאָף. קאַראָליינע איז געזעסן לעבן בעט און געטראַכט, אַז איר דזשים שטאַרבט. די ווייסע האָבן אים דער־שלאָגן צום טויט. און מסתמא מאַטערן זיי דאָרט איר העראָלד׳ן אויך אַזוי. ס׳קאָן זיין, אַז ער איז שוין טויט, אַז די ווייסע האָבן אים אַרויסגעריסן פֿון טורמע און אים געלינטשט . . . זי וועט אַפֿילו נישט וויסן וואו ער וועט אַהינקומען . . . ווען זי וואָלט גע־ווען יונג, וואָלט זי איצט אין די ווייסע קוואַרטאַלן געלאָפֿן און כאַטש אונטערגעצונדן עטלעכע הייזער . . .

פּלוצלינג האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט אימיצן ביי דער טיר. זי האָט פֿאַוואָלינקע געעפֿנט די טיר און דערזען פֿאַר זיך די אַלטע מרס. פֿריינק. מרס. פֿריינק האָט נישט אַרויסרעדנדיג אַ וואָרט, איר געררוקט אין האַנט אַ צייטונג.

קאַראָליינע איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטע. ס׳האָט איר אַ ברען געטאָן אין מח: אַ ווייסע ביי דער טיר! אַ שונא! . . . מ׳דאַרף איר אויף שנעל דערלאַנגען מיט עפּעס איבערן קאָפּ! . . . אָט, ווי מ׳האָט היינט איר דזשימ׳ען געשלאָגן . . . זי האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן, ברייטער צעעפֿנט די טיר, און געוואָלט דעם שונא אַריינגנאַרן אין הויז, האָט זי אָבער דערזען דער מרס. פֿריינק, אַזאַ אַלטינקע, קלייניקע, מיט אַ שוואַך, קליין פּנימ׳ל און פֿאַר־טרערטע אויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזן אירע הענט. איר פּנים איז געוואָרן איינגעשרומפּן און נעבעכדיג, ווי דער ווייסער׳ס אַנטקעגן איר, האָט זי מיט אימפּעט געגעבן אַ פֿאַרהאַק די טיר, גלייך דער ווייסער אין פּנים אַריין. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיר און זיך צוגעהערט: מרס. פֿריינק האָט פֿון יענער זייט טיר צו איר עפּעס גערעדט.

קאַראָליינע האָט דורכגעקוקט דורכן שליסל־לאָך, און איר אויג האָט זיך באַגעגנט מיט אַ העל־גרויע, וואַרעמע אויג, אַ פֿאַר־טרערטע, בעטנדיקע אויג. קאַראָליינע האָט געפֿילט, ווי אירע אויגן ווערן איר אויך פֿאַרצויגן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און געעפֿנט די טיר.

מרס. פריינק, ווי זי וואָלט מורא געהאָט, קאַראָליינע זאָל ווידער נישט פֿאַרהאַקן די טיר, האָט אויף שנעל אויסגעשריען:

— קאַראָליינע, מ'האָט אַרויסגעלאָזן אייער העראָלדן! דעם דאָקטאָרס פּרוי האָט געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַן אַנדער נעגער... נישט ער! . . . איר הערט! אַלע צייטונגען זיינען פֿול מיט דעם! אָט נעמט מיין צייטונג, האָט זי איר אַריינגערוקט דאָס פּאַפּיר אין האַנט און אַנטלאָפֿן.

קאַראָליינע האָט פֿאַרמאַכט די טיר. אַרויפֿגעדרייט דעם גאַז־לעמפּל און געקוקט אויף דער צייטונג. כאָטש זי האָט נישט גע־קאָנט לייענען, איז זי אָבער געוואָרן זיכער, אַז אָט די גרויסע ווערטער מיינען, אַז איר העראָלד איז פֿריי, אַז איר העראָלד לעבט. זי האָט איינגעגראָבן איר פּנים אין דעם צייטונג און זיך צע־וויינט. זי האָט געוויינט לאַנג, אויף אַ קול. פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן דזשימ'ען. זי איז צוגעלאָפֿן צום בעט:

— דזשים! האָט זי גענומען אים טרייסלען, — דזשים, עפֿן דיינע אויגן! העראָלד איז באַפֿרייט! ער וועט צוריק קומען צו אונז! הערסט, דזשים, אָט דאָ שטייט עס געשריבן!

נאָר דזשים האָט איר שוין נישט געהערט. די אויגן זיינען ביי אים געווען פֿאַרגלעזערט, און די ליפּן פֿאַרקרימט.

ניו־יאָרק, 1933.

אַן עדות

שוירלי איז פרייטאָג פאַרנאַכט געגאַנגען אַרויף די טרעפּ זייער פּאַוואָליע, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר און דאַרף זיך אין ערגעץ ניט איילן, אָדער ווי זי וואָלט אַזוי זיך געשלעפּט כדי בעסער צו קאָנען באַטראַכטן די פאַרשוואַרצטע, צעשפּאָלטענע ווענט אַרום די טרעפּ. אָבער דער אמת איז, אַז שוירלי איז געווען זייער מיד פון שטיין אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס, אין דעם קליידער־געשעפט וואו זי אַרבעט. אָנפאַנג וואָך לויפט זי אַרויף די טרעפּ, אַז איר באַלעבאָסטע וואונדערט זיך אַזש: „ווי אַ יונג ציגעלע — טראַכט זי מיט קנאה, — לויפט, ווי גאָרניט נאָך אַ טאָג אַרבעט". אָבער סוף וואָך, ווען שוירלי קאָן שוין קוים דער־קריכן, מיינט זי שטענדיג, אַז איר מאַן קריכט עס אויף די טרעפּ.

אין דער הויך, לעבן טיר פון איר צימערל, איז איר אַנטקעגנ־געקומען איר באַלעבאָסטע מיט אַ בריוו אין האַנט. געוויינלעך, אַז עס קומט איר ווען אַמאָל אָן אַ בריוו, געפינט זי עס אָדער אויף איר טישל, אָדער, אַז די באַלעבאָסטע פוילט זיך, שטופּט זי עס אַרונטער אונטערן טיר. דערפאַר האָט זיך שוירלי דערשראָקן:

— דאַכט זיך, אַז קיין דירה־געלט קומט זי איר ניט. פאַרן עסן דאַרף זי ערשט צאָלן מאָרגן ביינאַכט, טאָ וואָס וואַרט זי אויף איר ביי דער טיר?

— אַ בריוו, — האָט די באַלעבאָסטע איר אָנגעזאָגט אַ בשורה.

— ס'קוקט אויס, צו זיין אַ וויכטיגער בריוו. עפּעס פון אַ לאָיער!

שוירלי האָט אַ גלייכגילטיגע צוגענומען דעם בריוו, פּונקט ווי זי וואָלט פון אַלעמאָל געוואוינט געווען צו קריגן בריוו פון לאָיערס. אָבער אַז זי האָט זיך אַ זעץ געטאָן נאָך אין מאַנטל אויפן בעט, האָט זי מיט וואונדער געקוקט אויפן קאָנווערט:

טאַקע, איר באַלעבאָסטע איז געווען גערעכט. אינדערהויך, אויפן לינקן זייט, איז געשטאַנען מיט געדרוקטע ווערטער:

„שוואַרץ און שוואַרץ, לאַיערס״, אין אַ בילדינג ערגעץ אַרום וואָל סטריט.

שוירלי׳ס ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז מען זאָגט איר אָן וועגן אַ ירושה. אפשר איז אימיצער אין דער משפּחה געשטאָרבן און איר איבערגעלאָזן אַ ירושה. זי ווייס, אַז איר מאַמע האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה פון שוועסטער, ברידער, עלטער־מומעס און עלטער־פעטערס. ס׳פּאַסירט דאָך אַזוינע זאַכן. האָט זי זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אַז איר מאַמע פלעגט דערציילן, אַז זיי זיינען אַלע געווען גרויסע קבצנים און אַ חוץ דעם האָבן זיי אַלע געהאַט אַ סך אייגענע קינדער, וועמען זיי וואָלטן געקאָנט איבערלאָזן אַ ירושה. זי האָט אויפגעריסן דעם בריוו און געלייענט, אַז די לאַיערס שוואַרץ און שוואַרץ זאָגן איר אָן, אַז מיט צוויי יאָר צוריק האָט זי צוגעזען ווי אַ טעקסי האָט אומגעוואָרפן אַ קינד אינמיטן גאַס, און אַזוי ווי איצט ווערט דער ענין אויפגענומען אין געריכט, בעטן זיי איר צו קומען צו זיי אין אָפיס און דערציילן אַלץ וואָס זי ווייס וועגן דעם.

שוירלי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם בריוו אויפן טישל, זיך אויסגעטאָן די שיך, זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און אַ לאַך געטאָן:

— מער האָב איך שוין ניט וואָס צו טאָן ווי גיין צו די שוואַרץ און שוואַרץ . . .

אָבער אַז זי האָט זיך אַביסל אָפּגערוט, נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט אין דעם בריוו, האָט זי זיך גענומען דערמאָנען אָן יענעם פריימאָרגן. זי איז דאָן געגאַנגען צו דער אַרבעט און געזען ווי אַ 8—9 יאָריג אינגעלע לאָזט זיך אַריבערלויפן די גאַס. אין הענטל האָט ער געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ מטבעה: מסתמא געגאַנגען עפּעס קויפן וואָס פאַר זיין מאַמען, איידער ער גייט אַוועק אין סקול. פון אַ זייטיג גאַס האָט זיך מיט אימפּעט אַריינגעדרייט אַ טעקסי און אַרויף גלייך אויפן קינד. זי געדענקט ווי ער איז געבליבן ליגן מיט צעשפּרייטע פיסלעך און פאַרוואָרפן קעפּל. אַז אַן אַמבולאַנס דאָקטאָר האָט אים אויפגעעפנט דאָס פאַרקוועטשטע הענטל, איז אַרויסגעפאַלן אַ קוואָדער. טעג דערנאָך האָט איר געקלונגען אין די אויערן די געשרייען פון דעם אינגעלעס מאַמע.

— ס׳קאָן זיין, — האָט שוירלי אַ טראַכט געטאָן, — אַז דאָס קינד איז געבליבן אַ קאַליקע; ס׳קאָן זיין, אַז מ׳קאָן איצט פאַרן אינגל קריגן אַ פּאָר דאָלאַר. זי קאָן אפשר אַ סך העלפן. זי איז דאָך געווען די ערשטע צו זען דעם אומגליק. זי איז דאָך געווען די, וואָס האָט געשריען צו דעם פּאָליציימאַן, אַז מ׳זאָל אַרעסטירן דעם טעקסי־דראַיווער. ווי קאָן זי עס פאַרגעסן?

אויף מאָרגן, מיטאָג־צייט, האָט שוירלי אָפּגערופן אויפן טע־לעפאָן:

— לאָיער שוואַרץ? דאָס רעדט שוירלי גראָס.

— העלאָ, מיס גראָס! — האָט אַ מענערשע שטימע זיך מיט איר דערפרייט, — איר קומט אַריבער?

— איך אַרבעט ביז זעקס אין אָוונט, — האָט שוירלי גע־ענטפערט, — סיידן כ׳קאָן קומען נאָך דער אַרבעט.

— דאַן זיינען מיר שוין פאַרמאַכט, — האָט די שטימע באַ־דויערט, — איר קאָנט אָבער אָפּנעמען אַ האַלבן טאָג. מיר׳ן אייך באַצאָלן פאַר דעם . . . איר׳ט גאַרנישט פאַרלירן . . .

— יע, — האָט שוירלי געענטפערט, — גאָרנישט, אַחוץ מיין שטעלע. אויב איך קום איצט ניט אַריין, וועט מען מיך מאָנטאָג אויך ניט דאַרפן, סיידן איר קאָנט מיר צושטעלן אַן אַנדער שטעלע.

— אָ, אַזוי? — האָט די שטימע אויף יענער זייט טעלעפאָן באַדויערט, — דאָס איז שלעכט . . . איך מוז אייך זען . . . — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן ווי ער וואָלט עפּעס געפּלאַנעוועט און דער־נאָך אַ זאָג געטאָן: — הערט זיך איין, מיס גראָס, כ׳מוז אייך זען נאָך היינט. ס׳איז נויטיג. ווילט איר מיר טרעפן אין אַ רעסטאָ־ראַן? מיר׳ן עסן צוזאַמען סאַפּער און זיך דורכרעדן. טרעפט מיר אין דעם ריגס רעסטאָראַן.

שוירלי האָט געוואוסט, אַז דער ריגס רעסטאָראַן געפינט זיך ערגעץ אויף בראָדוועי. דאָס איז פון יענע רעסטאָראַנען, וואו עס ברענען מאַטע לעמפּלעך, וואו די טישלעך זיינען צוגעדעקט מיט קלאָר־ווייסע טישטעכלעך און מען רעדט מיט שטילע רייד. זיך טרעפן מיט אַ פרעמדן מענטשן, דערצו נאָך אַ לאָיער אין אַזאַ רעסטאָראַן, האָט זי ניט געוואָלט. האָט זי אים געענטפערט:

— ריגס רעסטאָראַן איז צו־ווייט פאַר מיר. לאָמיר זיך טרעפן אויף 14טע גאַס.

די שטימע איז געווען אומצופרידן:

— איר מיינט אין אַטאָמאַט?

שוירלי האָט זיך דערפרייט, וואָס אים איז באַקאַנט דער אַטאָ־מאַט. זי האָט זיך גלייך דערפילט היימישער.

— דעם אַטאָמאַט האָב איך אַליין אויך ניט ליב. אָבער מיר קאָנען זיך טרעפן לעבן אַטאָמאַט.

— גוט, — האָט ער איר געענטפערט, — זעקס דרייסיג? אָפּגערעדט. אָבער ווי אַזוי וועלן מיר זיך דערקענען?

שוירלי האָט גענומען לאַכן:

— אויב איר טראָגט, ווי אַלע לאַיערס, אַ האַרטע הוט, אין מויל אַ ציגאַר און פון דער אויבערשטער קעשענע שטאַרצט אַרויס אַ שפּיץ פון אַ ווייס טיכעלע, וועל איך אייך שוין דערקענען...

דעם מאַן אויפן טעלעפאָן איז עס געפעלן. שוירלי האָט ממש געקאָנט פילן ווי ער קוועלט דאָרט:

— איך טראָג אָבער ניט קיין האַרטע הוט און רויכער ניט קיין ציגאַרן. און מיין ווייס טיכעלע, — האָט ער באַדויערט, — האָב איך מסתמא פאַרגעסן אַריינצולייגן... אפשר וועל איך אייך דערקענען?

—יאָ, איך גלויב, אַז יאָ, — איז שוירלי׳ן געפעלן געוואָרן דער שמועס, — איר וועט מיר זיכער דערקענען, ווייל כ׳וועל מסתמא אויסקוקן מיד. כ׳וועל אודאי עפּעס קייען, ווייל איך וועל זיכער זיין הונגעריק. נאָר — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, — ס׳וועט ניט טויגן, אַ סך מיידלעך אויף דער 14טער גאַס קוקן אויס מיד, און כמעט אַלע גייען אַרום קייענדיג. אַנדערע עסן אַפילו גע־זאַלצענע בייגעלעך. ס׳איז איר פּלוצלינג איינגעפאַלן:

— איר ווייסט וואָס? כ׳וועל שטיין לעבן אַטאָמאַט מיט אַ געזאַלצן בייגל אין האַנט, וועט איר מיר שוין מוזן דערקענען.

— גוט, — האָט די שטימע דאָרט געקוואַלן. — נאָר געדענקט, האַלט דעם בייגל אין האַנט, עסט עס נישט אויף!

אַ גאַנצן טאָג האָט שוירלי׳ן זיך געוואָלט דערציילן די מיידלעך פון געשעפט, אַז זי האָט אַ „דעיט" מיט אַ לאַיער. זי האָט אָבער

מורא געהאַט, אַז קיינער וועט איר ניט גלויבן. און סיי ווי האָט זי אַליין אויך ניט געגלויבט, אַז דער מאַן מיט וועמען זי האָט גערעדט איז אַ לאַיער פון די שוואַרץ און שוואַרץ. זיין שטימע האָט גע־קלונגען עפּעס צו יונג, צו פריילעך. אפשר נאַרט זי גאָר אימי־צער אָפּ?

פונקט זעקס דרייסיג איז שוירלי געשטאַנען לעבן אַטאָמאָט מיט אַ געזאַלצענעם בייגל אין האַנט. אַ שטיקל האָט זי שוין גע־האַט אָפּגעביסן, ווייל זי איז באמת געווען הונגעריג. זי האָט פאַר־זיכטיג נאָכגעקוקט אַלע מענער. נאָר קיינער האָט זי ניט באַ־מערקט און קיינער האָט איר ניט געקוקט אין האַנט אַריין.

פלוצלינג איז אַ יונגער בחור געבליבן שטיין לעבן איר. זיין מאַנטל איז געווען פאַנאַנדערגעשפּילעט און זיין הוט וואויליונגעריש פאַררוקט אויפן קאָפּ.

— העלאָ! — האָט ער היימיש אַ שמייכל געטאָן, — איר׳ט נאָך נישט אויפגעגעסן דעם בייגל?

שוירלי האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט אפילו ניט געוואוסט פון וועלכער זייט ער איז אָנגעקומען.

— אָ . . . דאָס זייט איר?!

דער בחור האָט אַ צי געטאָן זיין הוט:

— יאָ, דאָס בין איך, און דאָס זייט איר? הם . . . האָט שוירלי גראָס צוגעשיקט אַ אינגערע שוועסטערל, אָדער איר אַליין זייט אַזוי יונג? — האָט ער זי באַטראַכט.

שוירלי איז רויט געוואָרן. זי האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן:

— קוקט נאָר אָן דעם שוואַרץ און שוואַרץ, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — חכמה׳ט זיך, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ טאַנץ . . . אים האָט זי געזאָגט:

— וואָס מיר אינטערעסירט, איז אייך איבערגעבן די איינצל־הייטן פון יענעם אומגליקספאַל און דערנאָך גיין אַהיים. ווילט איר אַריין אין אַ רעסטאָראַן, אָדער איר דענקט אפשר, אַז מיר קאָנען דאָ רעדן?

דער בחור האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אויף עפּעס ברוגז. ער האָט אויף שנעל געוואָלט זי באַרואיקן:

— אודאי אין אַ רעסטאָראַן. קומט. דערווייל אָבער קאָנט איר מיר געבן פאַרזוכן פון אייער בייגל.

זיצנדיק אַנטקעגן אים ביי אַ טישעלע, האָט שוירלי געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט. אַן זיין מאַנטל און הוט קוקט ער אויס זייער יונג, ווי אַ יונגער בחור׳ל, וועלכער האָט זיך פאַרפּוצט פאַר אַ שבת ביינאַכטיקן „דעיט״. אפשר האָט זי געמאַכט אַ טעות? עס קאָן זיין, אַז דער לאָיער שוואַרץ זוכט זי דאָרט אַרום לעבן אָטאָ־מאַט און זי זיצט גאָר דאָ מיט אָט דעם בחור׳ל.

דער בחור, ווי ער וואָלט געטראָפן וועגן וואָס זי טראַכט, האָט איר דערלאַנגט אַ קאַרטל:

— קודם־כל וויל איך פאַר אייך זיך פאָרשטעלן, — האָט ער געשמייכלט.

שוירלי האָט איבערגעלייענט: מאַרטין פּ. פאַוערס, לאָיער. דער אַדרעס דער זעלביגער ווי פון די שוואַרץ־און־שוואַרץ. שוירלי האָט געקוקט אויפן קאַרטל ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי דער בחור אַנטקעגן איר איז גאָר געוואָרן לאָיער פּאַוערס. זי איז שוין געוואָרן אויף אַן אמת בייז:

— אָבי איך האָב געמיינט, אַז איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַ מר. שוואַרץ . . .

מר. פּאַוערס האָט געקוואָלן, ווי ס׳וואָלט אים געוואָלטיג הנאה געטאָן וואָס ער האָט דאָ אָפּגענאַרט אַ מיידל:

— ווען איר דאַרפט זיך טרעפן מיט איינעם פון די שוואַרץ ברידער, וואָלט עס געווען אין האָטעל אַסטאָר, זיכער נישט אויף 14טער גאַס. ווייסט איר וואָס די צוויי ברידער טוען אויף אַ שבת ביינאַכט? — האָט ער זיך צו איר אַריבערגעבויגן, — מ׳גייט צו „נאַיט קלאָבס״, מ׳טרעפט זיך מיט קאָלעגן ביי קאַרטן, מ׳גייט אין טעאַטער, אין דער אָפּערא. פאַרשטייט זיך אין אַ פראַק און צי־לינדער. דער אינגערער האָט נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, גענומען אַ גרויסן נדן, רירט ער זיך אָן זיין ווייבל נישט פון אָרט... דער עלטערער האָט שוין אַ טאָכטער אַזוי גרויס ווי איר. און סיי

ווי, וואָלט איר אים מוחל געווען, זיך צו טרעפן מיט אים. ער איז אַט אַזוי . . . האָט ער געוויזן מיט די הענט אַרום בויך. אָבער דערפאַר זיינען זיי ביידע גוטע לאָיערס און מאַכן גוטע געשעפטן.

שוירלי האָט זיך נישט געקענט העלפן. זי האָט געמוזט נע־מען לאַכן.

— און וואָס זייט איר אַליין ?

— אָ, איך בין אַ לאָיער. איר מעגט עס מיר גלויבן, — האָט ער זי אָנגעקוקט האַלב ערנסט האַלב אין שפּאַס. — כ׳האָב גענוג געהאָרעוועט אויף דעם . . .

— אָ, איך פאַרשטיי. הייסט עס, אַז איר פאַרטרעט די שוואַרץ־און־שוואַרץ פירמע.

— יאָ. מיין אַרבעט איז אומעטום זיין, זיך זען מיט עדות, אַלץ אויסגעפינען, אַלץ פאַרשרייבן, עס איבערגעבן די שוואַרץ לאָיערס, דערנאָך קומען זיי מיט אַלע באַווייזן אין געריכט. און מערסטנטייל געווינען זיי, קריגן אַ העלפט פון דעם, וואָס מ׳פּסק׳נט צו און מאַכן דערפון אַ פיין לעבן. אָבער איך קריג דערפאַר אַ וועכנטלעכן געהאַלט. פאַרשטאַנען ?

שוירלי האָט פאַרשטאַנען. כאָטש ער האָט גערעדט לייכט, מיטן זעלביקן שמייכל, ווי ווען ער האָט גערעדט וועגן געזאַלצענעם בייגל, האָט זי אָבער געפילט אַ באַהאַלטענעם פאַרדראָס, אַ ביטערקייט אין זיינע רייד. זי האָט גענומען לאַכן :

— איר ווייסט, מיר דאַכט זיך, אַז מיר ביידע האָבן איינע און די זעלביקע אויפגאַבע : רייך מאַכן אונזערע באַלעבאַטים. איך אַרבעט אין אַ פרויען קליידער־געשעפט. איך בין אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיטן פאַרקויפן און מעסטן קליידער. כ׳דאַרף העלפן די קונדן זיך אויסטאָן און אָנטאָן. כ׳דאַרף צו זיי שמייכלען, מאַכן קאָמפּלימענטן. כ׳דאַרף דורכן טאָג אויסשטיין פאַרשיידענע צרות, סיי פון די קונדן, סיי פון די באַלעבאַטים. איך פאַרקויף דורכן טאָג אַ סך קליידער און קריגן קריג איך דערפאַר זעכצן דאָלער אַ וואָך . . . מיר דאַכט, אַז ס׳איז די זעלביקע סיסטעם אויף וועל־כער איר אַרבעט. ניין ?

מר. פאָוערס האָט געקוקט אויף איר. — אַהאַ, האָט ער אַ

טראַכט געטאָן, — זי איז נישט קיין נאַר. זי פאַרשטייט אַן ענין. ער האָט איינשטימיג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פאַרוואָס עסט איר נישט? — האָט ער זי פלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— ווער צאָלט פאַרן עסן? — האָט זי אים געפרעגט.

— אָ, איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן, מיס גראַס, ניין, כ׳וועל אייך בעסער רופן שוירלי, איר האָט נישט דאַגעגן, — האָט ער פריילעך גערעדט, — יאָ, איר מעגט הנאה האָבן פון עסן. די פירמע צאָלט פאַר אַלץ. דאָס גייט אַריין אין די הוצאות . . .

* * *

מאָנטאָג פאַרנאַכט, גלייך נאָך דער אַרבעט, איז שוירלי אַוועק צום אַטאָמאַט, זיך טרעפן מיט דעם מר. מאַרטין פּ. פּאַוערס.

— איר דאַרפט שוין נישט האַלטן אַ בייגל אין האַנט, — האָט ער איר אָנגעזאָגט, — כ׳וועל אייך שוין דערקענען. שוירלי מוז לאַכן ווען זי דערמאָנט זיך, ווי ער האָט אַ גאַנצן אָוונט געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיך, אַז ער דאַרף מיט איר רעדן, אַז ער האָט איר נאָך גאָרניט אויסגעפרעגט. דער סוף איז געווען, אַז ווען ער האָט איר אָפּגעפירט אַהיים, האָט ער איר נאָך אַלץ גאָרנישט געפרעגט. — מיר וועלן זיך שוין דאַרפן טרעפן מאָנטאָג, — האָט ער געמאַכט אַן ערנסטע מינע, — דאַן וועל איך אַלץ פאַרשרייבן. גוט?

שוירלי׳ן האָט עס נישט געאַרט. ס׳איז איר געווען פריילעך מיט דעם מר. פּאַוערס, האָט זי קוים זיך דערוואַרט אויף דעם פאַרנאַכט. אַזוי שנעל ווי ער איז צוגעקומען, האָט ער איר געלאָזן וויסן, אַז ער גייט איר פירן אין אַן אַנדער רעסטאָראַן, דאָרט וועט זיין שטילער, האָט ער איר דערקלערט, וועלן מיר קאָנען אומ־געשטערט רעדן.

שוירלי האָט זיך געלאָזט פון אים פירן. אַזוי לאַנג ווי ער דאַרף נישט צאָלן פאַרן עסן, האָט איר ניט געאַרט וואו ער פירט איר. ווען ער וואָלט דאַרפן צאָלן, וואָלט זי ניט געגאַנגען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז כאָטש ער איז אַ לאַיער, גייט זיך אַזוי שיין אָנ־געטאָן און האָט אַזאַ שמייכלענדיגן פנים, איז ער אויף גרויסע

צרות. אַז ווען ער האָט דאָ ניט אין די בראָנקס אַ טאַטע מיט אַ מאַמען ביי וועמען צו וואוינען, וואָלט ער מסתמא, פונקט ווי זי, געוואוינט אין אַ קליין, פאַרשטיקט צימערל ערגעץ אויף אַ דריטן שטאָק. ער האָט איר דערציילט וועגן זיין טאַטע־מאַמע, ווי זיין טאַטע האָט אַלע יאָרן געהאָרעוועט אַלס אַ פּרעסער אין אַ שאָפּ און אים געשיקט זיך לערנען פאַר אַ לאָיער. איצט קאָנען זיי זיך שוין נישט דערוואַרטן כ'זאָל אָנפאַנגען צו פאַרדינען אַ סך געלט, האָט ער געשמייכלט:

— שוירלי, — האָט ער געזאָגט, אַזוי שנעל ווי זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, — כ'בין היינט געווען ביי דער מרס. גאָרדאָן, איר ווייסט, דעם אינגל'ס מאַמע. ס'האָט מיר אינגאַנצן צעטרייסלט.

שוירלי האָט פאַר זיך דערזען דעם אינגל, ווי ער איז געלעגן מיט צעשפרייטע פיסלעך, פאַרוואָרפן קעפּל און שטייף פאַר־קוועטשטן קוואָדער אין הענטל. זי האָט שטיל געפרעגט:

— וואָס איז מיטן אינגל?

— ער הינקט... אַ שיינער בלייכער אינגל, מיט אַזוינע קלוגע, טראַגישע אויגן און הינקט . . . — האָט מאַרטין פאַוערס געקוקט אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט דאָרט געזען דאָס אינגל, — די גאַנצע צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען, איז ער געזעסן אויף איין אָרט, זיך נישט גערירט. ווייזט אויס, אַז ער איז נאָך נישט צוגעוואוינט צו זיין קאַליקער פוס. ער שעמט זיך נאָך . . . און אין הויז איז אַזאַ אָרעמקייט. די מרס. גאָרדאָן איז אַזאַ פאַרצווייפלטע. ס'איז אַ שרעק . . .

שוירלי האָט געזאָגט:

— כ'האָב אַזויפיל מאָל געוואָלט אַריין צו זיי, זיך נאָכפרעגן אויפן קינד, און קיינמאָל נישט געהאַט דעם מוט דערצו. כ'האָב איר איינמאָל געזען דורכלויפן די גאַס, אַ פאַרוויינטע, מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי וויל אויסמיידן מענטשן, אַז זי וויל נישט, מ'זאָל זי אָפּשטעלן. דערנאָך האָב איך זיך איבערגעצויגן אויף אַ צווייטער גאַס און שוין געהאַט כמעט פאַרגעסן אָן זיי. . . .

— שוירלי, — האָט מאַרטין פאַוערס געזאָגט, און צום ערשטן

מאָל האָט זי אים געזען אַזאַ ערנסטן. — מרס. גאָרדאָן געדענקט אייך זייער גוט. זי ווייסט, אַז איר האָט צוגעזען דעם אומגליק. איר זייט איר גאַנצע האָפענונג צו קריגן אַ פּאָר דאָלאַר פֿאַרן קינד, און באמת זייט איר דער וויכטיגסטער עדות. געדענקט עס.

שוירלי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז זי וועט אפשר דאַרפֿן אָפּנעמען אַ גאַנצן טאָג, און אַמאָל קאָן זיך עס נאָך פֿאַרציען אויף צוויי טעג. זי קאָן נאָך אַמאָל צוליב דעם פֿאַרלירן איר שטעלע! ווער וועט זיך דאָן פֿאַר איר אָננעמען? — זי האָט אָבער געזאָגט:

— אויב מיין עדות־זאָגן קאָן זיי העלפֿן קריגן אַ פּאָר דאָלאַר, וועל איך שוין אַזוי דערציילן, אַז אַלע אין געריכט וועלן ביי מיר וויינען . . . איך האָף נאָר, אַז דער טעקסי־טרייבער וועט נישט פֿאַרלירן זיין שטעלע. נאָך אַלעמען איז ער אפשר נישט דער שולדיגער. ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פּאַסאַזשיר צו פֿאַרדינען עפּעס.

— זאָרגט זיך ניט פֿאַר אים, די טעקסי־טרייבער זיינען שוין געוואוינט צו אַזוינע זאַכן. — האָט ער עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — די טעקסי־קאָמפּאַני האָט אָנגעשטעלט אַ גוטן לאָיער אים צו פֿאַרטיידיגן. אָבער איר ווייסט? — האָט ער אַ קערעווע געטאָן דעם שמועס, — איר זייט דער אָנגענעמסטער עדות, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן. איך גלויב, אַז כ׳וועל אייך דאַרפֿן זען נאָך עטלעכע מאָל.

שוירלי האָט שוין געלאַכט:

— דאָס גייט אויך אַריין אין שחבון, כ׳מיין, מאַכן קאָמפּלי־מענטן? מיך אָפּפירן אַהיים?

מאַרטין פֿאָוערס האָט פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעטל. דורכן קנויל האָט ער געקוקט אויף איר, געקוקט נישט ווי אַ לאָיער אויף אַן עדות, נאָר ווי אַ בחור קוקט אויף אַ מיידל, וועלכע געפֿעלט אים. געזאָגט אָבער האָט ער עפּעס אַנדערש, נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן:

— אָ, מיר לאָיערס, דאַרפֿן זיין זייער העפֿלעך מיט אונזערע עדות, אונזער דערפֿאָלג ווענדט זיך אַ סך אָן דעם, וואָס אַן עדות וועט זאָגן. איר פֿאַרשטייט?

שוירלי האָט געזען, אַז כאָטש ער רעדט מיט אַן ערנסטן

אָנשטעל, האָבן זיינע אויגן צו איר וואַרעם געשמייכלט. זי האָט צוריקגעשמייכלט:

— יע, איך פאַרשטיי. „מיר לאָיערס״... הום... זעט איר, ס׳וואָלט מיר שוין נישט געאַרט, ווען איר קריגט אַ העלפט פון דעם, וואָס מ׳וועט צו׳פסק׳ענען. די שוואַרץ־און־שוואַרץ פאַרגין איך עס נישט...

— איר ווייסט? — האָט ער געקוקט אויף איר, — אַז איך וועל אַמאָל עפענען מיין אייגענעם אָפיס, וועל איך אייך מאַכן פאַר מיין הויפּט־עדות פון אַלע מיינע קליענטן. גוט?

שורלי איז געוואָרן פריילעך.

— אָ, איך וועל בעסער אַרבעטן פאַר אייך אין אָפיס, איך קאָן די מלאכה. אַ חוץ דעם, וועל איך זיין אייער עדות אויך. איז ווען איר וועט מיך דאַרפן, וועט איר מיך נישט דאַרפן פירן אין אַ רעסטאָראַן.

—גוט, — האָט ער איר אַ דריק געטאָן איר האַנט. — מיר׳ן אַרבעטן צוזאַמען. אָבער אין אַ רעסטאָראַן וועל איך אַייך סיי־ווי נעמען. וואָס איז וועגן מאָרגן ביינאַכט?

דער טויט פון טשאַרלי מור

דער באַגינען איז געווען אַ פראָסטיגער, אַ פאַרשנייטער. דער הימל האָט אויסגעקוקט גראָ און נידעריג. פענצטער פון הייזער זיינען געווען פאַרצויגן מיט אַ פראָסט. טירן האָט מען קוים געקאָנט אַרויסזען צוליב דעם הויכן שניי.

פונדעסטוועגן איז טשאַרלי מור געקראָכן אין דעם טיפן שניי. שווער געהויבן די גומענע שטיוול און זיך געאיילט וואָס שנעלער אַרויסצוקריכן פון דער געסל. אַ מילך־מאַן איז פּאַוואָלינקע דורכ־געפאָרן, דערקענט טשאַרלי׳ן און אָפּגעשטעלט דעם פערד:

— העי, טשאַרלי! וואו קריכסטו אין אַזאַ שניי? וועסט דאָך פאַרשאָטן ווערן... מ׳זעט דיר דאָך קוים אַרויס!

טשאַרלי האָט אַפילו זיך ניט אָפּגעשטעלט, בלויז אַ הויב געטאָן זיין גרין היטל, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט געבן צו פאַרשטיין וואו ער איילט זיך, ער האָט צוריקגעשריען:

— אַזוינע ווי איך ווערן ניט פאַרפאַלן! כ׳וויס שוין מיין וועג!

שפּעטער אַביסל, ווען ער האָט זיך פאַרקירעוועט אויף דער וועניו, אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון זיין גרינער קורטקע, האָט ער געטראַכט ווי קלוג ער האָט געענטפערט דעם מילך־מאַן. אודאי, אַזאַ איינער, וואָס אַרבעט פאַר דער שטאָט 10 יאָר, טראָגט אַ שטאָטישע, גרינע קורטקע און היטל קאָן שוין ניט גיין פאַרפאַלן. ווען ער, טשאַרלי זאָל וועלן קאָן ער אַפילו ווערן אַ פאָרמאַן אויך. אָבער טשאַרלי דערציילט אַלעמען, אַז ער וויל ניט. צו זיין ווייב קעטרין טענה׳ט ער:

—... קעטרין, צו וואָס דאַרף איך מיר מאַטערן, אָפּגעבן עקזאַמענס, ענטפערן אויף אַזוי פיל פראַגן? צו וואָס? וואָס אַרט מיר, אַז איך טראָג אַ קורצע קורטקע אָנשטאָט אַ לאַנגן מאַנטל? דאָרט אין אָפיס ווייס מען, אַז איך בין ערלעך, איבערגעגעבן. נישקשה, כ׳וועל אַמאָל באַלוינט ווערן דערפאַר.

אַז ער זעט, אַז זיין ווייב שווייגט, וויל ניט ענטפערן אויף דעם, זאָגט ער:

— אָלראַיט, קעטרין, אַז דו ווילסט שטאַרק וועל איך זיך דורכרעדן וועגן דעם אין אָפיס . . . כ'וועל שוין זען צו ווערן אַ פאָרמאַן . . .

ביי זיך אין האַרצן ווייס אָבער טשאַרלי מור, אַז ער וועט קיינמאָל ניט גיין אין אָפיס רעדן וועגן דעם. ווייל וואָס וועט ער טאָן, אַז מ'וועט אים טאַקע הייסן זיך צוגרייטן פאַר אַן עקזאַמען? טאָמער הייסט מען אים לייענען, שרייבן? טאָמער דאַרף ער אַלץ געדענקען? טשאַרלי מור ווייס, אַז ער האָט מורא דערפאַר. ער טראַכט, אַז ער וועט שוין בעסער צװאַוואַרטן. סוף־כל־סוף וועט מען זיך אַמאָל אויף אים אומקוקן, דערזען זיינע פיאַיקייטן. אויב מ'וועט אים בעטן זיין פאָרמאַן, וועט שוין זיין עפּעס אַנדערש, דאַן וועט ער זען . . .

דערווייל ווייס טשאַרלי מור, אַז ער דאַרף זיך אײַלן צום אָפיס, ער זאָל האָבן אַ פּאָר מינוט זיך אַנצואוואַרעמען ביי דעם גערז־אויוועלע איידער ער וועט דאַרפן אַוועקפאָרן צום גאַראַדזש וואו די גרויסע לאַסט־מאַשינען געפינען זיך.

דער אָפיס איז געווען פאַרמאַכט, אַ שלאָס איז געהאַנגען אויף דער טיר. דורכן פענצטער האָט ער געזען דעם זייגער אויפן וואַנט. ס'איז געווען פונקט האַלב נאָך פינף. אין אַ פּאַר מינוט אַרום דאַרף ער שוין זיצן אין מאַשין, זיין אויפן וועג צום גאַראַדזש. וואָס איז דאָ געשען? אַ שרעקלעכער געדאַנק האָט דורכגעשאָסן זיין קאָפּ:

אפשר האָט ער פאַרשפּעטיגט, פאַרזאַמט דעם מאַשין? פאַר די גאַנצע 10 יאָר וואָס ער אַרבעט פאַר דעם „סאַניטעישאַן דע־פּאַרטמענט" איז ער נאָך קיין איין מאָל ניט שפּעט געווען. איצט האָט ער פאַרשפּעטיגט.

טשאַרלי האָט פאַרגעסן, אַז ער איז מיד, אַז זיין קליין קערפּערל איז שוין פאַרגליווערט פון קעלט. ער האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן גאַס, אַנצויאָגן די אַוועקגעפאָרענע מאַשין. פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם שלאָס אויפן טיר. מאַיקל דער פאָרמאַן בלייבט שטענדיג אין אָפיס. ווייזט אויס, אַז קיינער איז נאָך ניט געווען. ער האָט זיך צעשמייכלט:

— אַלע האָבן זיך פאַרשפּעטיגט, אַפילו דער פאַרמאַן אויך! נאָר ער, טשאַרלי מור, איז געקומען אין צייט, געקומען דער ערשטער.

ער האָט אַ צופרידענער זיך צוריקגעשלעפּט צום אָפּיס, פאַר־רויכערט אַ סיגאַרעטל און זיך געטרייסלט פון קעלט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. דער גרויסער ווייזער האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף נאָך 10 מינוט. איצט וואָלט ער שוין געדאַרפט שטיין אויף דעם גרויסן מיסט־טראָק. זיי וואָלטן זיך אַ יאָג געטאָן צו די באַקאַנטע גאַסן און אַ פּאָר מינוט שפּעטער וואָלטן שוין די מיסט־קענדלעך, די אָנגעשטאָפּטע זעק מיט פּאַפּיר געפלויגן אין דעם טראָק אַריין. אין פולע זעק קאָן מען אַמאָל געפינען ווערטפולע זאַכן. טשאַרלי׳ס געניטע האַנט דערטאַפּט שטענדיג די ליידיגע זייף־קעסטעלעך מיט קופּאָנען. נאָכדעם, ווען ער זעצט זיך עסן מיטאָג, שניידט ער אויס די קופּאָנען, באַהאַלט זיי אין בוזים קע־שענע. פאַרנאַכט, ווען ער קומט אַהיים, דערלאַנגט ער עס זיין ווייב מיט אַזאַ וויכטיגער מינע, ווי ער וואָלט איר געבראַכט די טייערסטע מתנות:

— זעסט, קעטרין, אַט האָסטו נאָך קופּאָנען, זעסט!

אַז קעטרין שווייגט, נעמט צו די שטיקלעך פּאַפּיר מיט שפּיץ־פינגער, ווערט טשאַרלי בייז, ער זאָגט שוין אַ באַליידיגטער:

— זאָלסט זיי ניט פאַרלירן, קעטרין, באַהאַלט זיי, פאַרגעס ניט אויסצוציילן וויפל דו האָסט שוין . . .

טשאַרלי פילט ווי דער פראָסט פרירט זיין לייב. זיינע קליידער זיינען שטייף געוואָרן ווי בלעך. ס׳האָט אים געברונען פון די אויגן און נאָז. ווען קעטרין זעט אים איצט, וואָלט זי פאַרקרימט די ליפּן, פונקט ווי אַלעמאָל, ווען זי איז מיט אים אומצופרידן. טשאַרלי׳ן דאַכט זיך, אַז זי איז קיינמאָל ניט צופרידן מיט אים, כאָטש זי קריגט זיך מיט אים ניט, גייט זי אָבער אַרום אַ פאַר־ביסענע, אַ שווייגנדיגע. ער טראַכט, אַז ס׳איז דערפאַר ווייל זיי האָבן ניט קיין קינדער. אָבער ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, איז זי שוין אַ באַרואיגטע און גרייט אים אַ וואַרעמען עסן. טשאַרלי האָט זיך דערמאָנט אָן דער פאַרשלאָסענער טיר און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס׳איז געוואָרן פונקט 6 און ער שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן. טשאַרלי האָט זיך גענומען שרעקן, אַז עפּעס

איז דאָ אַן אומגליק געשען. וואָס וועט דאָ היינט זיין מיטן מיסט? וואָס וועלן די באַלעבאָסטעס זאָגן אויף דעם?

פּלוצלינג איז צוגעפאָרן דעם פאָרמאַנ׳ס קאַר. מאַיקל דער פאָרמאַן איז אַרויסגעקראָכן און אַ פאַרוואונדערטער געקוקט אויף טשאַרליי׳ן.

— טשאַרלי מור, ביסט משוגע! וואָס שטייסטו עפּעס דאָ? פאַרוואָס ביסטו נישט ביי דער אַרבעט?

טשאַרלי איז שיר ניט אומגעפאַלן פון שרעק. מיט רויטע, פאַרטרערטע אויגן געקוקט אויף דער פאַרשלאָסענער טיר.

מאַיקל׳ס פאַרפרוירן פּנים איז אַזש רויט געוואָרן פון כעס:

— דו גאָט פאַרדאַמטער נאַר! אַרבעטסט 10 יאָר ביי אונז און ווייסט ניט, אַז ווען ס׳איז אַזוי אַנגעשנייט קאָן מען ניט נעמען דאָס מיסט. ווייסטו דען נישט, אַז פריער דאַרף מען אָפּראַמען דעם שניי?

— קוק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, קאָנסטו לייענען?

טשאַרלי האָט געקוקט אַהין, וואו מאַיקל׳ס פינגער האָט געוויזן. ס׳איז אים אַזש פינצטער געוואָרן אין די אויגן: אין סאַמע מיטן פון דער ברייטער שויב איז געווען אָנגעקלעפּט אַ ווייס פּאַפּירל. ס׳האָט אים אַנטקעגן געשווינדלט אַן אַדרעס פון אַ גאַס, וואו אַלע מיסט־אַרבעטער דאַרפן זיך פאַרזאַמלען צו גיין רייניגן דעם שניי. ניט אַנדערש, אַז מאַיקל האָט עס איצט, די מינוט אָנגעקלעפּט. אימיצער האָט אים דאָ אָפּגעטאָן אַ שפּיצל! ווי איז עס מעגלעך, אַז די אַלע מיט וועמען ער אַרבעט צוזאַמען אַזויפיל יאָרן, אַרבעטן ערגעץ מיט לאָפּעטעס און ער איינער אַליין איז דאָ די גאַנצע צייט געשטאַנען און געפרוירן?

— כ׳בין מסתמא קראַנק, מאַיקל, אַנישט וואָלט איך דאָך זיכער דערזען דאָס פּאַפּירל . . . כ׳שטיי שוין דאָ אַ פּאָר שעה.

מאַיקל האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט:

— קריך אַריין, שלימזל, כ׳וועל דיך צופירן אַהין.

טשאַרליי׳ן איז אָבער ניט געגאַנגען גוט אַ גאַנצן טאָג. פון האַרצוויטאָג און קעלט האָבן זיך אים די הענט געטרייסלט. די לאָפּעטע איז אים געפאַלן פון די הענט. ס׳האָט אים געשטאָכן אין די זייטן און געשווינדלט אין די אויגן. יעדע מינוט האָט אים

אימיצער געוואָרנט ער זאָל נישט קריכן אונטער יענעמס הענט. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר אַן אַרבעטער לעבן אים:

— כ׳קאָן היינט קיין שניי ניט ראַמען . . . ס׳גייט נישט . . . די הענט זיינען מיר שווער און אין בויך רייסט ווי מיט צוואַנגען...

צוליב דעם טומל פון דער גרויסער שניי־מאַשין האָט דער אַר־בעטער אים ניט געהערט.

מיטאָג־צייט זיינען די אַרבעטער אַריין אין אַ סאַלון. מאַיקל איז מיטגעגאַנגען. ער האָט צו זיי געזאָגט:

— חברה, מיר דאַרפן אַרבעטן היינט ביז שפּעט, דער שניי איז הויך און ס׳קוקט אויס, אַז עס וועט ווייטער שנייען. נעמט צו גלעזלעך און וואַרעמט זיך אָן. מיר׳ן האָבן אַ שווערן טאָג היינט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף טשאַרליי׳ן, אים אַ שטורך געטאָן אין זייט און געוואונקען צו די אַנדערע:

— קוקט נאָר אָן טשאַרליי׳ן, ער איז שוין שיכור! בלויז פון דעם ריח . . . העי, טשאַרלי, ביסט שיכור?

— שיק אים אַהיים, מאַיקל, ער דאַרף זיך אויסשלאָפן . . . ער האָט היינט ניט געקאָנט די לאַפּעטע איינהאַלטן! — האָט אימי־צער צוריקגעשריען.

טשאַרלי האָט געקוקט אַרום זיך מיט פאַרגאָסענע אויגן. פון דעם בראַנפן און סיגאַרעטן־רויך האָט אים געקערט צו ברעכן. ער האָט רחמנות׳דיג געקוקט אויף מאַיקלען:

— מאַיקל, עפּעס פיל איך זיך ניט גוט. כ׳האָב מורא, אַז כ׳בין קראַנק. וואָס טוט מען?

מאַיקל האָט אַ שפּיי געטאָן, זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און זיך אָוועקגעדרייט פון טשאַרליי׳ן מיטן רוקן.

פאַרנאַכט־צו, ווען דער הימל האָט גענומען ווערן שוואַרץ, אַ פרישער שניי האָט גענומען פאַלן, פאַרשנייט די אַרבעטער מיט די לאַפּעטעס אין די הענט, איז מאַיקל צוגעגאַנגען צו טשאַרליי׳ן, פאַרשריבן זיין נאָמען אין אַ ביכעלע.

— קוקסט אויס ווי אַ קראַנקער הונט, — האָט ער געזאָגט, — גיי שלאָף זיך אויס ביז מאָרגן אינדערפרי . . . קום אָבער גלייך אַהער, שטיי נישט דאָרט ביים אָפיס. . . .

אַז טשאַרלי איז אַריין צו זיך אין קיך, איז ער געווען פאַר־

שנייט. פון די אויגן האָבן זיך אים געגאָסן טרערן. ער האָט געטאַפּט אַרום זיך מיט די הענט ווי ער וואָלט בלינד געוואָרן.

קעטרין האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף אים, אים גענומען אַרומשמעקן:

— טשאַרלי מור, האָסט היינט געטרונקען! קוקסט אויס שיכור! . . .

אין דרויסן האָט געהאַלטן אין איין שנייען. קופּעס שניי זיינען אָנגעפאַלן אַרום טשאַרלי׳ס הויז, פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג, פאַר־שאָטן אינגאַנצן זיין גערטנדל. נאָר אים האָט שוין ניט געאַרט. ער איז געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטער אונטער דער קאָלדרע, זיך געוואָרפן אין אַ הויכן פיבער, ביז ער איז געבליבן ליגן שטיל.

פרייטאָג אינדערפרי האָט מען אויפגעהאַנגען אויף דער טיר אַ קראַנץ בלומען און שכנים האָבן זיך דערוואוסט, אַז טשאַרלי מור איז שוין געשטאָרבן.

פאַרנאַכט, ווען קעטרין האָט אָפּגערופן מאַיקל׳ען, אים אָנזאָגן, אַז טשאַרלי איז טויט, איז דער אָפּיס פול געווען מיט אַרבעטער. זיי זיינען געזעסן צעזעצט אויף די ביינק און געוואַרט מאַיקל זאָל אויסצאָלן די שכירות. מאַיקל האָט זיך צוגעהערט צום טעלעפאָן און בלייך געוואָרן. ער האָט מיט האָסט פאַרלאָשן זיין סיגאַרעטל און זיך אויפגעשטעלט:

— חברה, טשאַרלי מור איז געשטאָרבן . . . נעכטן ביינאַכט. אַ שאָד. אַ וואוילער יונג געווען . . .

ס׳איז געוואָרן זייער שטיל. אַלע האָבן געקוקט אויף מאַיקל׳ען מיט דערשראָקענע אויגן. דערנאָך איז געוואָרן אַ טומל, ווי אַ ווינט וואָלט זיך דורכגעטראָגן דורכן אָפּיס:

— טאַקע געשטאָרבן טשאַרלי! . . . אַלעמאָל געווען אַ שוואַ־כער . . .

— דער טשאַרלי איז געווען אַ גוטער יונג. אַ שאָד, אַ שאָד. מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אַזוי לאַנג . . .

— . . . געאַרבעט צען יאָר און אָוועקגעפאַלן . . . הויבן פּעסלעך מיסט און אַש, ראַמען שניי, איז געווען אַ צו־שווערע אַרבעט פאַר אים.

— אַרבעטן אין אַזוינע קעלטן אין גאַס, וועט אַ שטאַרקן אויך אוועקלייגן. אין אַזוינע טעג, קריגט מען ניומאָניע און פאַרטיג...

מאַיקל האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס. זיינע פינגער האָבן נערוועז געפּויקט אויפן טישל. ער האָט געזען פאַר זיך טשאַרלי׳ן, ווי ער האָט אויסגעקוקט דעם לעצטן טאָג ביי דער אַרבעט: אַזאַ קליינטשינקער, אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער, מיט אַ קריינקלעך פּנים און פאַרלאָפענע אויגלעך.

„מאַיקל, כ׳בין קראַנק״ . . . האָט ער רחמנות׳דיג געזאָגט. דער שוואַרץ יאָר האָט אים געוואוסט . . . האָט מאַיקל אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט אַלעמאָל אויסגעקוקט אַזוי . . . ווער האָט עס געקאָנט וויסן? . . . צו די אַרבעטער האָט ער געזאָגט:

— אָלראַיט, קיינער קאָן אים שוין ניט העלפן. אודאי איז אַ שאָד, אָבער קיינער איז ניט שולדיג אין זיין טויט. יעדער איינער פון אונז קאָן זיך אַזוי פאַרקילן און אַוועקפאַלן . . . ער איז טאַקע געווען אַ געטרייער אַרבעטער . . . געהיט זיין שטעלע. מ׳וועט דאַרפן גיין אַ קוק טאָן אויף אים זונטאָג.

ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ: כ׳וועל דאַרפן אָפּרופן דעם דיסטריקט־באָס.

מאָנטאג אינדערפרי האָט מאַיקל אָנגעזאָגט די אַרבעטער:

— היינט איז טשאַרלי׳ס לויה. כ׳האָב גערעדט מיטן באָס. ער זאָגט מיר זאָלן היינט ניט אַרבעטן. גיין צו דער לויה. אַ חוץ די, וועלכע האָבן געאַרבעט אין טשאַרלי.ס גרופּע, וועט ער נאָך שיקן איין מאַן פון יעדער אַנדערער גרופּע, וועט טשאַרלי האָבן אַ גרויסע לויה.

ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע און צוגעגעבן:

— טשאַרלי׳ס הויז איז אַזוי פאַרשנייט, אַז דער לויה־וואָגן וועט גאָרניט קאָנען צופאָרן. איר, חברה, פון טשאַרלי׳ס גרופּע, וואָלט געדאַרפט אַרומראָמען דעם שניי. איך וועל אויך העלפן...

די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט. מ׳האָט צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— יעס, סער. ער האָט געאַרבעט מיט אונז אַ שיינע פאַר יאָר . . . ער איז עס ווערט.

— נו, אודאי, מ׳קאָן ניט שיקן אַהין פרעמדע. ס׳איז אונזער אַרבעט.

מאַיקל, אַ צעוואַרימטער, האָט נאָך צוגעגעבן:

כ׳וועל שיקן אַהין אַ מאַשין אויך. וועט מען אַרומרייניגן אַ שטיק גאַס אַרום.

אַ צען מינוט שפּעטער, איז מען צוגעפאָרן צו טשאַרליי׳ס הויז. די אַרבעטער האָבן מיט חשק זיך אַ נעם געטאָן צו די לאָפּעטעס, מאַכן אַ וועג פאַר דעם טויטן טשאַרלי.

דערנאָך זיינען די אַרבעטער אַריין אים אָנקוקן. מ׳האָט אויסגעטאָן די היטלען און זיך אַרומגעשטעלט אַרום אָרון.

טשאַרלי האָט אויסגעקוקט זייער וואָזשנע. דער פּנים ריין, די ליפּן צוגעפאַרבט רויט. די האָר גלאַט פאַרקעמט. די הענט ריינע, אַזוינע ווייסע, זיינען געלעגן פאַרלייגט אויפן האַרצן. ס׳איז גאָרניט געווען צו דערקאָנען, אַז ער האָט צען יאָר געהויבן פּעסלעך מיסט, פּעסלעך אַש, געשלעפּט זעק מיט שמוץ און געראָמט שניי. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי טשאַרלי מור רוט זיך אויס, דערנאָך וועט ער זיך אויפהויבן, אַרויס העלפן ראַמען דעם שניי.

ווען מ׳האָט אַרויסגעטראָגן דעם אָרון, האָט מאַיקל געהאָלפן קעטרינ׳ען אַראָפּגיין די טרעפּלעך. ער האָט גערעדט צו איר גוטע טרייסט־רייד, זיך געדרייט די וואָנצעלעך, און זיך געוואונדערט, וואָס קיינער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז טשאַרלי האָט אַזאַ ווייב.

אין הויז איז געוואָרן פינצטער און פּוסט. בלויז אין אַ ווינקל קאָרידאָר האָט זיך אַרויסגעווייסט טשאַרליי׳ס העל־גרינע קורטקע און זיין היטל מיטן בלאַנקען קאַזירעק.

הילדאַ

I

אין דעם קעלער־צימער איז געווען פינצטער און קאַלט. אין דרויסן האָט אַ ווינט געריסן די נידעריגע פענצטערלעך, געטרייסלט די אַלטע שויבן. אַן אַראָפּהענגענדיגע בלעך האָט ערגעץ־וואו געקלאַפּט און געסקריפּעט, געוועקט די שלאָפנדיגע קינדער אויף דער ערד.

טאם איז געזעסן אויפן ברעג בעט אַן איינגעקאָרטשעטער, אַ פאַרשלאָפענער, זיך געשפיליעט די שלייקעס צו די ברייטע, פאַרלאַטעטע הויזן און געטראַכט, אַז אויפן געז־אויוועלע ליגט אַ צעשניטענער ברויט, וואָס זיין נעגערטע דזשאָזעפין האָט נעכטן ביינאַכט אָנגעגרייט. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט דאַרפן אַוועק פרי, האָט זי אָנגעזאָגט אויפצוּוועקן די קינדער אין צייט, זיי אַרומטיילן שטיקלעך ברויט מיט שוואַרצער קאַווע און שיקן אין סקול. איבערהויפּט זאָל ער אַכטונג געבן אויף הילדא׳ן — זי זאָל ביי די קלענערע זייער ברויט נישט אויסנאַרן, זיך נישט שלאָגן מיט זיי.

טאם האָט געקוקט אַ פאַרזאָרגטער אויף זיינע פיר נעגערלעך, צעלייגטע אין אַ ווינקל אויף דער ערד; אויף הילדא׳ן וויל ער ניט קוקן, ער איז אין כעס אויף איר. זי איז שוין צען יאָר געוואָרן און איז נאָך אַלץ ווילד. וועט מסתמא פאַרפאַלן ווערן ערגעץ אין גאַס.

די קעלער־טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן. דזשאָזעפין איז אַן איינגעבויגענע, אַ פאַרפראָרענע אַריינגעקראָכן, זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול און אָנגעשטעלט די פאַרלאָפענע אויגן אויף טאמ׳ען. טאם האָט זיך דערשראָקן, שנעל אַראָפּ פון בעט, און אין האַרצן האָט אים אַ זעץ געטאָן: צוריקגעקומען!...

דזשאָזעפין האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— מיך דאַרף זי שוין נישט... געשיקט צוריק... אַזאַ פאַרדאַמטע! אַזויפיל יאָרן געאַרבעט ביי איר, געהאַט אינגאַנצן

אײן טאָג אַ װאָך, האָט זי איצט אַן אַנדערע גענומען. מסתמא ביליגער . . . דזשיזוס, כ׳װאָלט דאָך אױך געאַרבעט פאַר ביליגער . . . אַפילו פאַר העלפט . . . װאָס זאָל איך איצט טאָן?

מיט בלױ־פאַרלאָפענע פינגער האָט זי געװישט די טרערן. אַז טאָם האָט אַ פאַרקלעמטער לאַנג געשװיגן, האָט דזשאָזעפין זיך עפּעס דערמאָנט: הילדא! װען נישט הילדא, װאָלט זי נאָך געהאַט אַ טאָג אַרבעט בײַ דער לײדי, אױף װעסט 74טע גאַס. הילדא האָט זיך דערװאוסט װאו זי אַרבעט, איז זי געלאָפן אַהין, זיך צעשלאָגן מיט װײַסע קינדער און דזשאָזעפינ׳ען האָט מען מער נישט געהײסן קומען. דזשאָזעפין האָט אַ זוך געטאָן צװישן די שלאָפנדיגע קינדער. הילדא איז געלעגן אינמיטן צװישן איר קלײן שװעסטערל עטל און ברודערל קלערענס. זי האָט זיך זײער דערשראָקן, װען די מאַמע האָט איר געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ פון אירע שמאַטעס, גענומען טרײסלען און שרײַען איר אין פּנים אַרײַן:

— כ׳װעל דיך דער׳הרג׳ענען איצט . . . מיט װײַסע קינדער װעסטו זיך שלאָגן, מ׳זאָל מיך פון אַלע הײַזער אַרױסטרײַבן? װאָס ביסטו גאָר געלאָפן אַהין?

הילדא, אַ פאַרשלאָפענע, האָט זיך צעשריען מיט אַזױנע קולות, אַז די אַנדערע שכנים פונ׳ם קעלער זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן און זיך גענומען שפּאַרן אין צימער אַרײַן. אַז זײ האָבן געזען, װי מ׳שלאָגט הילדא׳ן, זײַנען זײ באַרואיגטע אַרױס. נאָר די גראָבע נעגערטע מרס. װײַט, די באַלעבאָסטע פון קעלער, איז געבליבן שטײן, אָנגעשפּאַרט די הענט אין די זײַטן און געזאָגט:

— גוט אַזױ, אַזאַ װילדע דאַרף מען די האָר אױסרײַסן. איך האָב דאָ גענוג צרות פון איר אַ גאַנצן טאָג. איר האָלט איר בעסער אײַן, אַנישט װעט איר דאַרפן זיך אַ נײַעם צימער זוכן.

דזשאָזעפין האָט אַ דערשראָקענע איר אָנגעקוקט. גײן פון דעם צימער, מײנט בלײַבן אױפן גאַס. אירע אַלע װײטאָגן האָט זי איצט געדאַרפט אין הילדא׳ן אַרײַנקלאַפּן. צוליב איר האָט זי בײַ אירע באַלעבאָסטעס געקראָגן אַ שלעכטן נאָמען. װיפיל זי האָט זיך נישט געבעטן בײַ דער װײַסער לײדי, אַז זי װעט הילדא׳ן דער׳הרג׳ענען, איר ערגעץ אַװעקשיקן, האָט נישט געהאָלפן. מ׳װיל דאָ נישט קײן נעגערשע קינדער — האָט מען איר געענטפערט.

איצט וועט מען זיי אויף דער גאַס אַרויסשטעלן — אַלץ צוליב הילדאַ׳ן.

טאַם, וועלכער אַרבעט שוין נישט דעם צווייטן יאָר, האָט בכלל לעצטנס מורא אַ הויך וואָרט אַרויסצורעדן, האָט שוין איצט נישט געקענט שווייגן. ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— לאָז אָפּ, וועסט איר דער׳הרג׳ענען! . . .

דזשאָזעפין האָט אָפּגעלאָזט הילדאַ׳ן און האָט אויסגעשטעלט אירע פאַרוויינטע אויגן אויף טאַמ׳ען:

— אַזוי, טאַם, אפשר וועסטו איצט גיין פאַרדינען? האַ, נעגער? ווייסטו, אַז איצט וועלן מיר דאָ אויסגיין פון הונגער? כ׳וואָלט דיר אויך געדאַרפט אָנברעכן די ביינער . . . און יענע דאָרט! געוואָרן אַ באַלעבאָסטע ביי אונז! זי מיינט, אַז זי האָט גענומען די פינף צימערן פון קעלער און פאַרדונגען צו פינף פאַמיליעס, איז זי שוין אַ גאַנצע חכמה געוואָרן! גענוג זאַכן ווייס איך וועגן איר! . . . זאָל זי בעסער שווייגן . . .

הילדאַ האָט זיך דערווײַלע געזעצט אויף דער ערד, נאָענט צו דער טיר, די פיס אונטער זיך, און מיט די דאַרע הענטלעך געווישט זיך דעם פאַרוויינטן פנים. זי וואָלט שוין לאַנג אין גאַס געווען, נאָר געוואוסט, אַז די מאַמע וועט באַלד טיילן ברויט מיט שוואַרצע קאַווע. ווען דזשאָזעפין, אַ באַרואיגטע, האָט געטיילט די קינדער דעם ברויט, האָט שוין הילדאַ געהאַט אָפּגעגעסן. קיינער האָט זיך מער אויף איר נישט אומגעקוקט. האָט זי איבערגעלאָזן איר ליידיק טעפּעלע ביי דער טיר און אַרויסגעלאָפן אין גאַס. ביי זיך אין געסל איז געווען שטיל, איז זי אַוועקגעלאָפן צו דער ברייטער עוועניו, זיך געפּלאָנטערט צווישן גרויסע מענטשן, זיך געדרייט צווישן מאַשינען, ביז זי איז מיד געוואָרן און גענומען לויפן אין סקול — סיי־ווי געוואוסט, אַז זי וועט זיין שפּעט, אַז די לערערין וועט אויף איר שרייען, שלאָגן מיט אַ רולער איבערן האַנט און די קינדער אין קלאַס וועלן לאַכן.

אין סקול־הויף, אין די קאָרידאָרן, איז שוין געווען שטיל. הילדאַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען הינטערן טיר פון איר קלאַס, פאַר־וואָלינקע געעפנט, אַריינגערוקט איר געקרייזלט קעפּל, אויסצו־שמעקן אויף וויפיל ס׳איז געפערלעך.

די קינדער פון די ערשטע בענקלעך, אַזוינע שטילינקע, מיט פאַרלייגטע הענטלעך אויף הינטן, האָבן באַמערקט הילדאַ׳ס קעפּל. רויטע ציגעלעך האָבן זיך באַוויזן. הילדאַ׳ס אויגן האָבן אויפגע־בליצט. מיט פאַרביילטע פויסטלעך האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די בענקלעך, געגעבן איין קינד אַ שטורך אין זייט, דעם צווייטן אַ קניפּ אין ווייכן פלייש, און פאַרגעסנדיג, אַז אַ לערערין איז דאָ, האָט זי אַ הויב געטאָן איר קליידל און די קינדער געוויזן דעם הינטן.

טעג נאָכדעם האָבן הילדאַ׳ן ווײ געטאָן די הענטלעך. די שפּיץ־פינגער זיינען איר געווען בלוי און געשוואָלן. ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט זי געוויינט פאַר ווייטאָג. אין אַן אָוונט, ווען איר מאַמע האָט געפּרעסט פרעמדע וועש, און איר קליין שוועס־טערל, מאַרדזשי, איז געזעסן אויפן קאַלטן דיל, געוויינט — זי וויל עסן, האָט הילדאַ זיך צוגערוקט נאָענט צו איר און איר געוויזן די פאַרלאָפענע פינגערלעך:

— זע, מאַרדזשי, זע, ווי מ׳האָט מיר ווײ געטאָן . . . שוין דריי טעג ווי ס׳ברענט . . . הערסט, מאַרדזשי, זאָלסט קיינמאָל ניט גיין אין סקול, די לערערין וועט דיר שלאָגן . . .

מאַרדזשי האָט אויפגעהערט צו וויינען. אַ דערשראָקענע גע־קוקט אויף הילדאַ׳ס הענט:

— הילדא, ס׳טוט דיר ווײ? וויין דער מאַמען.

הילדא האָט זיך דערשראָקן. ווי וויזט מען דאָס דער מאַמען, אַז זי אַליין שלאָגט איר? אַז זי איז אַלעמאָל פאַרוויינט און אין כעס?

אין אַ פרימאָרגן, ווען די קינדער זיינען שוין געווען צעזעצט אויף די בענקלעך, געוואַרט אויף זייער לערערין, איז דער פּרינצי־פּאַל אַריין. זי האָט אַ ווײלע באַטראַכט די קינדער און אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן האָבן אַ נייע לערערין, ווייל די אַלטע איז קראַנק געוואָרן — די קינדער זאָלן פאָלגן און זיך האַלטן גוט. און טאַקע גלייך איז אַריין די נייע לערערין. די קינדער האָבן זי נייגעריג באַטראַכט. זי האָט עפּעס מאָדנע געשמייכלט און זיי האָבן גלייך גענומען שרעקן זיך פאַר איר. זי האָט נישט געשריען און נישט געקלאַפּט אין טיש, נאָר געשמייכלט. זי האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז

מ׳רופט איר מיס פילד און אַז זיי דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר איר. אויף הילדאַ׳ן האָט זי געקוקט פאַרוואונדערט, געטראַכט, אַז זי איז אַנדערש, ווי אַנדערע נעגער־קינדער פון קלאַס; דאָס פּנימ׳ל קליין, דאַר, אויגן גרויסע, ווילדע, אומרואיגע; צעשוי־בערטע, געקרייזלטע הערעלעך און בייזע פאַרביסענע ליפּלעך. די לערערין האָט געקוקט אויף איר, אויסגעזוכט איר נאָמען און א שמייכל געטאָן:

— הער נאָר, הילדא, ווילסט נישט פּרובירן אַ שמייכל טאָן?

הילדא האָט אַ דערשראָקענע אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, נישט געוואָלט לכתחילה ענטפערן. צום סוף האָט זי האַרט געזאָגט:

— ניין.

מיס פילד איז נישט ברוגז געוואָרן.

— פאַרוואָס?

הילדא איז נישט געוואוינט געווען צו רעדן אַ סך, איבערהויפּט מיט אַ לערערין. האָט זי, ווי מיט אַ פרעמדער שטימע געענט־פערט:

— ווייל איך ווייס, אַז דו האָסט מיך פיינט, ווייל כ׳בין אַ נעגער און שלעכט . . .

אַ געלעכטער האָט אַ פלאַץ געטאָן אין קלאַס. מיס פילד האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף די קינדער און מער הילדאַ׳ן נישט געטשעפּעט.

מיטאָגצייט, ווען די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, איז הילדא געבליבן זיצן וואַרטן אויף אַ שטראָף. נאָר מיס פילד האָט זיך לעבן איר געזעצט, איר איבער די הערעלעך אַ גלעט געטאָן:

— דו ביסט אַ קלוגע מיידל, הילדא, פאַרוואָס מיינסטו, אַז איך האָב דיך פיינט?

הילדא האָט פאַרלעגן געדרייט איר ברעג קליידל. פּלוצלינג האָט זי אַ קוק געטאָן מיס פילד׳ן גלייך אין די אויגן:

— איך בין אַ נעגער־קינד, דערפאַר האָבן מיך אַלע לערערינס פיינט . . .

מיס פילד האָט געשמייכלט:

— אָבער איך האָב דיך נישט פיינט.

הילדא האָט זיך עפּעס געשעמט. ס׳איז איר געווען מאָדנע. זי האָט געקוקט אין אַ זייט, ווען זי האָט געענטפערט:

— אַלע האָבן מיך פיינט. די קינדער פון קלאַס אויך. מיין מאַמע זאָגט, כ׳בין שלעכט. זי שרייט שטענדיק אויף מיר, שלאָגט. מיין טאַטע שרייט אויך...

מיס פילד האָט גענומען איר הענטל:

— ווייסטו פאַרוואָס? מסתמא אַרבעט נישט דיין טאַטע. איר האָט נישט גענוג צו עסן, איז דיין מאַמען שלעכט און שווער — שרייט זי. און דו ווייסט, הילדא, כ׳גלויב, אַז אַלע קינדער אין דעם קלאַס זיינען שטענדיק הונגעריק, פאַרפראָרן, מסתמא אַרבעטן זייערע טאַטעס אויך נישט.

הילדא האָט פאַרטראַכט געקוקט אויפן שוואַרצן ברעט קעגנ־איבער. אירע אויגן זיינען געוואָרן רואיגער. די בייז־פאַרביסענע ליפּלעך האָבן זיך אַביסל געעפנט. ס׳איז איר געווען זייער גוט צו הערן אַזוינע רייד צו איר. ביז אַהער האָט מען שטענדיק געשריען, איצט רעדט אַ ווייסע לערערין צו איר אַזוי פריינטלעך, פונקט ווי אַמאָל האָט צו איר איר מאַמע גערעדט ווען זי, הילדא, איז קראַנק געווען. פּלוצלינג האָט זי זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— אָבער די לערערינס רופן נישט די אַנדערע קינדער „ניגער״. שטענדיק טשעפּען זיי זיך נאָר צו מיר.

מיס פילד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יע, דאָס איז אמת, זיי ווייסן נישט אַנדערש. אָבער איך, און ס׳זיינען דאָ נאָך אַ סך אַזוינע, וואָס פאַרשטייען ווי איך, האָבן דיך פונקט אַזוי ליב ווי אַ ווייס קינד. גלויבסטו דאָס מיר, הילדא?

הילדא האָט אַ לאַך געטאָן. די אויגעלעך האָבן איר געפינקלט. זי האָט זיך שוין מער נישט געשעמט פאַר מיס פילד׳ן, ווען זי האָט געענטפערט:

— מיין מאַמע זאָגט, אַז אַ ווייסן דאַרף מען נישט גלויבן. זיי האָבן אונז פיינט און נאַרן אָפּ. אָבער דיר גלויב איך. אַנישט וואָלסטו עס נישט געזאָגט.

מיס פילד האָט צופרידן איר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל:

— דיין קעפּל אַרבעט, הילדא, ווּעסט זיין אַלראַיט. איצט לויף אַהיים עסן.

הילדא האָט אַ לאַך געטאָן:

— גאָר, בייטאָג עסן מיר נישט. כ'האָב געהאַט אינדערפרי ברויט . . .

מיס פילד'ן איז קאַלט געוואָרן:

— שוין לאַנג ווי דו עסט נישט בייטאָג?

הילדא האָט צעפירט די הענטלעך:

— אָ, שוין לאַנג. אַז די מאַמע האָט נאָך געאַרבעט אַ פּאָר טעג אַ וואָך, פלעגט זי מיר געבן צוויי סענט צו קויפן זיך עפּעס. איצט האָט זי נישט. נישט אַלעמאָל האָבן מיר אַפילו וואָס ביינאַכט צו עסן.

זי האָט זיך פאַרענטפערט:

— ס'איז גאָרנישט. אַ סך קינדער פון אונזער קלאַס גייען ניט אַהיים עסן. זיי לויפן אַרום די האַלבע שעה אין גאַס! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

קאַלטע, פייפנדיגע ווינטן האָבן זיך געטראָגן דורך דער אָרעמער, פינצטערער גאַס. געקראָכן דורך די שפּאַלטן פון טיר און פענצטער, אין קעלער־צימער אַריין; געלאָשן דאָס גאַז־פלעמל, וואָס האָט באַלויכטן דעם צימער. הילדא האָט געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן; ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט־אָט לעשט זיך אויס דאָס פלעמל און זי מיט די קינדער וועלן בלייבן אינדערפינצטער. די קינדער זיינען געזעסן צוזאַמענגעטוליעט אין בעט. הילדא איז געלאָפן יעדע מינוט קוקן אין פענצטער, אפשר וועט זי טאַטע־מאַמע דערזען. דער מאַמען האָט הילדא היינט נישט געזען. זי איז אַוועק פון הויז, ווען די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן. טאַם האָט אָנגעזאָגט הילדא'ן צו קומען גלייך פון סקול אַהיים. זי וועט דאַרפן זיין מיט די קינדער, ווייל ער גייט אויך אַוועק. זי האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו אַן איטאַליענישן שכן: כ'וועל אַרויס בעטלען איבער די גאַסן: די קינדער וועלן שוין לאַנג נישט קאָנען אויסהאַלטן. און דער שכן האָט געענטפערט:

— נישטאָ ביי וועמען צו בעטלען אין אונזערע גאַסן. קיינער האָט פאַר זיך נישט . . .

פון בייטאָג אָן האָבן די קינדער געוויינט, געבעטן עסן און זיך געטרייסלט פון קעלט. הילדאַ'ן האָבן געפראָרן די קני אונטערן קורצן קליידל. פונדעסטוועגן האָט זי אויסגעטאָן אירע זאָקן און זיי אַרויפגעצויגן אויף מאַרדזשי'ס נאַקעטע פיסלעך. דערנאָך האָט זי זיך געשלאָגן מיט איר אַכט־יאָריקער שוועסטערל עטל און ברודערל קלערענס. ווען עטל האָט זיך צעוויינט, האָט מען פאַר־מאַטערטע, הונגעריגע געזונגען לידער און זיך געשפּילט. איצט זיצט עטל מיט קלערענס'ן צוזאַמענגעדרייטע לעבן מאַרדזשי'ן און שוויגן. מיט הילדאַ'ן ווילן זיי נישט רעדן. עטל האָט אַ פּאָר מאָל גענומען שרייען: גיב מיר עסן! . . . איך וויל עסן! . . . מאַרדזשי האָט פאַרלייגט איר קעפּל אויף אַ זייט און קינדיש גע־כליפּעט, זיך געבעטן ביי הילדאַ'ן, אַז זי איז הונגעריג, איר הער־צעלע טוט איר ווי פון ווילן עסן.

הילדאַ'ן האָט געוואָרגן אין האַלז. איר האָט זיך געוואָלט שטאַרק וויינען. נאָר זי האָט געוואוסט, אַז זי טאָר עס נישט טאָן, האָט זי געשריען אויף זיי, ווי אַ מאַמע:

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואו זאָל איך נעמען עסן? דער קרעמער טרייבט מיך אַרויס . . . ער היט מיך, איך זאָל נישט גנב'ענען . . . טאָ וואָס זאָל איך טאָן?

זי האָט אַ ווייַלע זיך צוגעהערט און אַ דערפרייטע געזאָגט: איר הערט? די קינדער, די שפּאַניער, וויינען אויך. זיי ווילן אויך עסן . . . הערט זיך צו . . .

די קינדער זיינען אויף אַ ווייַלע שטיל געוואָרן און זיך צוגע־הערט. הילדא האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אָן דער קאַלטער, שוואַרצער שויב, געקוקט אין דער פינצטערער גאַס אַריין. וואו קאָן איצט זיין איר טאַטע־מאַמע? ס'מוז שוין געוויס זיין זייער שפּעט. אפשר וועלן זיי שוין אינגאַנצן ניט קומען? איבערלאָזן זיי אָט אַזוי אין הונגער און קעלט און אַליין וועלן זיי נישט קומען! . . . הילדא האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן צו די קינדער אין בעט, דערנאָך אָנגעשטרענגט געקוקט דורכן פענצטער. זי האָט פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן:

— וואָס טוען איצט די קינדער דאָרט אויף דער רייכער 74טער גאַס, וואו איר מאַמע פלעגט אַרבעטן איין מאָל אַ וואָך? דאָרט מוז איצט זיין ליכטיק. דער ווינט מוז דאָרט זיין אַ שטילער, אַ וואַרעמער. די קינדער מוז זיין פריילעך . . .

פלוצלינג האָט זיך איר געשטעלט פאַר די אויגן אַ באַקאַנט בילד. אַ, באַי, ווי זי האָט דער פאַרפוצטער, ווייסער מיידעלע, מיט די פוכקע, וואַרעמע הענטלעך אַנגעפּאַטשט. אַפילו דעם אינגעלע האָט זי אויך דערלאַנגט אַ פּאָר שטורכעס . . . איר מאַמע האָט איר אַפילו דערפאַר געשלאָגן, שטאַרק געשלאָגן, ס'האָט ווי געטאָן. און די מאַמע האָט געוויינט, געקלאָגט, אַז זי האָט דעם איינציקן טאָג אַרבעט פאַרלאָרן. אָבער זי האָט דאָך נישט געקאָנט דערציילן דער מאַמען, אַז זי האָט זיך מיט זיי געשלאָגן, ווייל זיי האָבן איר מאַמען, דזשאָזעפינ'ען, באַליידיקט, געפרעגט מיט אַזאַ חוזק:

— וועמען זוכסטו? אָט די שמוציגע ניגערטע, וועלכע קוקט אויס ווי אַ מאַלפּע? . . .

אַלע אַרומיגע קינדער האָבן געלאַכט, און אויף איר אַליין האָבן זיי אויך געקוקט, ווי זי וואָלט געווען אַ חיה.

הילדאַ'ן איז געווען קאַלט. איר קעפּל האָט איר געשווינדלט פון וועלן עסן. זי האָט געהערט, אַז די קינדער אין בעט וויינען שוין ווייטער. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געטראַכט, אַז ווען זי האָט דערציילט איר לערערין, מיס פילד'ן, וועגן דעם ווי זי האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די ווייסע, רייכע קינדער, האָט מיס פילד אַ שמייכל געטאָן, געקוקט אויף איר און געזאָגט:

— איך גלויב, אַז ווען דו וועסט אויסוואַקסן, הילדאַ, וועסטו זיין אַ קעמפערין; וועסט זיך אָנעמען פאַר אַלע אָרעמע, פאַר אַלע וואָס ווערן באַליידיקט. וועסט נאָך אפשר אַמאָל זיין אַ פירערין ביי די נעגערס! געדענק עס, הילדאַ!

הילדאַ האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מיס פילד מיינט. זי האָט אָבער געפילט, אַז די לערערין דערוואַרט פון איר עפּעס, וואָס איז זייער גוט, האָט זי געשמייכלט, אַרויפגעקוקט צו איר און געפרעגט:

— אָבער ווי אַזוי וועל איך עס ווערן? איך וועל ניט וויסן ווי . . .

מיס פּילד האָט איר דאַן געזאָגט:

— ווּעסט שוין וויסן. אויב דו וועסט נאָר וועלן וועט דיר שוין דאָס לעבן לערנען.

הילדא האָט אַן עפן געטאָן די אויגלעך. געקוקט דורך דער פֿינצטערער שויב און אַ זאָג געטאָן:

— דזשיזוס, אָ, דזשיזוס, איך וויל זיין דאָס, וואָס די לערערין זאָגט. אונז איז אַזוי שלעכט . . . מיר זיינען הונגעריג . . . איך וויל עס זיין . . .

די קינדער אין בעט האָבן געוויינט צוביסלעך, דערנאָך זיינען זיי שטיל געוואָרן. הילדא האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אין קאַלטן שויב און איינגעדרעמלט.

II

עטלעכע טעג שפּעטער, ווען הילדא איז אַרויסגעלאָפן פון סקול־הויף, מיט די ביכלעך אין האַנט, האָט זי דערהערט ווי אימיצער רופט איר:

— העי, הילדא!

הילדא איז געבליבן שטיין. אַן אַ זייט זיינען געשטאַנען צוויי ווייסע מיידלעך, עלטערע פון איר. ס'האָט שוין א סך מאָל פּאַסירט, וואָס קינדער וואַרטן איר אָפּ ביים טויער און פאַרפירן מיט איר אַ געשלעג. אָבער געוויינלעך זיינען עס קינדער פון דער זעלבער סקול, קינדער וועמען זי קאָן און מיט וועמען זי אַליין שלאָגט זיך אַמאָל. אָבער די צוויי ווייסע מיידלעך זיינען געווען פרעמדע. האָט הילדא אַוועקגעלייגט די ביכלעך אויף דר'ערד, צו זיין גרייט צוריקצושלאָגן, אונטערגעשפּאַרט די הענט אַן די זייטן, ווי זי האָט געזען גרויסע טאָן און געפרעגט:

— וועל?

איין מיידל האָט געזאָגט:

— מיין נאָמען איז קעטרין. איר רופט מען מערי. האָט זי אָנגעוויזן אויף דער אַנדער מיידל. — מיר האָבן דאָ געוואַרט אויף דיר.

הילדא האָט זיך געוואונדערט. זי האָט דאָ עפּעס פאַרדעכטיגט.

זי האָט זיך געריכט, אַז יעדן מינוט וועלן זיי זיך אויף איר אַרויפ־וואַרפן. האָט זי נישט אַראָפּנעמענדיג פון זיי די אויגן, געפרעגט:

— וועל? . . .

מערי האָט געזאָגט:

— מיר ווילן רעדן מיט דיר.

הילדא האָט צוזאַמענגעצויגן די אויגן:

—איך רייד נישט מיט ווייסע קינדער! . . .

די מיידלעך זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. מערי האָט אַ צי געטאָן קעטרינ׳ען ביים אַרבל. קעטרין האָט אַביסל פאַר־לאָרן געפרעגט:

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל נישט! . . . — האָט הילדא אַ געשריי געטאָן. — בעסער טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר! . . .

די מיידלעך האָבן זיך אָנגעקוקט. פּלוצלינג האָט קעטרין זיך אַ כאַפּ געטאָן:

—דו מיינסט אודאי, אַז מיר זיינען געקומען דיר שלאָגן? מיר ווילן דיר בלויז עפּעס דערציילן!

— איך וויל נישט הערן, וואָס ווייסע מיידלעך דערציילן מיר . . . — האָט הילדא זיך געהאַלטן ביי איריגע.

מערי האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס?

— האָ! — האָט הילדא אַ לאַך געטאָן. — דערפאַר, וואָס כ׳האָב ווייסע מיידלעך פיינט! . . . און זיי האָבן מיר אויך פיינט! . . . איך שלאָג זיך בלויז מיט ווייסע קינדער . . .

די צוויי מיידלעך האָבן זיך אַ רוק געטאָן נעענטער צו איר. הילדא האָט אַ הויב געטאָן די הענט, גרייט זיך צו פאַרטיידיגן. אָבער קעטרין האָט געזאָגט:

— מיר ווילן זיך נישט שלאָגן מיט דיר. מיר זיינען געקומען מיט דיר ווערן חבר . . .

הילדא האָט צוריקגעשריען:

—ווייסע קינדער ווערן נישט חבר מיט א נעגער! . . . דאָס זאָגט איר נאָר אַזוי, כדי מיר דערנאָך צו שלאָגן! . . .

מערי איז געוואָרן אין כעס:

— קום, קעטרין, — האָט זי געזאָגט צו איר חבר׳טע, — זי איז אַ נאַר. דאָס אַלץ וואָס זי ווייס, איז זיך נאָר שלאָגן . . .

קעטרין האָט שוין אויך געוואָלט אַוועקגיין. זי מוז זיין אַ ווילדע, האָט זי געטראַכט. אָבער פונדעסטוועגן האָט זי נאָך פּרובירט זאָגן:

— ביסט טאַקע אַ נאַר, אַז דו מיינסט, אַז מיר ווילן דיך שלאָגן. נישט אַלע ווייסע קינדער שלאָגן זיך מיט נעגערס. צו אונזער קלוב קומען אַ סך נעגער־קינדער און מיר שפּילן זיך מיט זיי! אָבער דו ווייסט עס נישט. דו מיינסט, אַז אַלע ווייסע קינדער ווילן דיר שלעכטס טאָן, — האָט קעטרין גערעדט מיט האַרץ.

הילדא איז געבליבן שטיל. דעם אופן ווי קעטרין האָט עס געזאָגט, האָט איר דערמאָנט אָן איר לערערין מיס פּילד. פּונקט מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזוינע רייד, האָט צו איר מיס פּילד גערעדט. אויב זי זאָגט די זעלבע זאַך, וואָס מיס פּילד, אַז נישט אַלע ווייסע האָבן פיינט אַ נעגער, מוז זי עס אודאי מיינען, ווייל מיס פּילד האָט איר געזאָגט, אַז אויב איינער זאָגט עס איר, דאַרף זי גלויבן. זי האָט אויפגעהויבן די ביכער פון דר׳ערד און אַביסל פאַרשעמט געפרעגט:

— וועגן וואָס פאַר אַ קלוב רעדסטו?

קעטרין האָט אַ צופרידענע אויף שנעל גענומען איר דער־קלערן:

— אַ קלוב פון קינדער. אַז דו וועסט קומען צו אונז, וועסטו זען, אַז ס׳קומען נאָך נעגער קינדער אויך. איטאַליענישע קינדער און אַפילו שפּאַנישע אויך.

הילדא האָט געוואוסט, אַז קינדער פון איר גאַס גייען צו קלובן פון טשוירטש, און אַז זייער טאַטע־מאַמעס באַלאַנגען אויף צו קלובן. אָבער ביי הילדא׳ן אין הויז האָט מען נישט גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן. האָט זי ביי זיי אַ נייגעריגע געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָרט אין קלוב?

מערי האָט געענטפערט:

— אָ, מיר שפּילן זיך. מיר מאַכן צאַצקעס. מיר פאָרן אַרויס אין אַ פּאַרק.

הילדא האָט אַזש אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן:

— די נעגער קינדער אויך? . . .

— אודאי, — האָבן ביידע קינדער געענטפערט.

הילדא האָט אַ פאַרשעמטע אויף זיי אַ קוק געטאָן:

— אַז איך וועל קומען צו אייך, וועט מיך קיינער ניט טשעפּען? קיינער וועט מיך נישט רייסן פאַר די האָר?

די קינדער האָבן גענומען לאַכן. זיי האָבן ביידע מיטאַמאָל גענומען איר פאַרזיכערן, אַז קיינער וועט זי נישט טשעפּען.

— ווערסטו מאָרגן קומען צו אונז? — האָט קעטרין געפרעגט.

הילדא האָט אויך גענומען לאַכן:

— אויב איר וועט מאָרגן אויך וואַרטן אויף מיר. אַליין וועל איך זיך שעמען צו גיין. אויב אָבער, — האָט זי זיי אָנגעקוקט, — אימיצער וועט מיר פאַרטשעפּען, וועל איך זיי די אויגן אויס־גראַבלען! . . .

אַז די צוויי מיידלעך זיינען אַוועק, האָט הילדא, נאָך אַלץ אַ פאַרוואונדערטע, זיי נאָכגעקוקט און דערנאָך גענומען מיט אימפּעט לויפן אַהיים. זי האָט אַ פריילעכע געקלאַפּט מיט די פיס אַן טראָטואַר און זיך אונטערגעפייפט.

שוין נישט ווייט פון איהר הויז, איז איר אַנטקעגן געקומען קאַמילא, אַן איטאַליעניש מיידעלע פון איר קלאַס, מיט אַ ליידיגן קריגל. — געגאַנגען פאַר איר מאַמען קויפן מילך. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן:

— העי, ניגער, פאַרוואָס גייסטו נישט אַהיים? דיין מאַמע וואַרט אויף דיר מיט אַ שטעקן! . . .

הילדא האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן:

— העי, דו וואָפּ, גיי אַהיים זיך קראַצן און דערנאָך קריך גנב׳ענען קוילן ביי שכנים . . .

קאַמילא איז צו איר צוגעלאָפן:

— דו ליגנערקע! דיין טאַטע איז אַ ניגער! . . . ער בעטלט! . . . מיין מאַמע האָט אים אַליין געזען בעטלען! . . .

הילדא האָט נישט געהאַלטן פון איר טאַטן. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז איר טאַטע בעטלט ניט. אַז ער וואָלט עס נישט געקאָנט טאָן. האָט זי מיט כעס אַ בריק געטאָן אין ליידיגן קריגל. דאָס קריגל האָט מיט אַ בראַזג זיך צעשאָטן אויף דעם שטיינערנעם

טראַטואַר. קאַמילא האָט זיך צעשריען. אַן אַלטינקער, מיט אויס־געבויגענע, טרייסלענדיגע פיס, האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן. ער האָט געפּאָכעט מיטן שטעקן צו הילדא׳ן און באַדויערט:

— אַ שאָד, אַ שאָד, אַזאַ גוטער קריגל . . .

הילדא האָט אַ דערשראָקענע זיך אַרומגעקוקט. אויפן ווינקל פון גאַס איז געשטאַנען אַ פּאָליציימאַן, געקוקט אין אַלע זייטן און גערדרייט מיטן שטעקן. הילדא׳ן זיינען די הערלעך שטיף געוואָרן; דאָס זוכט ער איר! איר מאַמע פלעגט שטענדיג זאָגן, אַז פאַר אַ „קאָפ" דאַרף מען זיך היטן. זיי האָבן אַ נעגער פיינט! . . . איצט וועט ער איר כאַפּן, פאַרשפּאַרן ערגעץ און שלאָגן. זי האָט גענומען לויפן צו אַ צווייטער גאַס. זי איז געלאָפן אָן אַן אָפּשטעל. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז מ׳יאָגט איר נאָך און אַז אָט, אָט, כאַפּט מען איר. זי האָט געוואָלט אַריבערלויפן אַ גאַס. אין די אויגן האָט איר אַ בלענד געטאָן צוויי ליכטיגע לאָמפּן פון אַ מאַשין. הילדא האָט אַ קוויטש געטאָן. גענומען לויפן אויף צוריק, זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ ראָד פון אַן אַנדער מאַשין און געפאַלן.

מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַרום הילדא׳ן האָבן מענטשן זיך געשטופּט. אַן אַמבולאַנס איז אָנגעקומען, הילדא׳ן אין וואָגן אַריינגעלייגט און מיט אַ געקלינגעריי אָפּגעפאָרן. די מענטשן אין גאַס האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעזאָגט די בשורה: ס׳איז אַ נעגער־קינד, אַ נעגער־קינד. און מ׳איז זיך צעגאַנגען. — — —

אין דער קינדער־אָפּטיילונג פון שטאָטישן שפּיטאָל האָט מען הילדא׳ן אויף אַ ווייס בעטל געלייגט. זי האָט געשריען, אַזוי מורא׳דיג הויך, אַז די אַנדערע קינדער אין די בעטלעך האָבן באַ־האַלטן זייערע קעפּלעך אונטער די קאָלדרעס. אַ נוירס האָט רואיג אַרום איר זיך געפּאָרעט, געשטאָכן אַ נאָדל אין איר הענטל, גע־האַלטן איר פּולס און אָנגעזאָגט די קינדער, אַז זי וועט שוין באַלד שטיל ווערן.

שפּעטער, ווען הילדא האָט די אויגן געעפנט, איז אין דעם צימער געווען פינצטערלעך. אַ מאַטער לאָמפּ האָט אין אַ ווינקל געברענט, געוואָרפן אַ גוסס׳דיגע ליכטיקייט אויף די ווייסע בעט־לעך. אין קאָרידאָר איז אַ נוירס אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט. הילדא האָט ברייט צעעפנט די אויגן, געוואונדערט זיך וואו

זי איז דאָ און מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. איר רעכט פיסל האָט איר ווי געטאָן, פונקט ווי אימיצער אַ הויכער, אַ בייזער, וואָלט געשטאַנען דערביי און געשלאָגן איבער די פיסלעך מיט אַ שטעקן. הילדא האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קעלער, אָן איר מאַמען, און געוואָלט אַהיים. זי האָט אַ הויב געטאָן איר צעשויבערט קעפל און אַ געשריי געטאָן: — מאַמע! מאַ־מע! — קיינער האָט איר נישט געענטפערט. אויף אַ בעטל האָט אַ אינגעלע אויפגע־הויבן אַ שוואַרץ געקרייזלט קעפל, זיך אָנגעשפּאַרט אויף אויס־געצערטע הענטלעך און געפרעגט ביי אַ צווייטן אינגל:

— וואָס זאָגסטו, דזשאַני, ס'האָט איר געמוזט זייער וויי־טאָן. האָסט איר שוין געזען?

דזשאַני האָט לאַנג און כריפּענדיג געהוסט און נאָכדעם אַ בייזער, אַ פאַרמאַטערטער געענטפערט:

— כ'האָב איר געזען ווען מ'האָט איר אין בעטל אַריינגעלייגט. אַ ניגער. ווען כ'וואָלט געקאָנט, וואָלט איך פון בעט אַראָפּ און איר ס'מויל פאַרשטיקט. מיט איר שרייען האָט זי מיר געמאַכט מער צו הוסטן . . .

הילדא האָט געהערט זיי רעדן, אָבער קיינעם נישט געקאָנט זען. זי האָט אַ פאַרקלעמטע געטראַכט, אַז מסתמא האָט איר דער „קאָפּ" געכאַפּט, געשלאָגן מיט זיין שטעקן איבער די פיסלעך און איר געבראַכט אַהער. דאָ וועט מען איר שלאָגן, ווייל זי איז אַ נעגער; די קינדער דאָ, וועלכע זי הערט רעדן, וועלן זיך מיט איר רייצן, לאַכן פון איר און קיינער וועט זיך פאַר איר נישט אָננעמען. זי האָט זיך שטיל צעוויינט. געוויינט לאַנג און וויטאָגדיג, נאָר קיינער האָט איר נישט געהערט און קיינער איז צו איר נישט צוגעגאנגען. —

דזשאָזעפין האָט געקראָגן ערגעץ אַ טאָג אַרבעט און פאַרדינט אָנדערהאַלבן דאָלאַר. איז זי פאַרנאַכט געלאָפן אַהיים מיט די געלט פעסט פאַרקוועטשט אין די פאַרפראָרענע הענט און גע־טראַכט, אַז זי וועט קויפן ברויט מיט חזיר־פעטס, און פאַר די קינדער אַ קענדל מילך, וועלן זיי זיך כאָטש איינמאָל אָנטרינקען גוט מיט הייסע מילך. ווען זי איז אַריין אין קעלער מיט די

פּעקלעך אין די הענט, איז זי אַ דערשראָקענע געבליבן שטיין. אין צימער איז געווען פינצטער. פון ווינקל, וואו די בעט איז געשטאַנען, האָבן אַרויסגעשיינט די קינדערשע אויגן. טאַמ׳ס שאָטן איז געלעגן צעשפּרייט אויף דער וואַנט קעגנאיבער דעם טיש. דזשאָזעפין האָט דערשראָקן אַ רוף געטאָן:

— טאַם! הילדא!!

טאַם האָט ווי פון אַ פוסטקייט אַרויס געענטפערט:

— שוין פאַרשלאָסן. נישטאָ מער קיין גאַז. אַט דאָ, פאַרנאַכט, האָבן זיי פאַרשלאָסן . . .

דזשאָזעפין איז געבליבן שטיין ביי דער טיר אַ דערשלאָגענע. וואָס וועט זי איצט טאָן מיטן חזיר־פעטס? געוואָלט די קינדער וואַרעמע מילך געבן! . . . ס׳האָט זיך איר געוואָלט וויינען. נאָר די אויגן האָבן איר געברענט, געשטאָכן און געבליבן טרוקן. האָט זי אינדערפינצטער זיך צוגעשלעפּט צום טיש, אַוועקגעלייגט די פּעקלעך און אַרויס קויפן אַ ליכט.

ווען דאָס פלעמל פון ליכט האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן, גלייך זיך העל צעברענט, האָט מאַרדזשי גענומען פּאַטשן מיט די הענטלעך:

— עטל, קוק ווי שיין! ווען הילדא איז דאָ, וואָלטן מיר זיך געשפּילט אין טשוירטש.

דזשאָזעפין האָט פאַרוואונדערט אַ זוך געטאָן אין בעט, אַרומגעקוקט אַלע ווינקלעך פון צימער און אַנגעשטעלט די אויגן אויף טאַמ׳ען:

— טאַם, וואו איז הילדא?

טאַם האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן: „זי איז גאָר, דוכט זיך, אינגאַנצן אַהיים נישט געקומען“.

דזשאָזעפין האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— דזשיזוס! טאַם, וואָס פאַר אַ טאַטע ביסטו? וואו איז הילדא?

טאַם האָט אַ פאַרלאָרענער זיך פאַרענטפערט:

— כ׳האָב נישט געקאָנט איבערלאָזן די קינדער אַליין אין דער פינצטער . . . כ׳וואָלט סיי־ווי נישט געוואוסט וואו איר צו גיין זוכן . . .

דזשאָזעפין האָט אַ כאַפּ געטאָן איר מאַנטל און אַרויסגעלאָפן.

אַרויפלויפנדיג די טרעפלעך פון קעלער האָט זי זיך אָנגעשטויסן אינדערפינצטער אויף אַ פּאָליציימאַן. אירע פיס זיינען איר שוואַך געוואָרן. אין האַרצן האָט אַ שניט געטאָן אַ שרעק: עפּעס איז געשען מיט הילדאַ׳ן. זי האָט ווי אַ פאַרגליווערטע געפרעגט:

— איר ווייסט עפּעס וועגן מיין הילדאַ׳ן?

דער פּאָליציימאַן האָט אָנגעשטעלט אויף דזשאָזעפינ׳ען אַן עלעקטרישן לעמפל, אַריינגעקוקט צו זיך אין אַ ביכעלע און צעצויגן געפרעגט:

— אָ, דאָס זייט איר הילדאַ׳ס מאַמע? י־אָ, זי געפינט זיך אין אָט־דעם שטאָטישן שפּיטאָל. אַ מאַשין האָט איר אומגעוואָרפן. ער האָט אַריינגערוקט אַ שטיקל פּאַפּיר אין דזשאָזעפינ׳ס פאַרגליווערטע הענט, פאַרלאָשן זיין לעמפל און אַוועק.

דזשאָזעפין האָט אַ צוזאַמענגעבראָכענע זיך צוריק אַראָפּגעשלעפּט אין קעלער, דערלאַנגט טאָמ׳ען דאָס שטיקל פּאַפּיר, זיך געזעצט אויפן בעט און זיך צעיאָמערט. זי האָט געוויינט הויך און לאַנג. פּלוצלינג האָט זי אויפגעהערט צו וויינען, זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, אָנגעגרייט פאַר די צעשראָקענע קינדער מילך מיט ברויט, זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן גלייך נאָכן עסן זיך לייגן שלאָפן, און אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן:

— קום, טאָם, לאָמיר גיין אַהין אַ קוק טאָן אויף הילדאַ׳ן...

דער שפּיטאָל איז געווען ווייט. ביז זיי האָבן זיך דערשלעפּט אַהין, איז שוין געווען שפּעט. אין אָפיס פון שפּיטאָל איז געווען וואַרעם, ליכטיג און זייער שטיל. אַ פרוי איז געזעסן ביי אַ טישל און געלייענט אַ צייטונג. זי האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט די צוויי נעגערס:

— וואָס ווילט איר אַזוי שפּעט?

דזשאָזעפין האָט איר דערלאַנגט דאָס שטיקל פּאַפּיר. אירע אויגן זיינען איר געווען פאַרטרערט:

— מיין קינד, מיין הילדאַ, איז דאָ.

די פרוי האָט אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל, געזעגנט מיט אימיצן אויפן טעלעפאָן און אַ זאָג געטאָן צו זיי:

— אַ פּיסל צעבראָכן. איצט שלאָפט זי. גייט אַהיים.

דזשאָזעפין האָט זיך צעכליפּעט. טאָם האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין אַלטע, צעקנייטשטע הוט און אויסגעשטעלט אַ האַנט צו דער פרוי:

— לאָזט אונז אַ קוק טאָן אויף איר. בלויז איין קוק טאָן!...

די פרוי האָט אַ גלייכגילטיגע געענטפערט:

— גייט אַהיים. מאָרגן דריי אַזייגער בייטאָג וועט איר זי קאָנען זען. נישט פריער! מיר קאָנען אַזוי שפּעט נישט שטערן קראַנקע קינדער!...

דזשאָזעפין האָט רחמנות'דיג זיך געווישט די אויגן:

— ס'איז דאָך אונזער קינד! אונזער עלטסטע קינד!...

די פרוי איז שוין בייז געוואָרן:

— קיינער נעמט נישט צו פון אייך אייער קינד! אָבער איצט קאָנט איר זי נישט זען! פאַרשטאַנען? בעסער גייט!

אינדויסן זיינען דזשאָזעפין מיט טאָמ'ען געבליבן שטיין פאַר־לאָרענע. ס'האָט זיך זיי נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דעם שפּיטאָל און איבערלאָזן הילדאַ'ן. דזשאָזעפין האָט אַ פאַרקלעמטע אַרויפ־געקוקט צו אַלע פענצטער, געוואָלט טרעפן וואו הילדא ליגט דאָרט. גייענדיג אַהיים, האָט זי שטיל געוויינט און זיך געקלאָגט פאַר טאָמ'ען:

— ווען הילדא זאָל כאָטש וויסן, אַז מיר האָבן זי געוואָלט זען. כ'פלעג שטענדיג שרייען אויף איר, זי שלאָגן. קאָן זי נאָך מיינען, אַז אונז אַרט נישט פאַר איר... אָ, דזשיזוס... דזשיזוס!...

טאָם האָט זיך מיט די פויסטן געווישט די טרערן און געפרעגט:

— דענקסטו, אַז מ'וויס ווער ס'האָט איר אומגעוואָרפן? אפשר וועלן מיר כאָטש קריגן אַ פּאָר דאָלאַר!...

דזשאָזעפין האָט געענטפערט:

— ווער וועמען וועט עס אַרן, אַז מ'האָט אַ נעגער איבערגעפאָרן? ווער וועט זיך עס אָננעמען פאַר אונז?...

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן אינדערפרי איז הילדא געלעגן אויפן רוקן, דעם פּנים אויסגעדרייט צום וואַנט, מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן אָדער ענטפערן. זי האָט שטיל געוויינט. בייטאָג איז איר געוואָרן גרינגער. דורך אַלע ברייטע פענצטער האָט אַריינגעשיינט די זון און אין צימער איז געוואָרן ליכטיק און וואַרעם. הילדא האָט אויסגעדרייט איר קעפּל צו די שכנ׳ישע בעטלעך און דערזען, אַז צוויי אינגלעך און אַ מיידעלע, ליגן אין פונקט אַזוינע ווייסע בעטלעך ווי זי. ס׳איז איר געוואָרן היימלעכער. זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו די קינדער. דאָס קלענערע אינגל האָט איר געפרעגט:

— ס׳טוט דיר שוין נישט אַזוי ווי?

הילדא האָט אַ דריי געטאָן איר קעפּל אויף נישט.

דאָס צווייטע אינגל, דזשאָני, האָט איר געפרעגט מיט אַ פאַר־שטיקט, שווער, אומעדיק שטימעלע:

— איידער מ׳האָט דיר געבראַכט אַהער, ביסטו אַרומגעלאָפן אין גאַס? ס׳איז געווען גוט אַרומצולויפן, האַ? איך בין שוין לאַנג אין גאַס נישט געווען!...

אַז הילדא האָט זיך געוואונדערט, האָט ער באַרימעריש צוגע־געבן: — ס׳איז שוין זייער לאַנג, ווי כ׳ליג דאָ... אָבער איצט ווער איך שוין געזונט. כ׳וועל באַלד אַרויס פונדאַנען. פריער פון אַלע קינדער!...

דאָס מיידעלע, אַזאַ קליינטשינקע, אַ שוואַכינקע, האָט דזשאָני׳ן אַ צונג אַרויסגעשטעלט:

— קאָנסט ניט אַרויס פריער פון מיר! ביסט נאָך קראַנק. דו הוסט גאַנצע נעכט, סאָפּעסט...

דזשאָני׳ס איינגעפאַלענע בעקלעך זיינען רויט געוואָרן. ער האָט פאַרקוועטשט אַזאַ דאַר רחמנות׳דיק פויסטל און זיך צעשריען:

— אָט גיי איך באַלד צו צו דיר און צעפּאַטש דיר דיין פּנים!

הילדאַ האָט אַ פריילעכע געלאַכט. דאָס מיידעלע, זייער אַ צופרידענע, האָט געפרעגט:

— ווי אַזוי קאָנסטו מיר שלאָגן, אַז דו קאָנסט זיך אַפילו נישט אויפזעצן?

דזשאַני איז געבליבן שטיל. באַהאַלטן דאָס פּנים אין קישן. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט:

—ס׳איז דערפאַר, ווייל דו ביסט אַ נאַרישע מיידל, פאַרשטייסטו גאָרנישט. מיין מאַמע זאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי זי וועט האָבן געלט, וועט איך גלייך געזונט! . . . — ער האָט זיך אַ דריי געטאָן צו הילדא׳ס בעטל: — און דו, ניגער, האָסט נישט וואָס צו לאַכן . . . דו וועסט דאָ זיין לאַנג, לאַנג . . .

הילדא האָט אָוועקגעדרייט איר קעפּל. זי האָט זייער שטאַרק געביסן די ליפּלעך נישט צו נעמען וויינען. די נוירס האָט איר שוין דערציילט, אַז איר פיסל איז צעבראָכן, פאַרגיפּסעט ביז איבער דער קני. אָבער זיין דאָ לאַנג, לאַנג האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט געוואָלט מ׳זאָל איר אַהיים נעמען. איר מאַמע וועט נישט וויסן וואו זי איז אַהינגעקומען. זי קאָן נאָך מיינען, אַז זי איז ערגעץ־וואו אַנטלאָפן . . .

בייטאָג האָבן גענומען קומען טאַטעס און מאַמעס. אַרום די בעטן איז געוואָרן טומלדיג. כאָטש הילדא איז געווען זיכער, אַז איר טאַטע־מאַמע וועלן נישט קומען, אַז אודאי וויסן זיי אפילו נישט וואו זי איז אַהינגעקומען, האָט זי דאָך אַלע ווילע אַן עפן געטאָן אַן אויגל און געקוקט צום טיר. פּלוצלינג האָט זי אַן עפן געטאָן ביידע אויגן; זי האָט אין דער טיר דערזען איר טאַטע־מאַמע. איר מאַמע איז געווען פאַרפּוצט אין אַ לאַנגן ברוינעם מאַנטל, וואָס אימיצער האָט איר אָוועקגעגעבן, און איר טאַטע אין זיינע שטענדיג פאַרלאַטעטע הויזן, אָבער פאַרפּוצט אין זיין רעקל. זיי האָבן פאַרזיכטיג געשפּאַנט איבערן דיל ווי זיי וואָלטן געגאַנגען איבער אַ גליטש.

הילדא האָט פריידיג זיי אַרופגעטאָן. דזשאָזעפין איז צוגע־לאָפן צו איר בעטל, אַ זוך געטאָן מיט די אויגן אַירע פיסלעך, זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול און הילדא האָט דערזען, אַז איר מאַמע וויינט. זיצט אַ שטילע, קוקט אויף איר מיט אַזוינע גוטע אויגן און וויינט. הילדא האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט עס געמאַכט איר מאַמען וויינען:

— מאַמע, הער אויף צו וויינען, — האָט זי שטיל אַזאָג געטאָן און זיך אַליין געוואונדערט ווי גוט און שטיל זי איז עס געוואָרן.

III

זינט הילדאַ איז אין שפּיטאָל האָבן מענטשן געגומען קלאַפּן אין דזשאָזעפּינ׳ס טיר. דער ערשטער איז געקומען אַ מר. לע־וויט, אַ יונגער דאַרער לאַיער, מיט בלאָנדע וואָנצעלעך און קרײַנק־לעכע אויגן. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּאַק מיט פּאַפּירן.

ער האָט נישט געוואוסט, אַז דזשאָזעפּין וואוינט גאָר אונטן אין קעלער. ער האָט איר פריער ארומגעזוכט אין דעם לאַנגען, פינ־צטערן קאָרידאָר פון דער טענעמענט הויז. ער האָט אין דער פינצטער געזוכט די עלעקטרישע קנעפּלעך ביי די פאַרמאַכטע טירן, און אומזיסט געקלאַפּט אין יעדן טיר. קיינער האָט אים נישט גע־ענטפערט, כאָטש ס׳האָט זיך געהערט דער געוויין פון קינדער און דער געבייזער פון מאַמעס. אין דרויסן האָט אים אַ קינד אָנגעוויזן אויף שטיינערנע טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט אין קעלער אַראָפּ. — דאָרט וועט איר געפינען אַ טיר, — האָט דאָס קינד געוויזן מיטן הענטל. מר. לעוויט האָט זיך אָפּגעווישט דעם שוויס און אַראָפּגעקראָכן די טרעפּלעך. טאָם האָט פאַר אים די טיר גע־עפנט. אַ דערשראָקענער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דאַרפט איר?

מר. לעוויט האָט זיך פאַר אים און דזשאָזעפּינען פאָרגעשטעלט:

— איך בין אַ לאַיער. אַ באַקאַנטער לאַיער. איך וויל וואָס טאָן פאַר אייך וועגן הילדאַ׳ס אומגליק . . . העלפן אייך קריגן אַ פּאָר דאָלער . . . איר פאַרשטייט דאָך . . .

טאָם האָט אַ דערפרייטער געקוקט אויף דזשאָזעפּינען. אָבער דזשאָזעפּין, שטענדיג אַ פאַרביטערטע, אַ באַליידיגטע, שטענדיג אַן אָפּגענאַרטע האָט אָפּנהאַרציג געענטפערט:

— כ׳גלויב אייך נישט אַז איר זאָלט זיך וועלן פאַר אונז אָנ־נעמען. איר וועט אונז בלויז אָפּנאַרן . . .

מר. לעוויט איז געבליבן שטיין ווי אַן אויסגעפּאַטשטער. אים האָט זיך געדאַכט אַז ער מעג שוין אַרויס פון דאַנען. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אַז אין „אָפיס" וואַרט מען אויף אַ באַריכט, אַז דורך דעם באַריכט וועט מען מעסטן זיינע פעיאיגקייטען און שכירות, — האָט ער געמאַכט אַ באַליידיגטע מינע און געגומען

דערציילן, אַז ער האָט אַליין געזען ווי דער גרויסער טראָק האָט הילדאַ'ן אומגעוואָרפן. און ווייל ס'איז געווען די שולד פון דעם טרייבער, פאַרדריסט עס אים: ווייל ער כאָטש פאַר זיי געלט קריגן. ער האָט אפילו נאָך עדות אויך אויב מ'וועט דאַרפן. „אירביידע דאַרפט נאָר אונטערשרייבן דעם פּאַפּיר; דאָס איבעריגע וועל איך שוין אַליין באַזאָרגן", — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן.

דזשאָזעפין האָט מיט פאַרבראָכענע הענט געטראַכט וועגן הילדאַ'ן אין שפּיטאָל, וועגן איר צעבראָכן פיסל. ווען זי זאָל כאָטש אַ פּאָר דאָלער קריגן! אָבער אונטערשרייבן זיך, וועט זי נישט. זאָל ער קומען אַ צווייטן מאָל. זי וועט זיך נאָכפרעגן.

מר. לעוויט האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַ פּאָר־זאָרגטער:

— אָבער טאָמער קומט דאָ אַן אַנדער לאָיער, וועט איר זיך דאָך אונטערשרייבן. זיי וועלן אייך אָפּנאַרן . . . היט זיך! . . . האָט ער זיי געוואָרנט.

דזשאָזעפין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, כ'וועל פאַר קיינעם נישט אונטערשרייבן. כ'וועל פריער דאַרפן וויסן צי מ'נאַרט מיך נישט אָפּ.

דזשאָזעפינ'ס ליפּן זיינען געווען פעסט פאַרדריקט און די אויגן — איינגעפאַלענע, אויסגעוויינטע האָבן אויף אים געקוקט מיט חשד. האָט ער באַשלאָסן, אַז פאַר דעם ערשטן מאָל איז גענוג. ער וועט קומען אַ צווייטן מאָל.

דזשאָזעפין האָט אים נאָכגעקוקט דורכן טיר. אַ פאַרקלעמטע זיך אַראָפּגעזעצט אויפן בעט און געזאָגט צו טאָמ'ען:

— ער וועט אונז שוין אָפּנאַרן! . . . מיר וועלן קיין סענט נישט קריגן! . . .

טאָם האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אָט' ווען מ'קריגט עפּעס. כ'וואָלט זיך אפשר אַ פּאָר הויזן געקויפט . . . די זיינען שוין גאָר אויס . . . — האָט ער באַטראַכט זיינע פאַרלאַטעטע הויזן.

דזשאָזעפין האָט אים נישט געהערט. זי האָט געטראַכט, אַז אָט דער ווייסער וועט אַזוי לאַנג קומען, ביז ער וועט זיי איינרעדן זיך אונטערצושרייבן און זי וועט אפילו נישט וויסן, צי זי

האָט געדאַרפט אַזוי טאָן. ביי וועמען זאָל זי פרעגן? מיט וועמען זאָל זי זיך אָן עצה האַלטן?

ווען מר. לעוויט איז געקומען צו זיי אַ צווייטן מאָל, איז ער שוין געווען ביי זיך זיכערער. ער האָט שוין געהאַט ביי זיך דעם רעגעסטריר־נומער פון מאַשין. ער האָט שוין אויך געוואוסט, אַז די מאַשין איז פאַרסטראַכירט און אַז מ׳וועט צאָלן. — די נעגערס זאָלן נאָר וועלן אונטערשרייבן. האָט ער געטראַכט. דאָס וואָס דזשאָזעפין איז נישט געווען אין דער היים, איז געווען פּונקט גוט, ווייל מר. לעוויט׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז די קליינע, אויסגעדאַרטע נעגערטע וועט אים נאָך אַמאָל אַריינפאָרן מיט אירע פינגער אין זיינע האָר אַריין.

— מ׳דאַרף דעם נעגער נישט איבערשרעקן, האָט ער גלייך, ווי ער איז אַריין אַ טראַכט געטאָן. — מ׳דאַרף זיין זייער פאַר־זיכטיג . . . די נעגערס געטרויען נישט אַ וויסן . . . ער האָט זיך היימיש געזעצט ביים טישל, זיך אַ שפּיל געטאָן מיט דער אַכט־יאָריגער עטל, און דעם קליינעם קלאַרענס צוגענאַרט צו זיך מיט אַ פּעני. טאַמ׳ען האָט ער דערלאַנגט אַ סיגאַרעטל. טאַם האָט דאָס זשעדנע אַ כאַפּ געטאָן, פאַרזיכטיג באַטראַכט און באַהאַלטן עס אויף שפּעטער. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

איר פאַרשטייט? איך האָב שוין לאַנג נישט גערויכערט . . . ס׳איז שלעכט. זייער שלעכט. נישטאָ קיין ברויט פאַר די קינדער...

מר. לעוויט האָט פלינק אַ קוק געטאָן אויף דעם נידעריגן, פינצטערן צימער, אויף די אָפּגעריסענע, אויסגעדאַרטע קינדער:

— יאָ, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — טאַקע אַ רחמנות. ווען איך קאָן, וואָלט איך געדאַרפט אויף אָן אמת׳ן פאַר זיי עפּעס טאָן . . . נאָר ס׳וועגדט זיך נישט אָן מיר . . . האָט ער זיך באַרואיגט. ער האָט געגומען טאַמ׳ען איינרעדן, אַז ער זאָל זיך גלייך אונטער־שרייבן, אַז זיי וועלן דורך אים געהאָלפן ווערן . . .

טאַם האָט הנאה געהאַט, וואָס דער לאָיער בעט זיך ביי אים אַזוי, פּונקט ווי ער, טאַם, וואָלט אים געדאַרפט טאָן אַ טובה. ער האָט אַרויסגענומען דעם סיגאַרעטל, פאַררויכערט, און מיט ווירדע אַריינגעקוקט אין פּאַפּיר. ער האָט סיי ווי נישט אַלץ פאַרשטאַנען. נאָר גאָר אונטן האָט ער איבערגעלייענט, אַז מיט דעם אונטער־

שרייבן זיך פאַרלאָזט ער זיך אינגאַנצן אויף דעם לאָיער, וואָס דאָס מיינט, אַז ווי ער וועט טאָן, וועט דאַרפן זיין גוט. טאָם האָט שנעל אָוועקגעכאַפּט די הענט:

— אָ, ניין. איך וועל גאָרנישט טאָן אָן דזשאָזעפין!

מר. לעוויט איז געוואָרן אַ צעקאָכטער:

— אַזוינע נעגערס! ווי זיי זיינען דאָס פאַרזיכטיג! אויב אַזוי וועל איך זיי נאָך אָנלערנען! . . . ער האָט אַ בייזער צו־זאַמענגעלייגט די פּאַפּירן און געזאָגט:

— וועל, אַז איר אַליין ווילט נישט קריגן קיין געלט, קאָן איך גאָרנישט טאָן. אַז איר וועט קליגער ווערן, לאָזט מיר וויסן. איך וועל אפשר קומען נאָך אַמאָל . . .

אויף מאָרגן איז געווען אַ שיינער טאָג. דורך די פאַרזשאַ־ווערטע גראַטעס אַרום דעם קעלער־פענצטערל, האָט אַריינגעשיינט אַ ווייסער פּאַס זון, זיך צעלייגט אויפן טישל און דערגרייכט אַזש ביזן אייזערנעם אויוון אַנטקעגן. דזשאָזעפין איז געזעסן ביים פענצטער, זיך געוואַרעמט אין דעם פּאַס זון, ווען מיס פלין, דער „אינוועסטאַגייטאָר" איז אַריינגעקומען. זי האָט זיך ברייט צעזעצט ביים טישל, צעלייגט אירע פּאַפּירן, און מיט דעם אָפיציעלן שמייכל פון אַ צדקה־געבערן גענומען גאָר איבער אַ נייס זיך נאָכפרעגן וועגן הילדאַ׳ס אומגליק. פונקט ווי זי וואָלט נאָך וועגן דעם גאָרניט געוואוסט.

דזשאָזעפין האָט נישט גערן געענטפערט. ס׳איז איר שטענדיג שווער געווען צו רעדן וועגן דעם אומגליק. — זי ווייסט דאָך שוין וועגן אַלץ. האָט זי מיט פאַרדרוס אַ טראַכט געטאָן. — וואָס נאָך וויל זי?

מיס פלין האָט געפרעגט:

— האָט איר שוין פּרובירט קריגן געלט פון דער קאָמפּאַניע?

דזשאָזעפין האָט איר דערציילט וועגן מר. לעוויט, דעם לאָיער. זי האָט געפרעגט ביי איר אַן עצה און זיך געקלאָגט:

— אַז איך גלויב גאָרנישט, צי מיר וועלן עפּעס קריגן . . . מיר האָבן גאָרנישט קיין מזל דערצו . . .

מיס פלין האָט געקוקט אויף איר:

— הערט זיך איין. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז איר קאָנט

יאָ קריגן אַ שיינע פּאָר דאָלער. נאָר צוליב געוויסע סיבות, איילט איר זיך נישט אַזוי. אָבער, אַזוי ווי איר קריגט רעליף פון אונז, וועלן מיר זיין געצוואונגען זיך אַריינצומישן . . . און איר וועט מוזן זען צו פאַרהאַנדלען מיט דער קאָמפּאַניע . .

ווען זי איז איז אַוועק, האָט דזשאָזעפין זיך צעוויינט:

— וואָס ווילן זיי אַלע פון אונז? הילדאַ ווייטאָגט מיט אַ צובראָכן פיסל, האָבן זיי זיך גענומען זאָרגן וועגן דעם געלט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שבת בייטאָג, ווען דזשאָזעפין האָט געוואַשן דאָס בעט, געע־לופּטערט די קישלעך און קאָלדרעס, איז מיס פּילד, הילדאַ׳ס לערעריןָ, געקומען. דזשאָזעפין האָט זיך זייער פאַרשעמט, וואָס איר בעט איז צענומען און די שטולן נאָס. זי האָט אויף שנעל אָפּגע־ווישט איינעם און זיך פאַרענטפערט:

— אַז ס׳ווערט וואַרימער אין דרויסן, ווילט זיך אַביסל אויפראַמען . . .

מיס פּילד האָט ביסלעכווייס זיך צוגעוואוינט צו דער פינצטערקייט פון צימער, זיך אַרומגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן:

—איך בין מיס פּילד, הילדאַ׳ס סקול־לערערין. האָט אייך הילדאַ דערציילט וועגן מיר?

דזשאָזעפין האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— איר הערט, מיס, כ׳האָב געמיינט אַ נייע „אינוועסטיגייטאָר" איז געקומען! . . . אודאי האָט מיר הילדאַ דערציילט וועגן אייך. דזשיזוס! אַז איך קום איר זען אין שפּיטאָל, ליגט זי אַזאַ צעוויי־טיקטע, אָבער ווי זי דערמאָנט נאָר אייער נאָמען, צעשמייכלט זי זיך. זי וועט זיך זייער פרייען, אַז כ׳וועל איר דערציילן וועגן אייך.

— מיס פּילד האָט געזאָגט:

— זאָגט איר, אַז די קינדער פון קלאָס גריסן איר. ס׳פאַר־דריסט זיי פאַר איר . . .

דזשאָזעפין האָט זיך צעוויינט. שטיל געכליפּעט אין אירע הענט אַריין. דער נאָכדעם זיך פאַרענטפערט:

— ס׳האַרץ ווערט אין מיר צעפּלאַצט. הילדאַ איז די עלטסטע פון פיר קינדער. כ׳בין אַלעמאָל געווען צו איר אַזוי שלעכט, גע־שלאָגן, געשאָלטן. איר מיינט, ווייל כ׳האָב איר פיינט געהאַט? ניין. ווייל זי פלעגט מיר אָנטאָן אַ סך צרות. זי איז געווען זייער אָן איינגעשפּאַרטע. אַז זי פלעגט בעטן עסן, ווען אין שטוב איז קיין ברויט נישט געווען, פלעג איך זי אַרויסטרייבן אין דרויסן . . .

דזשאָזעפין איז געוואָרן שטיל. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן און געקוקט אויף דער פאַררויכערטער, נאַקעטער וואַנט אַנטקעגן. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אַמאָל אַרויס־געוואָרפן הילדאַ׳ן דורכן טיר, ווייל יענע האָט ביי דער קליינער מאַרדזשין אויסגענאַרט איר שטיקל ברויט. הילדאַ האָט דאַן אַ פאַל געטאָן אויף די שטיינערנע טרעפּלעך און געגומען קרעכצן. שפּע־טער האָט איר הילדאַ געזאָגט:

— ווען איך ברעך זיך אויס אַ פוס, וואָלט דיר שוין פאַר־דראָסן וואָס דו וואַרפסט מיר אַזוי . . . דזשאָזעפין האָט אַ קוק גע־טאָן אויף מיס פילד׳ן, מיט פאַרדרוס געזאָגט:

— אודאי, איצט, אַז זי איז קראַנק, מיט אַ צעבראָכן פיסל, בין איך גוט צו איר . . . אַלע האָבן אויף איר איצט רחמנות . . . דזשיזוס. כ׳האָב דאָך איר שוין געקושט אויך! . . .

מיס פילד האָט זיך צוגעהערט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אין אַלע פינצטערע ווינקלען פון דעם וויסטן קעלער־צימער קלאָגן מאַמעס. שוואַרצע מאַמעס, ווייסע מאַמעס; פאַרביטערטע, דער־שלאָגענע מאַמעס. מיט גאַל און שנאה אַפילו צו זייערע אייגענע קינדער. זי האָט שטיל געזאָגט:

— זאָרגט זיך נישט. הילדאַ וועט אַלץ פאַרשטיין.

זונטאָג איז געווען אַ שיינער, זוניגער טאָג. ברייטע, ווייסע זון־פּאַסן האָבן זיך צעלייגט איבער דעם גרויסן שפּיטאָל־צימער. די זון האָט אַריינגעשיינט דורך אַלע פענצטער, געפינקלט אויף שוואַרצע און בלאָנדע קעפּעלעך; געזשמורעט די קינדערשע אויגעלעך און געררויטלט בלייכע, קראַנקע בעקעלעך. די קינדער האָבן פריילעכע געשמייכלט צו זייער טאַטע־מאַמע, און זיך געפרייט מיט די געבראַכטע מתנות. נאָר דזשאַני, דאָס איטאַליעניש

קראַנק אינגעלע, האָט זיך נישט געפרייט. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן זיין מאַמעס האַנט, שווער געאָטעמט דורך פיבערדיגע ליפּעלעך און זיך געבעטן:

— אַ יאָ, מאַמע, כ׳וועל גאָר אינגיכן גיין אַהיים? איך בין שוין געזונט! . . .נעם מיך אַהיים, מאַמע!

זיין מאַמע האָט מיט פאַרטרערטע אויגן אים געגלעט זיינע שוואַרצע, גלאַנציגע הערעלעך. זי האָט אים צוגעזאָגט אַהיים צו נעמען, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער איז נאָך אַלץ זייער קראַנק.

לעבן הילדא׳ס בעטל איז געלעגן דאָס בלאָנדע, אַכט־יאָריג מיידעלע, וועלכע קריגט זיך דאָ מיט אַלע אינגלעך. איר מאַמע האָט איר דערציילט וועגן איר הינטעלע פּוטצי, האָט דאָס מיידעלע זיך אונטערגעהויבן אויף די הענטלעך, פאַרריסן דאָס קעפּל און געלאַכט. זי האָט אַריבערגעשריען צו הילדאַ׳ן:

— הילדאַ, מיין הינטעלע פּוטצי איז שוין געוואָרן גרויס! אָט אַזוי גרויס! מאַמע, טייערע, ברענג אים אַמאָל אַהער! . . .

הילדאַ האָט איר נישט געהערט. זי איז געלעגן אויפן רוקן, די פּיסלעך צעשפּרייט, פאַרגיבסעט ביז אַרויף, און זיך צוגעהערט, וואָס איר מאַמע דערציילט זי וועגן מיס פּילד׳ן, וועגן דעם, אַז די קינדער אין קלאַס, האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף איר. ווען אימעצער אַנדערש, נישט מיס פּילד, וואָלט עס דערציילט, וואָלט הילדאַ נישט געגלויבט אַזאַ זאַך. זי האָט אַ פאַרוואונדערטע געזאָגט:

— זעסט, מאַמע, כ׳האָב דיר געזאָגט אַז זי איז אַ מאָדנע לערערין . . . אפילו די קינדער אין קלאַס גריסן מיר שוין!... אַבי כ׳האָב געמיינט, אַז זיי וועלן זיך פרייען וואָס איך קום נישט! . . .

ווען דזשאָזעפין האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט מען איר גערופן אין שפּיטאַל־אָפיס. דאָרט האָט געוואַרט אויף איר אַן עלטערע פרוי. זי האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּאַפּיר און געפרעגט:

— איר זייט הילדאַ׳ס מאַמע? זיצט.

דזשאָזעפין האָט זיך געזעצט אויף אַ ברעג שטול. זי האָט

געדרייט איר טיכעלע אין האַנט און געטראַכט, אַז אודאי וועט מען איצט ביי איר בעטן געלט. הילדאַ האָט איר דערציילט, אַז אַ פרוי האָט ביי איר לאַנג זיך נאָכגעפרעגט צו איר טאַטע אַרבעט, צו זיי האָבן געלט. די פרוי האָט איר געזאָגט:

— הילדאַ איז געוואָרן אַריבערגעפאָרן פון אַ מאַשין וואָס באַ־לאַנגט צו אַ גרויסער קאָמפּאַניע. זייערע מאַשינען זיינען פאַר־סטראַכירט. ווייסט איר, אַז איר קאָנט קריגן געלט? אַ סך געלט?

דזשאָזעפין האָט זיך דערפרייט:

— כ'ווייס, אַז מיר קאָנען קריגן געלט. כ'האָב אָבער נישט געוואוסט, אַז אַ סך געלט!

די פרוי האָט איר שטרענג אָנגעקוקט!

אַזוי? איר ווייסט יאָ, נאָר וואָס דען, איר ווילט נישט?

דזשאָזעפין האָט נישט פאַרשטאַנען:

— איך וויל נישט? פאַרוואָס זאָל איך נישט וועלן? מיין גאָט! אָבער דורך וועמען?

די פרוי האָט גענומען פויקן מיטן בלייפעדער אויף די פאַ־פירן:

— הערט זיך איין, מיר גלויבן, אַז איר ווייסט יאָ, ווי צו קריגן דאָס געלט. איר האָט דורך וועמען. נאָר איר וואַרט ביז הילדאַ וועט אַרויס פון שפּיטאָל... אָט איז צו אונז געקומען אַ לאָיער, מר. לעוויט, האָט ער דערציילט, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אייך צו העלפן. ער וויל פאַרהאַנדלען פאַר אייך מיט דער קאָמפּאַניע, נאָר איר זייט איינ־געשפּאַרט, איר ווילט נישט. פאַרוואָס ווילט איר נישט? האָט זי אַ דונער געטאָן. — איר ווייסט, אַז ווען איר וועט האָבן געלט, וועט איר דאַרפן צאָלן אונז פאַר הילדאַ'ן . . . דערפאַר זייט איר אַזוינע קלוגע, איר ווילט אָפּציען ביז הילדאַ וועט אַרויס פון שפּיטאָל! . . .

דזשאָזעפין האָט שוין פאַרשטאַנען. דאָס בלוט האָט איר אַ שפּאַר געטאָן אין קאָפּ. מ'וויל דאָ, אַז זי זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דעם מר. לעוויט. זי האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט:

— דער מר. לעוויט וועט אונז אָפּנאַרן. כ'געטרוי נישט זיין

פנים . . . ער׳ט צונעמען דאָס גאַנצע געלט פאַר זיך . . . אַט איז ער געקומען צו לויפן אַהער, ווייל ער ווייס, אַז מיר געטרויען אים נישט.

די פרוי האָט געקוקט אויף דזשאָזעפינ׳ען. זי האָט געטראַכט, אַז די נעגערטע איז זייער כיטרע, האָט זי קוים אַ שמייכל געטאָן:

איך גלויב, אַז דערווייילע ווילט איר אונז אָפּנאַרן. מר. לעוויט איז אַן ערלעכער מאַן. ס׳פאַרדריסט אים פאַרוואָס איר זאָלט גאָרנישט קריגן. — זי האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן. — ווייסט איר, אַז הילדאַ וועט דאַרפן זיין אין גיבס אַ דריי־פיר חדשים? רעכנט איר, אַז מיר קאָנען איר דאָ האַלטן די גאַנצע צייט אומזיסט? אויב איר קאָנט איר נעמען אַהיים, אַרט אונז נישט . . . ס׳איז אָבער בעסער, אַז הילדאַ זאָל בלייבן דאָ. — איז איר שטימע געוואָרן ווייכער. — דערפאַר ראָט איך אייך, איר זאָלט איבערגעבן דעם גאַנצן עסק צו מר. לעוויט׳ן. ער וועט ביי אייך גאָרנישט אויסנאַרן . . . אַז איר קאָנט קריגן געלט, דאַרפט איר זען, עס צו קריגן. האָט זי זיך אויפגעהויבן.

אַז דזשאָזעפין איז געקומען אַהיים, האָט זי געפונען מר. לע־וויט׳ן זיצן ביים טישל. ער איז זיך געזעסן אַ פריילעכער, מיט אַ צעשפּילעטן מאַנטל און געריוכערט אַ סיגאַרעטל. אויפן טישל זיינען געלעגן צעשפרייט די פּאַפּירן. דזשאָזעפין איז געבליבן שטיין. אַ רציחה האָט איר אַ שפּאַר געטאָן צום האַרצן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז שולדיק אין אַלע צרות. אַז איצט איז ער געקומען זיי מאַכן אינגאַנצן אומגליקלעך. האָט זי אויף אים אַ געשריי געטאָן:

— וואָס זייט איר געקומען אַהער, אונז אומגליקלעך מאַכן? איך געטרוי אייך נישט . . . כ׳האָב פיינט אייערע אויגן . . . וואָס זייט איר געלאָפן אין שפּיטאָל אונז מסר׳ן? ווייניק איז אונז שלעכט?

טאָם, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין איין שרעק, אַז דער לאָיער וועט אים דאָ איינרעדן אונטערצושרייבן, איז געוואָרן ביי זיך דרייסטער. ער האָט אַזש אַ דערפרייטער געזאָגט:

— אודאי וויל ער אונז אָפּנאַרן! לאָמיר אים אַרויסטרייבן!...

מר. לעוויט האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. זיינע אויגן זיינען געוואָרן צוזאַמענגעצויגן. ער האָט מיט שנאה געקוקט אויף די צוויי נעגערס. אויב זיי וועלן היינט נישט אונטערשרייבן די פּאַפּירן, וועט דער אָפּיס שיקן צו זיי אימעצן אַנדערש, אימעצן, וועמען ס׳וועט זיי שוין מיט גוטע רייד איינרעדן, געווינען זייער צוטרוי. און ער אַליין וועט קריגן אַ שלעכטן נאָמען. וועגן אַ העכערונג אין שכירות, מעג ער שוין פאַרגעסן . . . ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך צוריק געזעצט, און גענומען רעדן צו זיי מיט אַ שטילע, איינגעהאַלטענע שטימע. ער האָט גערעדט מיט האַרץ, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער קאָן זיי איצט נישט איבעררעדן, פאַרלירט ער. וועט ער מוזן אַריינגעבן אַ באַריכט אין אָפּיס, אַז ער האָט גאָרנישט אויפגעטאָן, וואָס דאָס וועט מיינען, אַז ער גיט צו, אַז ער איז אַ דורכפאַל. — איר פאַרשטייט, — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן, — וואָס לענגער איר וועט וואַרטן, אַלץ ווייניגער געלט קאָנט איר קריגן. איר דאַרפט דאָך אַזוי נויטיג געלט . . . זעט ווי איר וואוינט . . . ווי אָרים איר זייט . . . איר וועט דאָך קאָנען זיך אַרויסציען פון קעלער. וואוינען אין אַ לייטישער דירה . . .

דזשאָזעפין האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. זי האָט געפילט פּונקט, ווי ער וואָלט איר געשניטן מיט אַ מעסער. כאָטש ער האָט גערעדט אַזוי שטיל, מיט אַזאַ גוטסקייט, האָט זי נישט געקאָנט קוקן אויף זיין פּנים, געוואוסט אַז ער רעדט אַזוי, ווייל ער וויל זיי בלויז אָפּנאַרן. זי ווייס, אַז אַלע ווייסע, ווען זיי רעדן זיסע רייד צו אַ נעגער, מיינען זיי עס נישט. זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן מיס פילד׳ן. ווי זי איז געזעסן דאָ ביי איר אין קעלער, אַזאַ שטילע, אַ טרויעריגע, און איר אָפּילו נישט געפרעגט קיינע פראַגן. מיס פילד וואָלט איר געזאָגט צו וועמען זיך צו ווענדן. מיס פילד וואָלט פאַר איר אויסגעפונען, וועד דער מר. לעוויט איז, צי מ׳קאָן אים געטרויען. דזשאָזעפין האָט דערפילט, ווי אַ שווערע משאַ וואָלט איר אַראָפּגעפאַלן פון אירע פּלייצעס, פּונקט ווי זי וואָלט שוין געהאַט גערעדט מיט מיס פילד׳ן. זי האָט אַ רואיגע געזאָגט:

— ס׳איז אומזיסט אייערע רייד, מר. לעוויט. איך וועל פריער

זיך דאַרפן נאָכפרעגן אויף אייך. מיר האָבן אַ גוטן פרייגט, אַ ווייסע ליידי, וועט זי אונז זאָגן וואָס צו טאָן, — צו טאַמ׳ען האָט זי אַ פינטל געטאָן מיטן אויג. — דו ווייסט וועמען איך מיין.

טאָם האָט אַ דערפרייטער געזאָגט:

— אודאי. זי וועט אונז העלפן. מיר׳ן פריער פרעגן ביי איר!

מר. לעוויט האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס האָט ער אַזוי גע־ווירקט אויף זיי מיט זיין רעדן. אויב אַזוי, וועט ער מאָרגן ווייטער קומען. האָט ער אַ פריילעכער פאַרשפּילעט זיין מאַנטל.

אַז ער איז אַוועק, האָט דזשאָזעפין פאַרשפּאַרט די טיר, און אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל היטן דורכן פענצטער, ווען כ׳וועל אים דערזען קומען, וועל איך אָט אַזוי — פאַרשפּאַרן די טיר פאַר אים.

אַ דעיט

די טירן פון דעם גרויסן דעפּאַרטמענט־סטאָר זיינען געווען פאַרמאַכט. אינווייניג איז געווען שטיל און פינצטערלעך. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געשעפט, די לאַנגע טישן, די פּאָליצעס פאַר־לייגט מיט סחורה, רוען זיך אויס פאַר דעם שפּעטערדיגן טומל, רוען זיך ביז 9 אַזייגער, ווען דאָס געשעפט וועט זיך עפענען. נאָר אויף אַ זייטיגער גאַס, צו די הינטערשטע טירן, האָבן שוין פון לאַנג זיך געצויגן רייען מיט מענטשן. פון אַלע זייטן, פון אַלע גאַסן זיינען זיי געקומען צו דער ברייט־געעפנטער טיר. אינווייניג, זיך צעשאָטן יעדער צו זיין ווינקל.

אָן אַ זייט, ביי דעם אַריינגאַנג, זיינען געשטאַנען פינף מיידלעך מיט קאַרטלעך אין די הענט. צעטומלטע, מיט פינטלדיגע אויגן, האָבן זיי נאָכגעקוקט די שטראָמען מענטשן. מקנא געווען זיי, וואָס זיי קומען אַריין אַזוינע זיכערע, וויסן וואו זיי דאַרפן גיין, וואָס זיי דאַרפן טאָן. ערשט נעכטן האָט מען די מיידלעך צוגענו־מען צו דער אַרבעט. מ׳האָט זיי געגעבן קאַרטלעך, געהייסן זיי קומען אַהער גלייך אינדערפרי. שטייען זיי אומרואיגע, מיט האַרץ־קלאַפּעניש, און וואַרטן, אַז אימעצער זאָל זיך צו זיי באַווייזן, זיי זאָגן וואו זיי דאַרפן גיין, וואָס זיי דאַרפן טאָן.

עס איז פּלוצלינג צו זיי צוגעקומען אַ הויכער, זייער דאַרער מאַן. אַ קוק געטאָן אויף די פינף און געהייסן זיי אים נאָכגיין. אין אַ באַזונדערן צימער האָט ער זיי אַרומגעזעצט אַרום זיך. זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט, אַז ער איז מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן, דער פאַרוואַלטער פון דער מענער־אָפּטיילונג, וואו זיי וועלן דאַרפן אַר־בעטן. די מיידלעך האָבן געקוקט אויף זיין לאַנגן, דאַרן האַלדז, אויף די שמאָלע, מאַנגאָלישע אויגן און שטילע, געהאַרכזאַמע געוואַרט וואָס ער וועט זיי זאָגן.

מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן האָט פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס.

פֿאַרוויכערט אַ סיגאַרעטל און גענומען דערקלערן די מיידלעך, וואָס זיי וועלן דאַרפֿן טאָן. איבערהויפּט זאָלן זיי געדענקען, זיי וועלן דאַרפֿן זיין ערלעך, איבערגעגעבן צו דער קאָמפּאַניע און איידל צו קונדן. דערנאָך האָט ער יעדער מיידל גערופֿן ביים נאָמען, באַטראַכט זייערע פּנים׳ער: אַלע יונגע מיידלעך, נישט קיין מיאוס׳ע. עטלעכע מאַכן גאָר אַ פֿיינעם איינדרוק. זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּנים, פֿאַרהאַלטן זיך אַביסל לענגער:

אַ פּנים, אַ יונגער, אַ סימפּאַטישער, אָבער אויגן צו־פֿריילעכע. די ליפּן צו־שמייכלנדיגע . . . אַ פֿאַרשייטע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, מ׳וועט זי דאַרפֿן היטן. אַזאַ איינע וועט פֿלירטן מיט מענער . . .

דאָס מיידל האָט דערפֿילט אויף זיך זיינע אויגן. זי האָט זיך אומרואיג אַ דריי געטאָן:

— מיין נאָמען ווילט איר? העלען שאַפּיראָ.

מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן האָט אַריינגעקוקט אין איר קאַרטעלע, געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ:

— יע, העלען שאַפּיראָ. און אַ טראַכט געטאָן: אָט אַ חוצפּה . . . נישט געקאָנט וואַרטן . . . האָט זי נישט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג? . . . אָ, יע, האָט ער באַשלאָסן. מ׳וועט זי דאַרפֿן היטן.

* * *

אַ וואָך צייט האָבן די מיידלעך געדאַרפֿט גיין אַלע אינדערפֿרי צו דעם מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן זיך לערנען ווי צו זיין פֿאַרקויפֿערינס, זיך צוהערן ווי ער לערנט זיי ווי צו רעדן מיט קונדן, ווי זיי דאַרפֿן זיך אָנטאָן און יעדעס מאָל נישט פֿאַרגעסן צוצוגעבן: זיין ערלעך, פּינקטלעך און איידל.

די מיידלעך זיינען שוין געווען אומגעדולדיג. ס׳איז זיי שוין מיאוס געוואָרן הערן יעדן טאָג זיינע רייד, צו זען זיין פּנים.

קעטרין, אַן איריש מיידל, האָט נאָכדעם נאָכגעמאַכט דעם מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן, ווי ער גלאָנצט מיט די אויגלעך, שמאַרקעט מיט׳ן נאָז און האַלט זיך אין איין ווישן די ליפּן.

— דזשיזוס,—האָט זי געזאָגט, — כ׳האָב שוין פֿריער געאַרבעט

אין אַזוינע פּלעצער. וואָס מאַטערט ער אונז אַזוי? איר דענקט, מיידלעך, אַז מיר וועלן אים דאַרפן זען אַלע טאָג?

די מיידלעך האָבן זיך געפּרייט מיט דער געלעגנהייט צו לאַכן פון דעם מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן. נאָר איין העלען האָט נישט מיטגעלאַכט. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיגן ווי דער מר. וואָלטאָן קוקט אויף איר. עפּעס געפעלט זי אים נישט. יעדנס מאָל וואָס ער זעט זי, קוקט ער זי אָן, ווי ער וואָלט זי דעם ערשטן מאָל דערזען.

שפּעטער צו, ווען די מיידלעך זיינען געוואָרן היימישער מיט דער אַרבעט, זיך צו געוואוינט צו די סחורות און פּרייזן, האָבן זיי געגומען פאַרגעסן אָן דעם מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן. מען פלעגט זיך נאָר דערמאָנען אָן אים, ווען ער פלעגט דורכשפּאַצירן צווישן די טישן מיט פאַרלייגטע הענט און פאַרשנדע אויגלעך.

העלען שאַפּיראָ האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן היט איר יעדן ריר. אַפילו אַז זי האָט אים נישט געזען, האָט זיך איר געדאַכט, אַז פון ערגעץ וואו קוקט אַרויס זיין שאַרף אויג.

זי האָט זיך דורגעשמועסט וועגן דעם מיט ביטריס׳ן, וועלכע אַרבעט שוין דאָרט לענגער. ביטריס האָט אויסגעמידן צו קוקן אויף איר.

— יע. כ׳האָב אויך באַמערקט, אַז ער האַלט אָן אויג אויף דיר. היט זיך בעסער . . . מסתמא איז ער דיך אין עפּעס חושד... בר־ר־ר, ווי מיר האָבן אים פיינט!

העלען האָט זיך געהיט. ווי אַ סאָלדאַט אויף איר פּאָסטן, איז זי געשטאַנען גאַנצע טעג ביי איר טיש, מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן, אָפּצוטרעטן אויף אַ מינוט. זי האָט געוואוסט, אַז אַנדערע מיידלעך פאַר׳גנב׳ענען זיך הינטער די הויכע טישן, זעצן זיך צו אויף אַ פּאָר מינוט אָפּצורוען די פיס. זי האָט עס אָבער נישט געטאָן. די מענערשע שניפּסן און העמדער זיינען געווען שיין צעלייגט. דאָס גלאָז פון איר שאַפּע האָט געפינקלט פון ריינקייט. זי האָט זיך געהיט מיט אַ הויך וואָרט, געטאָן אַלץ וואָס מ׳האָט איר אָנגעזאָגט. וואָס נאָך וויל דער מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן פון איר?

אָבער דער מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן האָט באַשלאָסן פון דעם

ערשטן טאָג אָן, אַז אַט דער מיידל וועט ער דאַרפן היטן. אַז אַזאַ מיידל, מיט אַזוינע אויגן, מיט אַ לאַכנדיק פּנים, וועט ברעכן די געזעצן פון דעם דעפּאַרטמענט סטאָר, זי וועט פלירטן מיט מענער, מאַכן „דעיטס״ און פאַרשוועכן דעם נאָמען פון דער קאָמפּאַניע.

* * *

שוין וואָכן ווי ער קוקט איר נאָך. דערווייל האַלט זי זיך נאָך גוט, איז דוקא אַ גוטע פאַרקויפערין. דער פאַרקויף ביי איר טיש האָט זיך פאַרגרעסערט. אָבער אַ פלירט איז זי סיי ווי. אין דעם איז ער זיכער. ער איז אויך זיכער, אַז סוף־כּל־סוף וועט ער זי פּאַקן. דאַן וועט ער זי אַריינרופן צו זיך אין אָפיס, האַלטן פאַר איר אַ לעקציע, ווי ס׳וועט זיך פּאַסן, זי גוט אויס׳מוסר׳ן. אויב זי וועט נעמען וויינען, צוזאָגן צו זיין גוט, זיך אויפפירן אַנשטענדיג, וועט ער זי געבן נאָך אַ געלעגנהייט. ער ווערט שוין אָבער אומגעדולדיג, ס׳נעמט ביי איר צו־לאַנג, האָט ער געטראַכט. מסתמא היט זי זיך. פונקט ווען זי וועט דענקען, אַז קיינער זעט נישט וועט ער זי פּאַקן . . .

איין מאָל, אין אַ שבת׳דיגן טאָג, ווען אין סטאָר איז געווען ענג און טומלדיג, האָט ער, ראָבערט ל. וואָלטאָן, פלוצלונג אַ קוק געטאָן צו העלענ׳ס זייט און דערזען, אַז פון דער וויטן שטייט זיך אַ יונגער בחור און קוקט צו העלענ׳ס טיש. ער קוקט כּלומר׳שט אויף אַ שניפּס, אָבער מר. וואָלטאָן האָט גוט באַמערקט, ווי ער וואַרפט אויגן אויף העלענ׳ען.

מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן האָט זיך דערפרייט, זיך גענומען רייבן די הענט:

— אהא, אָט איז עס! . . . איצט וועט ער זי פּאַקן!

ער האָט זיך צוגערוקט נענטער. העלען האָט אים נישט באַמערקט, געווען פאַרנומען מיט קונדן. מר. וואָלטאָן האָט מיט הנאה געשמייכלט:

— דאַכט זיך זי קוקט גאָרנישט אויפ׳ן בחור. אָבער ער ווייס שוין, אַז אירע אויגן שיסן פייער . . . נישט אומזיסט שמייכלט זי אַזוי ליבלעך . ..מסתמא האָט זי זיך שוין מיט אים צונויפגערעדט . . . געמאַכט אַ „דעיט״ . . .

ווען אַרום העלענ׳ס טיש איז געוואָרן געראַמער, האָט זיך דער בחור צוגערוקט צום טיש. געוואָלט באַקוקן די שניפּסן אונטער׳ן גלאָז. מר. וואָלטאָן איז צוגעשפּרונגען צום טיש, פאַרשטעלט דעם בחור דעם וועג:

— יונגערמאַן, דאָ איז עס נישט דערלויבט! מ׳טאָר נישט שמועסן צו אונזערע אָנגעשטעלטע . . .

דער בחור האָט זיך אַ דערשראָקענער אָפּגערוקט, פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף העלענ׳ען:

— אַנטשולדיגט, כ׳וויל אָנקוקן אַ שניפּס . . .

מר. וואָלטאָן האָט שטרענג געפרעגט העלענ׳ען:

— קאָנט איר אָט דעם יונגן מאַן? דאָ איז עס נישט דערלויבט . . .

העלען איז בלאַס געוואָרן. די הענט האָבן איר אַזש גענומען ציטערן: אָט איז עס. איצט איז געקומען דער אומגליק, פאַר וועלכן זי האָט זיך די גאַנצע צייט געשראָקן.

מר. וואָלטאָן האָט איר נישט געלאָזן רעדן:

— כ׳ווייס, אַז איר קאָנט אים! טאַקע דאָ אין סטאָר האָט איר זיך מיט אים באַקאַנט! . . . איר האָט דאָ געמאַכט מיט אים אַ „דעיט"!! דאָס איז געגן אונזער מאָראַל! איר פאַרשטייט?

העלען האָט אַ צעטומלטע אַ קוק געטאָן אויף דעם פרעמדן בחור. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ קוק:

דער מאַן איז משוגע . . . וואָס וויל ער פון אונז?

מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן האָט זיך געדרייט פון איינעם צום צווייטן, אויפגעכאַפּט זייער איבערקוקן זיך, געוואָרן פריילעכער, ער איז געוואָרן זיכערער:

— זייט אַזוי גוט, גייט אַרויס פון דאַנעט. מיר זיינען אייך מוחל איר זאָלט קויפן ביי אונז . . . און איר, מיס שאַפּיראָ, וועט מיך זען אין מיין אָפיס . . .

העלען האָט געפילט ווי מ׳וואָלט איר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ: אויס, איצט פאַרלירט זי איר שטעלע! צוליב וואָס? צוליב וועמען? זי האָט אַ פאַרצווייפלטע זיך אַ דריי געטאָן צום בחור:

— ווער זייט איר? וואָס ווילט איר פון מיר?

דער בחור האָט מיט פאַרדרוס געהויבן די פּלייצעס, נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דער מיידל. ס'האָט זיך אים געוואָלט לאַכן; צי זיינען זיי דאָ משוגע? דאָס מיידל האָט אָבער אויס־געקוקט צעשראָקן. אירע הענט האָבן איר געציטערט. האָט דער בחור פאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָ אין אַ צרה צוליב אים. מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן האָט אים אָבער נישט געלאָזן רעדן. ער האָט אים העפלעך גענומען אונטערן אָרעם, אים אונטערגעפירט צו דער טיר און אין דער שטיל געזאָגט:

— כ'וואָלט אייך געראַטן נישט צו מאַכן קיין סקאַנדאַלן, ס'וועט זיין בעסער פאַר אייך און אפשר פאַר דער פאַרקויפערין אויך...

ער האָט פאַר אים אַ דריי געטאָן די דרייענדיגע טיר, ליבלעך אַ שמייכל געטאָן:

— זעט בעסער נישט צו באַווייזן זיך דאָ נאָכאַמאָל... גוד באַי!

אַן עלטערע פרוי האָט זיי נאָכגעקוקט. געזאָגט צו אַ צווייטער:

— ווי העפלעך מ'באַהאַנדלט דאָ די קונדן! ס'איז אַ פאַר־געניגן דאָ אַריינצוקומען. האָסט געזען?

ביטריס האָט אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן צו העלענ'ען:

— אפשר איז ער אַ שפּיאָן? די קאָמפּאַניע שיקט אַמאָל אונטער אַזוינע! האָסטו געפלירט מיט אים?

העלען האָט געוואָלט וויינען, ס'האָט איר געוואָרגן אין האַלז. ביטריס האָט מיט רחמנות איר אָנגעזאָגט:

— אויב דו וועסט קאָנען וויינען פאַר אים, וועט זיין גוט... אַזוי טוט ער: פריער מאַכט ער אונז צו וויינען, נאָכדעם ווערט ער ווייך ווי פּוטער...

העלען האָט אָבער נישט געוויינט. אירע אויגן זיינען איר געווען פאַרצויגן אָבער טרוקן. זי האָט געקוקט מר. וואָלטאָנ'ען אין די אויגן און זיך אַפילו נישט פאַרענטפערט. זי האָט נאָר גע'טענה'ט, אַז זי קאָן נישט דעם בחור און זי האָט נישט גע־פלירט מיט אים.

מר. ראָבערט ל. וואָלטאָן איז געווען דערצאָרנט. אַזאַ איינ־

געשפּאַרט מיידל האָט נאָך פּאַר אים נישט געאַרבעט! זי וויל נישט וויינען און אַפילו זיך נישט פאַרענטפערן. וואָס זאָל ער טאָן מיט איר? זי אַוועקשיקן קאָן ער נישט. זי איז אַ צו גוטע פאַר־קויפערין, מ׳איז אין אָפּיס פון איר זייער צופרידן. האָט ער אָן אַנטוישטער מיט פאַראַכטונג פאַרצויגן זיינע ליפּן און גע־הייסן איר גיין צוריק צו איר טיש.

ביטריס האָט זיך זייער געוואונדערט:

— צוריק געקומען! און מיט טרוקענע אויגן? אויב אַזוי, ביסטו „אַ־קעי״! אָבער ער וועט דיר שוין דערגיין די יאָרן!...

העלען האָט קוים דערלעבט צו הערן דעם קלאַנג פון גלאָק. דער קאָפּ איז איר געווען שווער. די פיס ווי געליימטע. די מיידלעך האָבן זיך אין געאייל אָנגעטאָן זייערע מאַנטלען און זיך גע׳סוד׳עט וועגן העלענ׳ען. זי האָט געהערט, אַז זיי רעדן וועגן דעם, אַז זי האָט געמאַכט אין סטאָר אַ „דעיט״. מ׳האָט אין דער שטיל געלאַכט. העלען האָט פאַרביסן די ליפּן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:

— הייסט עס, אַז זיי גלויבן איר אויך נישט. אָלרייט, זאָלן זיי מיינען אַזוי: זי האָט מיט כעס אָפּגעקלונגען איר קאַרטל. אַרויסגעלאָפן אין גאַס ווי אַ געיאַגטע.

אַ פּאָר גאַסן ווייטער איז זי פּלוצלינג געבליבן שטיין. דער בחור האָט אויף איר געוואַרט. געשמייכלט צו איר, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער.

העלען האָט זיך דערשראָקן. איר ערשטער געדאַנק איז געווען צו אַנטלויפן. אָבער אַ כעס האָט איר אַ שפּאַר געטאָן צו אָט דעם בחור, וואָס איז שולדיג אין אירע היינטיגע צרות. זי האָט אויף אים אַ געשריי געטאָן:

— איר זייט שוין ווייטער דאָ? ווייניג צרות האָט איר מיר אָנגעטאָן? וואָס ווילט איר פון מיר?

דער בחור האָט פאַרלעגן געדרייט זיין הוט:

— ס׳פאַרדריסט מיר זייער. איך בין דאָ גאָרנישט שולדיג, סיידן דער מאַן איז אַ צעדרייטער. כ׳בין נאָר אַריין קויפן אַ שניפּס. כ׳האָב אייך אָפּגעוואַרט, אייך דאָס צו דערקלערן. כ׳האָף, אַז איר האָט נישט פאַרלאָרן אייער שטעלע.

העלען האָט זיך פּלוצלינג דערפילט זייער מיד, אַזוי דער־שלאָגן, אַז זי האָט מער קיין כח נישט געהאַט צו זיין אין כעס. דער בחור קוקט אויס צעטראָגן, אין אַ פאַרגעלעגנהייט. ס׳האָט זיך איר געוואָלט פּלוצלינג לאַכן: קומט אַריין אַ פרעמדער בחור עפּעס קויפן און מר. וואָלטאָן טשעפּעט זיך צו צו זיי, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ „דעיט״. זי האָט נישט־ווילנדיג אַ שמייכל געטאָן:

— דערווייל אַרבעט איך נאָך. אָבער קיין האָניג וועל איך שוין ביי אים נישט לעקן . . . און אַלץ צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געמאַכט אַ „דעיט״ ! . . .

דער בחור האָט צוריק געשמייכלט. העלען האָט דערזען, אַז ער איז גאָרנישט קיין מיאוס׳ער בחור. אויגן גרויע, ליפּן גאָר פיינע. ס׳איז איר איינגעפאַלן: גאָרנישט אַזוי שלעכט צו האָבן מיט אים אַ „דעיט״!

דער בחור, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זי טראַכט, האָט געשמייכלט:

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — אויב אַזוי, אַז מיר קאָנען זיך שוין יע, כמעט אַלטע באַקאַנטע, איז ווי רופט מען אייך? מיין נאָמען איז סאול. איך אַרבעט אויף דער 37טער גאַס. בין אַ שיפּינג קלוירק.

העלען האָט זיך צערעמאָניאַל פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז העלען שאַפּיראָ. איך אַרבעט אויף 34טער גאַס. בין אַ פאַרקויפערין אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר. מר. ראָ־בערט ל. וואָלטאָן איז מיין באָס! . . . וואָס, אַ שטייגער, וואָלט ער איצט געזאָגט, ווען ער זעט אונז צוזאַמען?

דער בחור האָט געקוואָלן.

— אַז מיר האָבן אַ „דעיט״! וואָס זאָגט איר?

העלען האָט געשוויגן, געקוקט אויפן בחור. ער איז איר געפעלן. מר. ראָבערט ל. וואָלטאָנ׳ען אויף צו להכעיס וועט זי מיט אים מאַכן אַ „דעיט״:

— „אָ־קעי״! האָט זי געשמייכלט שעלמיש.

— היינט ביינאַכט?

— היינט ביינאַכט.

פאַרצווייפלונג

ניין אַזייגער אין דער פרי, איז מאַלי גיבאָנס אַרויס מיטן פאַר־וויקלטן קינד אויף די הענט. אין פינצטערן קאָרידאָר האָט זיך געעפנט אַ טיר. מרס. שניידער האָט אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ:

— איר גייט שוין? אַזוי פרי?

מאַלי׳ן איז שווער געווען צו רעדן. זי האָט געענטפערט פאַרשטיקט:

— דאָס קינד איז זייער הייס . . . ס׳מוז אודאי האָבן אַ הויכן פיבער . . . מ׳זאָל זי כאָטש צונעמען אין שפּיטאָל . . .

מרס. שניידער האָט געקוקט אויף מאַלי׳ס פּנים. זי האָט אַ דערשראָקענע זי אָנגעריררט ביי דער פּלייצע:

— מאַלי גיבאָנס, איר האָט געדאַרפט עפּעס נעמען אין מויל אַריין. קומט אַריין צו מיר, וועל איך אייך מאַכן אַ גלאָז טיי.

מאַלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— כ׳קען נישט . . . זאָל נאָר דאָס קינד געזונט ווערן . . . כ׳האָב מורא פאַרן קינד . . . איז זי אַראָפּ די טרעפּ.

מרס שניידער האָט מיט פאַרטרערטע אויגן איר נאָכגעקוקט. אַנטקעגן האָט זיך געעפנט נאָך אַ טיר. אַ פרוי האָט געפרעגט:

— שוין אַוועק אין שפּיטאָל?

— אַוועק.

— מ׳זאָל כאָטש דאָרט פאַרשרייבן דאָס קינד . . . אַז זיי האָבן דאָך גאָר קיין רחמנות נישט! האָט די צווייטע שכנה געזיפצט.

מרס. שניידער האָט צעטראָגן געזאָגט:

— כ׳האָב מורא פאַרן קינד . . . עס ברענט . . . דריי יאָר אַ קינד, און ווי קליין דאָס איז געוואָרן. און זי אַליין? שלעפּט זיך אַרום אַ הונגעריגע. קוקט שוין אויס ווי אַ טויטע . . . וואָלט כאָטש איר מאַן געלעבט . . .

די צווייטע שכנה האָט פאַרביטערט געענטפערט:

— און אַז מיין מאַן לעבט, הונגערן מיר נישט ? מיר מאַטערן זיך אויך ! . . .

— יאָ, טאַקע, האָט מרס. שניידער געענטפערט. — און אַז מיין מאַן אַרבעט אַ פּאָר טעג דורך דער וואָך, הונגערן מיר אויך !

די שכנות האָבן זיך אָנגעקוקט און שטיל פאַרמאַכט די טירן.

שפּעט ביי טאָג, האָט מרס. שניידער דערהערט, אַז מאָלי גיבאַנס איז צוריקגעקומען. זי איז צו איר אַריין און געפונען מאָלי'ן זיצן אויפן בעט אַ פאַרוויינטע. דעם קינד האָט זי געהאַלטן אויף די קני. דאָס קינד איז נאָך געווען פאַרוויקלט אין דער קאָלדרע. עס האָט שווער געאָטעמט מיט פאַרמאַכטע אויגלעך.

מרס. שניידער האָט זיך דערשראָקן :

— מאָלי גיבאָנס !

מאָלי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַן אומגליקלעכע אָנגעקוקט איר שכנה :

— מ'האָט זי נישט צוגענומען ! פאַר מיין קליין קינד איז דאָרט נישט געווען קיין פּלאַץ ! איר הערט ? האָט זי היסטעריש געשריען. — אַזאַ גרויסער שפּיטאָל, און פאַר מיין קליין מיידעלע איז שוין נישטאָ קיין אָרט ! וואָס זאָל איך איצט טאָן ? וואָס וועט איצט ווערן פון מיין קינד ? . . .

מרס. שניידער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין :

— איר האָט נישט געקאָנט איבערלאָזן אַזאַ קראַנק קינד ? האָט כאָטש אַ דאָקטאָר זי באַקוקט ?

מאָלי איז אויפגעשפּרונגען. אירע פאַרוויינטע אויגן האָבן אויפגעבליצט :

— נאָר איין דאָקטאָר ? איר האָט געדאַרפט זען, ווי מ'האָט דאָס קינד געמאַטערט ! מ'האָט עס צוגענומען פון מיר, מ'האָט עס געלייגט אויף אַ טיש, און יעדער איינער וואָס לערנט זיך פאַר אַ דאָקטאָר, האָט זי באַטראַכט און באַטאַפּט. מ'האָט עס געדרייט אויף אַלע זייטן . . . דאָס קינד האָט געוויינט, זיך געריסן צו מיר, האָט מען מיך אַפילו נישט צוגעלאָזן . . . זיי זיינען אַלע געשטאַנען אַרום טיש, רואיגע צווישן זיך געשמועסט, און מיך האָט מען נישט צוגעלאָזן . . . זי האָט אַ מידע זיך צוריקגעזעצט אויפן בעט. — ערשט אין אָפּיס האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַלע בעטן זיינען פאַר־

נומען . . . מ׳וועט מיר לאָזן וויסן, ווען כ׳זאָל ברענגען דאָס קינד . . . וואָס זאָל איך איצט טאָן? . . .

ביי מרס. שניידער האָבן געציטערט די ליפּן:

— איז וואָס האָבן זיי אייך פּאָרט געהייסן טאָן? זיי האָבן דאָך געזען, ווי קראַנק דאָס קינד איז!

מאָלי האָט שטאַר געקוקט אויף איר:

— גאָרנישט, האָט זי געענטפערט אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט איר שכנה דערציילט אַ סוד. — מ׳האָט מיר געהייסן וואַרטן. דאָס אַלץ. וואַרטן, ביז ס׳וועט זיך אָפּליידיגן אַ בעטעלע . . . דערווייילע וועט דאָ מיין קינד אויסגיין . . .

מרס. שניידער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, זי איז אַרויס־געלאָפן אין קאָרידאָר און אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר:

— מרס. רידער, מאָלי גיבאָנס איז צוריקגעקומען מיטן קינד. מ׳האָט עס נישט צוגענומען אין שפּיטאָל. זיי זאָגן, ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ, און דאָס קינד געפעלט מיר נישט, ס׳וועט אַזוי שטאַרבן . . . מיר מוזן זען קריגן פאַר איר אַ דאָקטאָר . . .

מרס. רידער האָט פאַרבראָכן די הענט. זי האָט אָבער נישט געקוקט אויף דער מרס. שניידער, אין פאַרלעגנהייט געשוויגן.

— כ׳וויס, אַז אייך איז שווער צו געבן עפּעס, האָט מרס. שניי־דער געזאָגט.—וואָלט מיין מאַן געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך, וואָלט איך אַליין געגעבן די דריי דאָלער, אַזוי קאָן איך נישט אינגאַנצן. כ׳וועל גיין צו אַלע שכנים. מ׳מוז זי העלפן! —

די שכנה האָט אַן אומעדיגע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. געזוכט ביי זיך אין טייסטער, און אַ פאַרשעמטע דערלאַנגט מרס. שניידער קליינגעלט:

כ׳האָב נישט מער. האָט זי זיך פאַרענטפערט. — כ׳וואָלט זי־כער געוואָלט געבן מער . . .

מרס. שניידער האָט שוין געקלאַפּט אין אַן אַנדער טיר, דער־ציילט אויף גיך די זעלבע געשיכטע צו אַן עלטערע פרוי.

די פרוי האָט גענומען זיך ווישן די אויגן:

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק . . . כ׳בין נעכטן אַריין צו איר,

האָב איך נישט געזען קיין סימן פון ברויט . . . דערצו האָט מען נאָך איר פֿאַרמאַכט די עלעקטריק. אודאי דאַרף מען העלפֿן, פון דעם לעצטן! . . .

אויפן צווייטן שטאָק האָט אַ פרוי מיט טרערן אין די אויגן, זיך געשוואָרן, אַז זי האָט נישט קיין סענט אין הויז. אַז זי לעבט אויף באָרג. — אַז מיר זיינען געוואָרן הפקר, האָט זי געקלאָגט, — אַפילו אַ בעט אין שפּיטאָל קריגט מען שוין נישט. וואָס וועט דאָס ווערן פון אונז?

מרס. שניידער האָט איר שוין נישט געהערט. זי האָט שוין געקלאַפּט אין אַן אַנדער טיר. ווען זי איז צוריק אַריין צו מאָלי גיבאַנס, איז שוין געווען פינצטערלעך. מאָלי איז נאָך אַלץ געזעסן מיטן קראַנקן קינד אויף די הענט. מרס. שניידער האָט זיך צו איר אַראָפּגעבויגן:

— מאָלי גיבאַנס, אָט האָט איר דריי דאָלער. נעמט דאָס קינד צו אַ דאָקטאָר.

מאָלי האָט אַ פֿאַרוואונדערטע אַ קוק געטון אויף מרס. שניידער, אויף דעם הויפן ניקלס און דיימס, און אַ קרעכץ געטאָן. זי האָט פֿאַרשטאַנען פון וואַנעט דאָס געלט קומט:

— דאָס איז אָרעם געלט . . . ברויט־געלט . . האָט זי צוגע־נומען דאָס געלט, — כ׳וויל אָבער ראַטעווען מיין קינד . . .

ביי דעם דאָקטאָר אין אָפּיס האָט מאָלי לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. דער דאָקטאָר האָט גלייך באַטראַכט דאָס קינד, געמאָסטן די היץ און געזאָגט מאָלי׳ן, אַז איר מיידעלע איז זייער קראַנק, אַז זי האָט געשוואָלענע, פֿאַר׳סמ׳טע מאַנדלען און אַ גאָר הויכן פיבער. ער האָט איר שטרענג אָנגעזאָגט, גוט אָפּצוהיטן דאָס קינד, האַלטן עס וואַרעם. דערצו האָט ער פֿאַרשריבן צוויי רעצעפּטן.

מאָלי האָט אַ דערשראָקענע געקוקט אויף די שטיקלעך פּאַפּיר. דאָס וועט דאַרפן קאָסטן געלט. וואו וועט זי נעמען? ווער וועט איר איצט געבן?

דער דאָקטאָר האָט געקוקט מאָלי׳ן אין האַנט אַריין און גע־וואַרט, זי זאָל אים באַצאָלן. מאָלי האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָקטאָר, כ׳האָב נישט קיין געלט צו באַצאָלן פֿאַר די רע־צעפּטן.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס:

— דאָס געהערט שוין נישט צו מיר.

מאַלי גיבאָנס איז געווען אויסער זיך:

— אָבער, דאָקטאָר, וואָס זאָל איך טאָן? זאָגט, וואָס זאָל איך טאָן? וואו זאָל איך נעמען געלט צו באַצאָלן פאַר די רעצעפּטן?

דער דאָקטאָר איז געוואָרן אומגעדולדיג. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— זייט אַזוי גוט! איך האָב נישט קיין צייט! ס'וואַרטן אויף מיר נאָך פּאַציענטן!

מאַלי גיבאָנס האָט גאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער דאָקטאָר קאָן גאָר שרייען אויף איר. זי האָט מיט אים גענומען איינ'טענה'ן:

— אָבער איר גיט דאָך אַ רפואה פאַרן קינד, און איך האָב נישט קיין געלט דערפאַר!

דער דאָקטאָר האָט אַ ריס געטאָן פון אירע הענט די שטיקלעך פּאַפּיר און זיי צעריסן:

— אַט האָט איר נישט קיין רפואות! — און גייט אייך פון דאַנעט! אַז מ'האָט נישט קיין געלט, גייט מען אין אַ שטאַטישן שפּיטאָל . . .

מאַלי איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. זי האָט געקוקט אויף די צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר, ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער האָט עס זי אַליין איבערגעריסן. דער דאָקטאָר איז אַנטלאָפן צו זיך אין פּריוואַטן אָפיס, מיינט עס, אַז קיין אַנדער רפואה וועט ער שוין נישט געבן, טאָ וואָס וועט זי טאָן, אַז זי וועט צוריקקומען אין איר קאַלטער, פינצטערער דירה? דאָס קינד וועט אָודאי שטאַרבן, האָט איר אַ ברען געטאָן אין מח. זי איז צוגעלאָפן צו דער פאַרמאַכטער טיר און גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן:

— גזלן, גיט מיר אַ רפואה פאַר מיין קינד! . . . ראַטעוועט מיין קינד! . . .

פון יענער זייט טיר איז געווען שטיל. דערנאָך האָט מאַלי געהערט, ווי דער דאָקטאָר נעמט אַראָפּ דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און בעט אַ פּאָליציי־סטאַנציע. מאַלי האָט אַ צעשראָקענע אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און אַרויסגעלאָפן.

אין גאַס איז שוין געווען פינצטער. אַ דריבנער רעגנדל האָט איר געשפריצט אין פנים, געגנעצט די פאַרפראָרענע ביינער, גענעצט דאָס קראַנקע קינד. מאַלי איז געלאָפן אָן אַן אָפּשטעל, געדריקט צו זיך דאָס קינד און געוויינט.

ביי איר טיר האָבן אויף איר געוואָרט אירע צוויי שכנות: מרס. שניידער און מרס. רידער. זיי האָבן פאַר איר אויפגעשלאָסן די טיר. מרס. רידער האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל. מרס. שניידער האָט אַרויסגענומען פון מאַלי׳ס הענט דאָס קינד, עס פאַנאַנדערגעוויקלט, און עס צוגעטראָגן צום ליכטל. זי האָט אַ וואונק געטאָן צו דער מרס. רידער.ביידע האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דעם געל־געוואָרענעם קינד, זיך צוגעהערט, ווי שוואַך עס אָטעמט. מרס. שניידער האָט קוים אַ ריר געטאָן מיט די ליפּן:

— דאָס קינד שטאַרבט . . .

מרס. רידער האָט מיט פאַרטרערטע אויגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געוויזן אויף מאַלי׳ן. מאַלי איז געזעסן אין אַ פינצטערן ווינקל, מיטן קאָפּ אין ביידע הענט און זיך געוויגט הין און צוריק. אין שויס זיינען געלעגן אין אַ טיכעלע די דריי דאָלער.

מרס. שניידער האָט זי אַ רוף געטאָן:

— מאַלי גיבאָנס!

מאַלי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעשטעלט אַ טעמפּן קוק אויף אירע שכנות:

— ער האָט צעריסן דעם רעצעפּט. אין כעס געוואָרן און צעריסן . . . זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויפן קינד און שטיל געזאָגט. — איר זעט, מיין קינד שטאַרבט, ווייל קיינער האָט עס נישט געוואָלט העלפן. זי האָט שאַרף אָנגעקוקט אירע צוויי שכנות. — איר זאָלט עס אַלעמען דערציילן. זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, ווי מ׳האָט דער׳הרג׳עט מיין קינד! . . .

מרס. שניידער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. זי איז אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר, גענומען קלאַפּן אין טירן, אַרויסרופן די שכנים. טירן האָבן זיך גענומען עפענען און פאַרמאַכן. שכנים האָבן אויפגערעגטע גערעדט אין דער הויך. מרס. שניידער האָט אַלעמען אַריבערגעשריען:

— מ׳האָט דער׳הרג׳עט מאָלי גיבאָנ׳ס קינד! מיר טאָרן עס נישט פאַרשווייגן! לאָמיר לויפן צום דאָקטאָר!

אַן אַנדער שטימע האָט אויפגעכאַפּט:

— לויפן צום דאָקטאָר! . . . זיינע שויבן אויסברעכן! . . .

אַ מאַן האָט געשריען:

— דער „האום־רעליף" איז שולדיק! לאָמיר לויפן צום „האום־רעליף"!

אַ פרוי האָט געקלאָגט:

— מ׳האָט איר די עלעקטריק פאַרשלאָסן . . . זי האָט קיין ברויט נישט — און איצט שטאַרבט איר קינד! פאַרוואָס שווייגן מיר?!

מ׳האָט גענומען לויפן אַראָפּ די טרעפּ. ס׳איז פאַר אַ ווײַלע געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון אַן אַמבולאַנס. אַ מאַן, וועלכער האָט אַראָפּגעקוקט פון די טרעפּ, האָט פאַרביילט אַ פּאָר פויסטן:

— איצט קומען זיי, די פאַרדאַמטע! איצט ווילן זיי העלפן!

ביי מאָלי גיבאָנ׳ס אין צימער איז געווען שטיל. זי האָט פאַר־מאַכט די טיר, אַ קוק געטאָן אויפן קינד און צוגעגאַנגען צום גאַז־אויוון, אָפּגעדרייט אַ הענטל און אַ משוגע׳נעם לאַך געטאָן:

— נאָך נישט פאַרשלאָסן . . . כאָטש איין טובה געטאָן . . .

זי האָט אויפגעדרייט אַלע הענטלעך, זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דיל און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן גאַז־אויוון.

ווען שכנים האָבן אויפגעבראָכן די טיר, זיך אַריינגעריסן אין צימער, האָט מאָלי גיבאָנ׳ס שוין נישט געאָטעמט.

ניו־יאָרק, 1933.

דזשאַן

I

דזשאַן איז געשטאַנען הינטערן טיר פון זיין היים און קיין חשק נישט געהאַט אַריינצוגיין. ער האָט פיינט געהאַט זיין ריינע, שטענדיג צוגעפוצטע היים, זיין טאַטע־מאַמע, זיין גרויסע שוועס־טער נעדי, און קליין שוועסטערל רעבאַ. נאָר ער איז געווען הונ־געריג און פון יענער זייט טיר האָט געשמעקט געבראָטנס.

די נאָזלעכער פון זיין ברייטער נאָז האָבן זיך גענומען הויבן אַרויף און אַראָפּ. די איבערגעקערטע, גראָבע ליפּן זיינען אים געוואָרן נאַס. דער גאַנצער גלאַנציגער פּנים האָט זיך אָנגע־שטרענגט אַריינצוזאַפּן אין זיך דעם גערוך, וואָס האָט געשפּאַרט דורך דער פאַרמאַכטער טיר. האָט ער שטיל די טיר געעפנט, אומגעלומפּערט, פאַרזיכטיג געשפּרייזט איבערן געבלומטן טעפּיך, געהיט זיך נישט אומצעוואַרפן עפּעס און זיך אַ זעץ געטאָן לעבן קיך־טיש. דער שטול האָט אַ סקריפּע געטאָן אונטער זיין שווער־קייט. זיין מאַמע האָט זיך צעשריען פון לעבן אויוון:

— פאַרזיכטיג, שוואַרצער! וועסט מיר די שטולן צוברעכן!

דזשאַן האָט געשוויגן. ער האָט געשלונגען די סליונע און גע־קוקט צום אויוון. ער האָט מורא געהאַט, זיין מאַמע זאָל נישט בייז ווערן פאַרן געבן עסן. — דזשיזוס, זי וועט מיר נאָך ווייטער טרייבן פון הויז. האָט ער אַן אומרואיגער געטראַכט.

נאָר אַז זיין מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טעלערל מיט פלייש, האָט ער פאַרגעסן אַן זיין מורא און אַ בורטשע געטאָן:

— אַזוי ווייניג . . .

איידע דזשעקסאָן, זיין מאַמע, האָט אונטערגעשפּאַרט די הענט אין די זייטן און הויך אַ זאָג געטאָן:

— שטיל, נעגער, ברום נישט! פריי זיך, אַז מ׳גיט דיר עסן!..

דזשאַן האָט שוין געוויגן. ער האָט געשלונגען זיין עסן און

געפילט אַ כעס שפּאַרט אים צום האַרצן. יעדער ביסן, וואָס ער האָט אָראָפּגעשלונגען, האָט אים געוואָרגן אין האַלדז. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיגן, וואָס זיין מאַמע, אַליין אַ נעגערן, רופט אים שטענדיג נעגער, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען זיין צונאָמען. אַ חוץ דעם האָט עס אים נישט געלאָזן רוען, וואָס אויפן אויוון שטייען טעפּ מיט גוטע זאַכן, וואָס זיין מאַמע האָט עס אודאי אי־בערגעלאָזן פאַר אירע „ווייסע". געמיינט האָט ער, זיין טאַטן און זיינע צוויי שוועסטער, ווייל זיי זיינען געווען אַ סך ליכטיגער פון אים.

זיין טאַטע האָט געאַרבעט אַלס „דזשעניטאָר" אין אַ גרויסן דעפּאַרטמענט־געשעפט. זיין מאַמע איז געווען הויך און דיק, מיט שטענדיג ריינע הענט און אין אַ ווייסן פאַרטוך. זיין שוועסטער, נעדי, האָט זיך געפאַרבט און געפּוידערט דעם פּנים, געשפּילט אויף אַ „פּליייער־פּיאַנאָ", און געקאָנט קונציג קייען און ציען קיי־גומע. אין זיין זעקס־יאָריג שוועסטערל, רעבאַ, איז שווער געווען צו דערקאָנען אַ נעגער־קינד. דערפאַר האָט דזשאַן זיי נישט גע־האַלטן פאַר זיין משפחה.

ער געדענקט נאָך גוט, ווי ער האָט איינמאָל געוואַשן זייער קיך און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער אַרבעט ביי ווייסע, האָט ער פאַרן אַרויסגיין אַראָפּגענומען דאָס היטל און גענומען דאַנקען. זיין מאַמע האָט אויף אים פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן און זיך צעשריען:

— שוואַרצער, ביסט משוגע געוואָרן?!

דזשאַן האָט זיך פאַרשעמט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אויסגעמידן דאָס הויז, געווען בייז אויף זיך, אויף זיין מאַמען און זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אָנצושלאָגן איר. וואָלט זי געווען שוואַרצער, וואָלט ער עס זיכער געטאָן, אַזוי האָט ער מורא געהאַט מיט איר זיך צו פאַרטשעפּן, פּונקט ווי ער פלעגט מורא האָבן זיך צו פאַרטשעפּן מיט אַ ווייסן.

זיין טאַטן האָט ער פיינט געהאַט, ווייל ער פלעגט שווייגן צו אים. ער שרייט נישט אויף אים, טשעפּעט אים נישט, האָט דזשאַן געטראַכט, אַז זיין טאַטע האַלט אים נישט פאַר זיינס גלייכן. אָבער סיי ווי, האָט דזשאַן געהאַט פאַר אים דרך־ארץ.

אַז אין הויז איז געוואָרן ליכטיג, די „פליִער־פּיאַנאָ״ האָט גע־נומען קלאַפּן, איז דזשאַן אַרויס פאַרן הויז, זיך געזעצט אויף אַ בענקל און זיך צוגעקוקט ווי קליינע נעגערלעך שפּילן זיך. אַ יונגער מולאַט איז אים פאַרבייגעגאַנגען. דזשאַן האָט אים שוין אַ סך מאָל געזען. ער האָט געוואוסט, אַז דער מולאַט קאָן אים, און דאָך איז ער אים פאַרביי, ווי ער וואָלט אים גאָרניט געזען. דזשאַן האָט אים נאָכגעקוקט מיט שנאה, ווי ער גייט דאָס אַזוי אויסגעפּראַנטעוועט, קוקט אויס אַזוי ריין, בשעת ער גייט אַרום אין אַלטע, פאַרלאַטעטע הויזן אויף שלייקעס, שטענדיג אָן אַ רעקל און אין זיין טאַטנס אַלטע שיך. ער האָט אַ קאָלנער מיט אַ שניפּס אויך, נאָר האָט דאָס פיינט געקראָגן, זינט נעדי האָט גע־לאַכט פון אים, אַז ער קוקט אויס אין דעם ווי אַ מאַלפּע, און זיין מאַמע שרייט, אַז ער שמוצט עס איין צו־גיך. האַלט ער דאָס באַהאַלטן אין אַ שופלאַד, און יעדעס מאָל, ווען פאַרפּוצטע בחורים קומען צו זיין שוועסטער, טרייסט ער זיך, אַז ווען ער וויל נאָר, קאָן ער זיך אַרומוואַשן דעם פּנים, אָנטאָן זיין קאָלנער און שניפּס, און זיך אַוועקזעצן אין דעם גאַסט־צימער צווישן אַלעמען. ווייל כאָטש ער איז שוואַרצער פון זיי, איז ער זיין מאַמעס אַ זון און נעדי׳ס אַ שוועסטער.

אַ קליינער נעגערל איז צוגעלאָפן צו אים:

— האַלאָ, דזשאַן!

דזשאַן האָט צעשפּרייט זיין מויל, זיך נחת׳דיג צעשמייכלט:

— האַלאָ, קליינער, האָט ער אים אַ שטורך געטאָן אין האַרצן.

— ביסט אַ שוואַרצער, צי אַ מולאַט?

דער קליינער האָט אַ דריי געטאָן מיט די ווייסלען, צעשפּרייט זיין מויל פּונקט ווי דזשאַן, און אויסשטעלנדיג זיין הערצל, גע־ענטפערט:

— איך בין אַ נעגער! אַן אַפריקאַנער נעגער!...

— כאַ־כאַ־כאַ! האָט דזשאַן געקוואַלן. — אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. זעסט, — ווייזט ער אים צום פענצטער, — דאָרט זיי־נען אַלע האַלב־ווייסע, פאַרפלוכטע מולאַטן! איך האָב זיי זייער פיינט! אַלע נעגערס דאַרפן זיי פיינט האָבן!...

דאָס אינגל האָט געענטפערט:

— אי־הום, מיין טאַטע זאָגט, אַז זיי זיינען ערגער פון די ווייסע! . . .

דזשאַנ׳ס קליין שוועסטערל איז אַרויסגעלאָפן, און זיך גענומען שפּילן מיט איר פּילקע. דער קליינער נעגערל האָט אַריינגערוקט זיין פינגערל אין מויל און גענומען קוקן אויף איר. דזשאַנ׳ען האָט דאָס פאַרדראָסן:

— קוק נישט אויף איר! זי האַלט זיך פאַר אַ ווייסע! . . .

דער קליינער האָט אים אָבער נישט געהערט. שוין מיטן פינגערל אין נעזל זיך גענומען רוקן נעענטער צו איר. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קליין מעסערל פון זיין קעשענע, און נישט דרייסט געפרעגט:

— ווילסטו דאָס?

רעבאַ האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט דזשאַן געקוואַלן.

II

איינמאָל האָט דזשאַנ׳ס טאַטע אים אָנגעזאָגט, אַז ער האָט גע־קראָגן פאַר אים אַרבעט; אַרויספירן די ליידיגע קאַסטנס פון דעם דעפּאַרטמענט־הויף, וואו ער, דזשעקסאָן, איז „דזשעניטאַר”. דזשאַן האָט זיך דערפרייט, כאָטש ער האָט זיך אַביסל געשראָקן, וואָס ער׳ט דאַרפן טאָן אַן אומבאַקאַנטע אַרבעט. זיין טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט:

— זאָלסט נישט פאַרגעסן יעדנס מאָל צו דאַנקען, און זאָלסט זיך נישט זידלען. נישט גיין אַרומגעריסן, ס׳פּאַסט נישט פאַר מיר, טאָמער דערוויסט מען זיך, אַז דו ביסט מיין זון . . .

און זיין מאַמע, איידאַ דזשעקסאָן, האָט געהאָלפן:

— דו זאָלסט דיין מויל נישט עפענען. בעסער שווייגן. אַז מ׳וועט דיר הייסן עפּעס טאָן, זאָג: „אַ דאַנק, סער”, און פאַרטיג. זאָלסט זיך נישט פוילן, הערסט, שוואַרצער! דו וועסט קיין עסן נישט קריגן!

דזשאַן איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, געפינטלט מיט די אויגן, און זיך געשראָקן. אַז ער איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך אַראָפּגע־

זעצט אויף אַ שטול און אַן אומעדיגער געטראַכט, אַז ווען זיין הויט וואָלט געווען אַזוי ליכטיג ווי זיין טאַטנס, וואָלט ער זיך נישט גע־דאַרפט שרעקן, אַז מ׳וועט זיך טשעפּן צו אים. ער האָט געטראַכט, אַז אפילו נעדי, וועלכע איז אַזוי ווייס און שיין, שמירט זיך אויך מיט אַזאַ ווייסקייט און באַשיט זיך מיט פּוידער. ס׳קאָן זיין, אַז זיין טאַטע פּוידערט זיך אויך דעם פּנים, דערפאַר איז זיין הויט אַזוי גלאַט, גלאַנצט ניט אַזוי ווי זיין, דזשאָנ׳ס פּנים. ער האָט פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וואָלט אויך געדאַרפט פּרובירן אַרויפטאָן אַביסל פּוידער אויפן פּנים, זען ווי ער וואָלט אויס־געקוקט.

אַז דזשאָן האָט געזען, אַז קיינער איז נישטאָ אין הויז, איז ער אויף די שפּיץ פינגער אַריין צו נעדי׳ן אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי ער וואָלט אַריין אין אַ פרעמדער הויז, און שיר פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען. ער האָט אָבער גלייך דערזען דאָס קעסטעלע פּוידער. ער האָט אַריינגעשטעקט אַ פינגער — און ס׳איז געוואָרן ווייסער. ער איז אַוועק דערמיט אין קיך, זיך אָנגעשאָטן פולע הענט און זיך גענומען רייבן די באַקן. אין קיך איז קיין שפּיגל נישט געווען, נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט ווייסער וואָס פון מינוט.

ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דעם, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט ווי נעדי איז געקומען. אַז זי האָט דערזען דזשאָנ׳ען, מיט די ווייסע לאַטעס אויפן פּנים, האָט זי זיך צעלאַכט. נאָר גלייך דערזען דאָס קעסטעלע פּוידער אויפן טיש, שוין כמעט אַ ליידיגס. נעדי האָט אַרויסגעלאָזן אַזאַ קוויטש, אַז דזשאָן האָט זיך ווי אויפ־געכאַפּט פון שלאָף, דערזען אַז נעדי האָט אים געכאַפּט ביי איר פּוידער. אַז נעדי, וועלכע האָט אים פיינט, וועלכע לאַכט פון אים שטענדיג, זעט ווי ער וויל זיך מאַכן ווייסער. ער האָט אַ דערשראָ־קענעם שמייכל געטאָן צו איר. נעדי איז געוואָרן ווילד. זי האָט אַזש גענומען אונטערשפּרינגען. ווייל זי איז געווען אַ סך קלענער פון אים, האָט זי זיך אונטערהויבנדיג אַריינגעשריען אים אין פּנים אַריין!

— אידיאָט! . . . שטייסט און שמייכלסט, פּונקט ווי אַ אי־דיאָט! . . . האָסט מיר איבערגעפּירט מיין פּוידער! . . .

דזשאָנ׳ען האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ; פּונקט אַזוי האָט בעכטן אויף אים געשריען אַ ווייסער אין אַ „קאַר״, ווען ער, דזשאָן, האָט נישט־ווילנדיג אים אַ שטויס געטאָן. פּונקט מיט דעם זעלבן כעס און עקל האָט דער ווייסער אויף אים געקוקט. דאָרט איז אָבער געווען אַ פולע „קאַר״ מיט ווייסע מענער און פרויען, און דאָ, שטייט פאַר אים זיין אייגענע שוועסטער, נעדי, אַליין אַ נעגערן, און שרייט אויף אים ווי אַ פרעמדע. דזשאָן האָט פאַרקראַמפּט אַ פּאָר פויסטן, און זיך אַ רוק געטאָן צו נעדי׳ן. נעדי האָט זיך דערשראָקן און זיך גענומען רוקן צום טיר:

— מאַלפּע !! האָט זי נאָך אַ לאָך געטאָן. — שטייסט ווי אַ מאַלפּע און גלאָצט מיט די אויגן ! . . . כאַ־כאַ־כאַ ! האָסט געמיינט, דו וועסט ווערן ווייסער ! . . . און איז אַרויסגעלאָפן.

דזשאָן איז געבליבן שטיין ווי אַ געשלאָגענער. ער האָט אַ ווילע זיך צוגעהערט, צי קיינער קומט נישט, און דערנאָך, אַ פאַרשעמטער, גענומען זיך וואַשן דעם פּנים. ער האָט געמיינט, אַז נעדי וועט אַלעמען דערציילן, און די מאַמע וועט אַריינלויפן מיט נייע קולות, נאָר קיינער האָט זיך נישט באַוויזן, און קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט. ער האָט אָבער געהערט, אַז מ׳סוד׳ט זיך אין צווייטן צימער. ער האָט געהערט אַ געלעכטער און געוואוסט, אַז מ׳לאַכט עס פון אים. דזשאָן האָט זיך געפילט זייער אומגליקלעך.

III

דזשאָנ׳ס אַרבעט איז באַשטאַנען פון וואַרפן ליידיגע קאַסטנס און טונען אויף אַ וואָגן, און דערנאָך עס אַוועקפירן צו אַ גרויסן הויף, אויף אַ זייטיג גאַס, וואו ס׳ווערן געבראַכט נאָך אַ סך אַזוינע קאַסטנס און פּעק פּאַפּירן. צוויי יונגע נעגער־בחורים׳לעך האָבן אים געהאָלפן אָנלאָדן דעם וואָגן. קיינער האָט דאָ אויף אים נישט געשריען און אים נישט געטשעפּעט. האָט דזשאָן ליב געקראָגן זיין אַרבעט. ער האָט זיך אויפגעהערט צו שעמען פאַר זיינע חברים, און אַפילו אָנגעפאַנגען צו פאַרפירן מיט זיי שמועסן.

— איר ווייסט, — האָט ער איינמאָל צו זיי אַ זאָג געטאָן, — קיינער רופט מיך דאָ אַפילו נישט „ניגער״ ! . . .

איינער פון די בחורים׳לעך האָט נישט פאַרשטאַנען:
— און ווען מ׳רופט דיך יע „ניגער”, נו, איז וואָס? נעגערס זיינען מיר, רופט מען אונז אַזוי!
און דער צווייטער האָט פרום פאַרגלאָצט מיט די אויגן:
— ביי דזשיזוס׳ן זיינען מיר אַלע גלייך! דזשיזוס האָט אונז פונקט אַזוי ליב ווי די ווייסע! . . .
דזשאָן האָט אַ סך מאָל געהערט רעדן וועגן דזשיזוס׳ן. ער האָט געוואוסט, ווער ער איז. אָבער אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל צו אים אַליין נישט גערעדט, נישט געוואָרן געטרייסט פון אים, און געוואוסט, אַז דזשיזוס אַליין איז אַ ווייסער, האָט ער אין אים נישט געגלויבט.
איין פרימאָרגן, ווען דזשאָן איז געשטאַנען ביי דעם ליידיגן וואָגן, איז זיין טאַטע דורכגעגאַנגען דעם הויף. ער האָט אויס־געקוקט זייער וואַזשנע אין זיין ווייסן רעקל. פאַרבייגייענדיג דזשאַנ׳ען האָט ער צו אים אַ שמייכל געטאָן:
— האַלאָ, דזשאָן.
דזשאָן האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין היטל און אַ גליקלעכער גע־שמייכלט. אַז זיין טאַטע איז אַוועק, האָט דזשאָן זיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט צו זיינע חברים:
— איר ווייסט, ער איז מיין טאַטע!
ביידע חברים האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. איינער האָט זיך אָפּגערופן:
— ביסט משוגע! אַהאַ, אַ שיינער טאַטע איז ער דיר! . . .
דזשאַנ׳ען האָט עס פאַרדראָסן. ער האָט גענומען זיך שווערן, און זיי געזוכט צו איבערצייגן:
— הערט, אים רופט מען אייברעהעם דזשעקסאָן; מיין מאַמען — איידאַ דזשעקסאָן. כ׳האָב אַ שוועסטער, נעדי, זיין טאָכטער, און אַ קליין שוועסטערל רעבאַ. איך בין זיין זון, דזשאָן! קומט צו אונז אין הויז, וועט איר זען, אַז מיר וואוינען אַלע צוזאַמען! !. . .
זיינע חברים האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן, האָט איינער געפרעגט:
— טאָ, פאַרוואָס איז ער אַזוי ליכטיג און דו ביסט אַזוי שוואַרץ?

דזשאַן האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט דער צווייטער בחור'ל געפרעגט:

— און פאַרוואָס האָסטו אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַר אים?

דזשאַן האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ און שוין געשוויגן. מער נישט געוואָלט רעדן צו זיי. האָבן זיי צווישן זיך געלאַכט פון אים, אַז ער האָט זיי געוואָלט אָפּנאַרן.

דזשאַן איז דערנאָך אַ גאַנצן טאָג געווען בייז. ער האָט מיט האַסט געוואָרפן די קאַסטנס אויפן וואָגן און געשלאָגן דעם פערד, אַז ער איז דורכגעפאָרן דאָס שמאָלע געסל, וואָס פירט פון הויף צו דער הויף־גאַס, וואו אַלע געשעפטן געפינען זיך, האָט ער גענומען יאָגן דעם פערד. אַלע טאָג, אַז ס'פלעגט אים אויסקומען אַריינ־צוקירעווען זיך אין דער גרויסער גאַס, פלעגט ער אָפּשטעלן דעם פערד, הכנעה־דיג אָפּוואַרטן ביז אַלע מענטשן וועלן דורכגיין. נאָר דאָס מאָל, האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט. געטריבן דעם פערד. די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן געשטראָמט פון ביידע זייטן, האָבן גענומען איילן אויף צוריק, און דזשאַן האָט דערזען, אַז פון ביידע זייטן געסל, האָבן מענטשן זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן, ביז ער, דזשאַן וועט דורכפאָרן.

דזשאַן האָט דערפילט אַ גרויסע פרייד אין האַרצן. ער האָט זיך דערפילט זייער וויכטיג. ער האָט איינגעצויגן די לייצעס און דורכגעפאָרן זייער לאַנגזאַם, מיט גרויס הנאה. ער האָט דערפילט, אַז ער איז געוואָרן עפּעס אַ וויכטיגער פּערזאָן. אַז פון היינט מאָל אָן, קאָן ער אָפּשטעלן אַלע פאַרפּוצטע, ווייסע, ווען ער וועט נאָר וועלן. וועט ער וועלן, וועלן זיי דורך, אַז נישט, וועלן זיי זיך מוזן אָפּשטעלן און וואַרטן ביז ער, דזשאַן, וועט דורכפאָרן!

קומענדיג יענעם טאָג אַהיים, האָט ער געפילט, אַז די פרייד פון דער נייער אַנטדעקונג ווערט ענג ביי אים אין האַרצן. ער איז אַרויס אין גאַס, צוזאַמענגערופן קליינע, נעגער־קינדער, און זיי דערציילט, אַז ער, דזשאַן, האָט געקראָגן די מאַכט אָפּצושטעלן אַלע, אַלע מענטשן אין די גרעסטע גאַסן. מאַכנדיג מיטן האַנט, האָט ער זיי געוויזן, וואָס ער מיינט, — וויל ער, לאָזט ער זיי גיין, וויל ער נישט, שטעלט ער זיי אָפּ.

די קינדער האָבן נאָכגעקוקט זיין האַנט, געדרייט מיט די

ווייסלען און אים באַוואונדערט.

האָט דזשאָן פון יענעם טאָג אָן ליב געקראָגן זיין אַרבעט און זיין פערד. ס׳האָט אים מער שוין נישט געאַרט זיין מאַמעס געשרייען און נעדי׳ס שנאה צו אים. ער פלעגט קוים דערלעבן די מינוט זיך אַרויפצוזעצן אויפן וואָגן, נעמען אָנטרייבן דעם פערד. איינמאָל האָט ער אָנגעלייגט אַ פולן וואָגן מיט קאַסטנס, מער ווי אַלע מאָל, כדי ס׳זאָל זיין שווערער, וועט נעמען לענגער. ער האָט מיט פרייד זיך אַ זעץ געטאָן אין דער הויך, און מיט אַ שיינענדיגן פנים געגעבן אַ פאָר אַריין אין געסל, אַ צי געטאָן די לייצעס און געוואָלט געבן אַ פאָר דורך, ווען ער האָט פלוצלינג דערהערט אַ שטרענגע שטימע:

— העי, דו! וואו פליסטו! האַלט דאָס פערד! זעסט נישט, אַז דו דאַרפסט וואַרטן?

דזשאָן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ פּאָליציימאַן, האַלטנדיג דעם פערד. דזשאָן האָט געזען אַזוינע פּאָליציילייט מיט די קרייץ־צייכנס אויף אַנדערע גאַסן, אָבער ביי דער קליינער געסל, וועלכע שנייט דורך די גרויסע גאַס, האָט ער אים קיינמאָל נישט געזען. איידער דזשאָן איז געקומען צו זיך, האָט שוין דער פּאָליציימאַן גענומען טרייבן דעם פערד אויף צוריק, און אַלע, וועלכע פלעגן אַלע טאָג בלייבן וואַרטן, זיינען דורך, און ערשט ווען ס׳איז געוואָרן ליידיג, האָט אים דער פּאָליציימאַן געהייסן דורכפאָרן.

דזשאָן האָט געפילט, אַז זיין האַרץ ווערט אים קאַלט, פאַרגליווערט. אַז זיינע הענט האַלטן קוים אין די לייצעס. דער קאָפּ איז אים געוואָרן שווער. ער האָט געוואוסט, אַז אַ גרויסער אומגליק איז געקומען איבער אים, אַז מ׳האָט ביי אים צוגענומען זיין גרעסטן גליק.

ער האָט אַפילו נישט געקאָנט געדענקען, ווי דער טאָג איז אַריבער, ווי ער איז אַהיימגעקומען. ער האָט זיין וועטשערע נישט געקאָנט עסן. זיין מאַמע האָט אים באַטראַכט:

— נעגער, ביסט קראַנק?

דזשאָן האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַראָפּגעלאָזן דעם שווערן קאָפּ און געשוויגן. זיין מאַמע האָט אים נישט אָפּגעלאָזן:

— דזשאָן, עס אָפּ. פאַרוואָס עסטו נישט? פלוצלינג האָט זי

אַ קוק געטאָן אויף אים מיט חשד: — נעגער, האָסט זיך מיט אי־מעצן צעקריגט? זאָלסט מיר היטן דיין שטעלע, אַז נישט וועל איך דיר אין הויז נישט אַריינלאָזן! . . .

דזשאָן האָט פּאַוואָליע אויפגעהויבן זיין קאָפּ, געקוקט אויף זיין מאַמען, ווי ער וואָלט איר צום ערשטן מאָל דערזען; אָט שטייט זי אַנטקעגן אים, אַ הויכע, אַ ברייט־פּלייציגע, מיט אַ בייזן פּנים, פּונקט ווי ס'איז געשטאַנען פאַר אים, דער ווייסער פּאָליצײמאַן. אַ גאַנצן טאָג, האָט דזשאָן געטראַכט אַנצושלאָגן דעם פּאָליצײמאַן, נאָר זיך געשראָקן פאַר זיין רעוואָלווער, וועלכער האָט אַרויסגע־שטאַרצט פון אונטערן רעקל. זיין מאַמע האָט נישט קיין רעוואָלווער. ער וואָלט איר געקאָנט אַנשלאָגן. האָט אים פּלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין. איר גוט אַנשלאָגן, דערפאַר וואָס זי רופט אים שטענדיג „שוואַרצער". וואָס נעדי, זיין אייגענע שוועסטער, האָט אים אַזוי פיינט, און וואָס דער פּאָליצײמאַן האָט אים פאַר־האַלטן און געלאָזן אַלעמען דורכגיין. איר גוט אַנגעשלאָגן!! . . . האָט אַ פרייד אים געקלאַפּט אין קאָפּ, אין האַרצן. ס'איז אים אַזש פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער איז מיט אימפּעט אויפגעשפּרונגען און מיט פאַרביילטע פויסטן זיך אַ לאָז געטאָן צו זיין מאַמען.

איידע דזשעקסאָן האָט אַ דערשראָקענע זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק, — דזשאָן! האָט זי מיט גרויל אַ קוויטש געטאָן. דזשאָן! ביסט משוגע געוואָרן?! . . .

דזשאָן האָט דורך פאַרלאָפענע אויגן געזען איר דערשראָקן פּנים. ווי אירע אויגן דרייען זיך ווילדע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטלויפן. ער האָט אַ לאַך געטאָן. מיט זיין גרויסער, געזונטער האַנט איר אָנגעכאַפּט פאַרן פּלייצע, און מיט דער צווייטער האַנט, גענומען איר שלאָגן איבער די באַקן. געפּאַטשט הין און צוריק, הין און צוריק. ערשט ווען מרס. דזשעקסאָן האָט אַ ווילדע זיך צעשריען, האָט דזשאָן איר אָפּגעלאָזן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן אויף זיין מאַמעס צעפּאַטשטן פּנים, און זיך צעלאַכט.

זיין מאַמע האָט אים שוין נישט געהערט לאַכן. זי איז אַנט־לאָפן מיט אַ געשריי, אַז דזשאָן איז משוגע געוואָרן.

העלען אויף דער ראַדיאָ

די קינדער פון דער בית־אל יתומים־הויז האָבן זיך אויפגע־כאַפּט אַ זונטאָג באַגינען, פריער ווי אַלע מאָל. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטערלעך. דורך די ברייטע, ציכטיג־ריינע שויבן האָבן זיך אַרויסגעזען שטיקער גרויע וואָלקנס. די בוימער אַרום די פענצטער האָבן אויסגעקוקט שוואַרץ אין דעם גרויען באַגינען. די שוואַר־באַוואַקסענע צווייגן האָבן זיך סודות׳דיג געוויגט הין און צוריק, גערוישט מיט די בלעטער און געשראָקן די קלענערע קינדער.

די קינדער, איינגעקנורעטע אונטער די קאָלדרעס, זיינען גע־לעגן שטילע, זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן געוואַרט דער גלאָק זאָל קלינגען און זיי זאָלן מעגן אַרויס פון די בעטן. דער־ווייל האָט יעדעס קינד פאַר זיך געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיס ראַכלין, די פאַרוואַלטערין פון דעם יתומים־הויז, האָט זיי נעכטן אָנגעזאָגט, אַז פון דעם זונטאָג אָן, וועט מען אַלע וואָך רעדן וועגן די קינדער אויף דער ראַדיאָ:

— שטעלט זיך פאָר, קינדער, האָט מיס ראַכלין זיי נעכטן ביינאַכט געזאָגט, — טויזנטער מענטשן, וועלכע הערן זיך צו צו דער ראַדיאָ, וועלן הערן וועגן אונז! מיר וועלן פאַר אַלעמען דער־ציילן, וואָס מיר, דאָ, טוען אויף פאַר אייך, קינדער. יעדן זונטאָג בייטאָג וועלן מיר אויסקלייבן צווישן אייך דריי קינדער און מר. איסטאָן — איר קענט דאָך אים אַלע — וועט פאַרוואַלטן מיט דער בראָדקעסטינג. ער וועט רעדן וועגן די דריי קינדער, דערציילן ווי זיי קוקן אויס, דערציילן וועגן זייערע מעלות . . . און זיכער וועלן מיר אויך אַזאַ אופן געפינען פאַר יעדן קינד אַ טאַטע־מאַמע . . . געפעלט עס אייך, קינדער?

די קינדער זיינען געזעסן שטייפע, מיט פאַרלייגטע הענטלעך אויף די שויסן. ווען מיס ראַכלין האָט געענדיגט, האָבן אַלע ווי אין אַ כאָר געענטפערט:

— יעס, מיס ראַכלין! אַ דאַנק, מיס ראַכלין.

— געדענקט, קינדער, האָט מיס ראַכלין זיי אָנגעזאָגט, — אין דער פרי קומט אַהער אַ קאָמיטע אייך באַקוקן. די קאָמיטע גיט געלט פאַר דער בראָדקעסטינג, וועט איר זיך דאַרפן אויפפירן אָנשטענדיג, מיט דרך־ארץ. אַז מ׳וועט אייך פרעגן פראַגן, זאָלט איר ענטפערן ווי מ׳האָט אייך געלערנט.

— יעס, מיס ראַכלין, — האָבן די קינדער געענטפערט, און מיס ראַכלין האָט פאָרגעזעצט:

— יעדעס בעט זאָל ווערן ריין איבערגעצויגן און גלאַטיג פאַר־בעט. אַלע מיידלעך וועלן קריגן ריינע פאַרטוכלעך און די אינגלעך — ריינע העמדלעך. אַ חוץ דעם, — האָט מיס ראַכלין אַ שמייכל געטאָן, — קאָנט איר אַלע אַרויסנעמען אייערע שפּילצייג! די אינגערע מיידלעך קאָנען זיך שפּילן מיט זייערע ליאַלקעס! . . .

די קינדער האָבן מיט פריידיגע אויגן זיך איבערגעקוקט און אויף שנעל געענטפערט:

— אַ דאַנק, מיס ראַכלין!

שפּעטער־צו, ווען אין אַלע קינדער־צימערן איז שוין געווען פינצטער, די קינדער זיינען שוין געלעגן אין די בעטן, האָבן די גרעסערע קינדער זיך געקרימט, און איינער דעם צווייטן איבער־געמישט:

— יעס, מיס ראַכלין . . . אַ דאַנק, מיס ראַכלין . . .

די אינגערע קינדער זיינען איינגעשלאָפן נייגעריגע, מיט גרויס דערוואַרטעניש פאַרן מאָרגנדיגן טאָג.

גלייך נאָך דעם זונטאָגדיגן פרישטאָג, נאָך איידער די קאָמיטע איז געקומען, האָט מיס ראַכלין אַריינגערופן צו זיך אין אָפיס דריי קינדער:

— עליס! ווילסטו קריגן אַ טאַטע־מאַמע?

דאָס קינד האָט דערשראָקן אַ פינטל געטאָן מיט די אויגעלעך:

— יעס, מיס ראַכלין.

— גוט, מיר׳ן דיך מיטנעמען און רעדן וועגן דיר אויף דער ראַדיאָ. זע דיין פנים און הענט זאָלן זיין ריין. מיר׳ן דיך באַלד רופן.

עליס האָט געמאַכט אַ קליינעם קניקס:

— אַ דאַנק, מיס ראַכלין.

— סעם! — האָט מיס ראַכלין אַ רוף געטאָן.

— יעס, מיס ראַכלין — איז צוגעקומען דער עלף־יאָריגער סעם. זיינע בלויע אויגן האָבן נייגעריג אַרומגעטאַנצט איבערן שרייב־טיש. זיין פּאַרריסן נעזל האָט געוואָלט דערשמעקן, וואָס די פּאַפּירן דערציילן וועגן אים.

— סעם, דו פּאַרסט אויך מיט. זע צו האַלטן זיך רויִג. אַז מ׳וועט דיך צורופן צום מייקראָפאָן, זאָלסטו רעדן מיט אַ שטאַרקער שטימע. אָט דאָ איז פאַרשריבן, וואָס מ׳וועט דיך פרעגן — און דיינע ענטפערס.

— אַ דאַנק, מיס ראַכלין. — האָט סעם אַן אומרואיגער גע־קוקט אויפן פּאַפּירל.

— העלען! — האָט מיס ראַכלין זיך אויסגעדרייט צו דער דריטער מיידעלע.

די 9־יאָריגע העלען מילער איז צוגעקומען. אירע בלאָנדע האָר זיינען געווען פאַרדרייט אין אַ סך לאָקן. די אויגן האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן.

— העלען! — האָט מיס ראַכלין שטרענג געזאָגט, — קוק אויף מיר!

העלען האָט פּאַוואָלינקע אויפגעהויבן אירע לאַנגע וויעס:

— יעס, מיס ראַכלין?

— העלען, — האָט מיס ראַכלין אָנגעהאַלטן איר שטרענגן טאָן. — געדענקסט, וואָס דו האָסט אונז צוגעזאָגט?

— צו זיין גוט . . . און . . . פאָלגן . . . — האָט העלען שטיל אַרויסגערעדט.

— און וואָס נאָך?

—שוין וועלן אַן אַנדער טאַטע־מאַמע . . . — האָט דאָס קינד שנעל אַרויסגערעדט.

— וועסט זיי מער נישט אָנטאָן קיין צרות? וועסט מער נישט אַנטלויפן פון זיי?

— נישט אַנטלויפן . . . — האָט העלען שטיל נאָכגעזאָגט.

— גוט. — האָט מיס ראַכלין זיך אויפגעהויבן. — מיר וועלן דיר געבן נאָך אַ געלעגענהייט . . . מיר וועלן דיך מיטנעמען און

רעדן וועגן דיר אויף דער ראַדיאָ. אפשר וועלן מיר קאָנען פאַר דיר קריגן אַ טאַטע־מאַמע . . .

— אַ דאַנק, — מיס ראַכלין, — האָט העלען געמאַכט אַ קליי־נעם, דערשראָקענעם קניקס.

— גוט. גיי צו דיין בעט. מיר'ן דיך רופן.

העלען איז אַנטלאָפן צו איר ווינקל, וואו איר בעט איז גע־שטאַנען. זי איז אַרויפגעקראָכן אויפן ברעג בעט און פאַרמאַכט אירע אויגעלעך. איר שלאַנק, שיין פאָרמירט קערפּערל האָט גע־ציטערט; זי געדענקט, אַז פונקט מיט זעקס חדשים צוריק, האָט מען איר אויך אָנגעזאָגט, אַז זי גייט קריגן אַ טאַטע־מאַמע. אַלע קינדער האָבן זי מקנא געווען ווען מ'האָט איר פאַרפּוצט אין אַ ניי קליידל, אַריינגעפלאָכטן בענדער אין אירע לאָקן און איר צוגע־פירט צו אַ פרעמדער פרוי. די פרוי איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ לאַנגן ביינערדיגן פּנים און דאַרע הענט. זי האָט אָנגענומען העלענען ביי דער האַנט. איר באַטאַפּט און באַקוקט, און זיך צע־שמייכלט: אַ סימן, אַז העלען איז איר געפעלן געוואָרן. אָבער העלען האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דער פרוי. זי האָט אַרויס־געריסן איר הענטל, זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אַ זאָג געטאָן צו מיס ראַכלינ'ען, וועלכע איז געשטאַנען דערביי מיט פאַרלייגטע הענט:

— איך וויל זי נישט פאַר אַ מאַמען . . .

מיס ראַכלין האָט דאַן זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. איר פּנים איז געוואָרן בלייך און דערנאָך רויט. זי האָט אָבער גלייך, מיט אַ רואיגער שטימע, געגומען טרייסטן דער פרוי, אַז אַלע קינדער שרעקן זיך פון אָנפאַנג. דערנאָך ווערן זיי צוגעוואוינט און קריגן ליב זייערע אַדאָפּטירטע טאַטע־מאַמע. — אָט זיינען אירע פּאַ־פּירן. — האָט מיס ראַכלין געדרוקט דער צעטומלטער פרוי פּאַ־פּירן אין האַנט אַריין. — זי קומט פון אַ פיינער פאַמיליע, האָט גוטע בלוט אין זיך . . .

די פרוי האָט מיט חשד געקוקט אויף העלענען. עפּעס האָט זי נישט געגלויבט, אַז אָט די קליינע, דאַרינקע מיידעלע, מיט אַזוינע בלויע, בלישטשנדיגע אויגלעך, וועט זיך צוגעוואוינען צו איר. זי האָט צוגעזאָגט איר מאַן צו ברענגען אַהיים אַ מיידעלע מיט בלויע

אויגעלעך, האָט זי דערציילט מיס ראַכלין. דער סוף איז געווען, אַז זי האָט באַשלאָסן צו נעמען העלענ׳ען אויף פּראָבע. אויב זי וועט זיך נישט צופּאַסן, וועט זי איר צוריקשיקן צו דעם יתומים־הויז.

ביינאַכט, ליגנדיג אין אַ נייער בעט, אין אַ פרעמדער, גרויסער הויז, האָט העלען באַשלאָסן, אַז זי וועט נישט פאָלגן מיס ראַכלין און זי׳ גלייך נעמען רופן „טאַטע־מאַמע״.

זי האָט נישט געקאָנט עמיצן אַנדערש רופן „מאַמע״, ווייל זי ווייס, אַז איר מאַמע איז געשטאָרבן. אַז דאָרט אין איר הויז איז געבליבן איר טאַטע מיט אַן אַנדער פרוי. וועגן איר טאַטן וויל העלען קיינמאָל ניט טראַכטן. ווייל ער האָט איר געבראַכט אין דעם יתומים־הויז, און אַליין איז ער געבליבן מיט דער פרוי, וועמען העלען האָט נישט געוואָלט רופן „מאַמע״, און מיט אַן אַנדער קינד. ביי מיס ראַכלינ׳ען, אין אָפיס, האָט איר טאַטע זיך באַקלאָגט, אַז העלען איז געוואָרן איינגעשפּאַרט, שלעכט. טוט אַלעמען אָן צרות, און אַז צוליב שלום־בית צווישן אים און זיין פרוי, מוז ער איר איבערלאָזן אין דעם יתומים־הויז. העלען האָט אָבער געוואוסט, אַז איר טאַטע האָט איר פיינט געקראָגן. דערפאַר האָט ער איר איבערגעלאָזן צווישן פרעמדע מענטשן. אים אויף צו־להכעיס, האָט זי זיך געשלאָגן מיט אַלע קינדער און קיינעם נישט געפאָלגט. און זי וועט קיינעם קיינמאָל נישט רופן „טאַטע־מאַמע״.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען די הויכע, דאַרע פרוי איז אַריין צו איר אין צימער, זי געוואָלט אַרומנעמען, האָט העלען זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, געקוקט דער פרוי אין פּנים אַריין, און געזאָגט:

— כ׳וועל דיר קיינמאָל נישט רופן „מאַמע״, און דיין מאַן איז נישט מיין טאַטע . . . כ׳האָב אים פיינט . . .

די פרוי האָט געוויינט, געבראָכן מיט די הענט. האָט איר מאַן געזאָגט, אַז מ׳דאַרף דעם אומדאַנקבאַרן קינד גלייך צוריקשיקן אין דעם יתומים־הויז. ער וויל איר דאָ נישט האָבן. העלען האָט זיך דערשראָקן דערפאַר: ווערן צוריקגעשיקט אַהין, מיינט ווערן באַשטראָפט; מיינט בלייבן אַליין מיט מיס ראַכלינ׳ען אויג אויף אויג . העלען איז שוין אַ סך מאָל בעשטראָפט געוואָרן.

זי ווייס שוין וואָס דאָס מיינט. איז זי דעם זעלבן טאָג אַנט־לאָפֿן. אַ פּאָליציימאַן האָט איר דערנאָך געפֿונען שפּעט ביינאַכט, זיצנדיק אויף אימעצנס אַ גאַניקל מ׳האָט זי צוריקגעבראַכט אין דער יתומים־הויז. העלען׳ען האָט נישט געאַרט, וואָס מ׳האָט מיט איר געטאָן. ס׳האָט זי אַפילו נישט געאַרט, וואָס מ׳האָט זי אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען, וואָס קיינער פֿון די קינדער האָבן נישט געטאָרט רעדן מיט איר. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אַריבער־טראָגן, וואָס מ׳האָט געשיקט נאָך איר טאַטן, מר. מילער. העלען האָט נישט געוואָלט קוקן אויף אים. האָט ער מיט זיין וואַרימער האַנט אויפגעהויבן איר מאָרדעטשקע און איר געפֿרעגט מיט אַזאַ ווייכער, ציטעריגער שטימע:

— העלען, קינד, פֿאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַזוי שלעכט? ביסט דאָך אַמאָל געווען אַזאַ גוט מיידעלע . . .

העלען האָט נישט געקאָנט ליידן, וואָס איר טאַטע רעדט צו איר מיט אַזאַ ווייטאָג, זי וואָלט אים זייער געוואָלט דערציילן, אַז זי וואָלט בעסער געוואָלט זיין גוט; אַז ס׳איז דערפֿאַר, וואָס זי בענקט נאָך איר מאַמען, נאָך דער היים. זי האָט אָבער בלויז אַ קוק געטאָן אויף אים און געשוויגן. און פּונקט ווי איר טאַטע וואָלט פֿאַרשטאַנען אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, האָט ער איר געפֿרעגט:

— העלען, ווילסטו צוריקגיין מיט מיר אַהיים?

העלען האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. מיט פֿרייד אַ הויב גע־טאָן איר פּנים צו איר טאַטן, אָבער זי האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז יענע פֿרוי איז דאָרט דאָ, יענע, די פֿרעמדע, וואָס איז צו איר געוואָרן אַזוי שלעכט, אַזוי קאַלט . . . אַזוי קאַלט — האָט זי אַראָפּ־געלאָזן איר קעפּל און פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש אַנט־שלאָסן געענטפֿערט:

— כ׳וועל שוין פֿאַרבלייבן דאָ . . .

און גלייך אויפֿן אָרט, האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט שוין ווערן אַזוי גוט, אַז מ׳זאָל מער נישט דאַרפֿן רופֿן איר טאַטן. אַז אויב זי וועט קריגן אַן אַנדער „טאַטע־מאַמע״, וועט זי שוין מער נישט אַנטלויפֿן פֿון זיי; סיידן, ווען זי וועט שוין ווערן אַ גרויסע און נישט דאַרפֿן צוריקקומען אַהער.

זעקס חדשים זיינען אַוועק און קיינער האָט זי נישט געוואָלט מער פאַר אַ קינד. פאַר דער צייט זיינען אַ סך מענטשן געקומען. מ׳האָט אַ סך קינדער אויסגעקליבן, אָבער אויף איר האָט מען זיך נישט אומגעקוקט. מיס ראַכלין האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צו איר. העלען האָט געמיינט, אַז זי וועט שוין דאַרפן פאַרבלייבן אין דעם יתומים־הויז, ווי די 15 יאָריגע ביטריס, וועלכע העלפט איצט אַכטונג געבן אויף די קלענערע קינדער. צום סוף נעמט איר מיס ראַכלין מיט, רעדן וועגן איר אויף דער ראַדיאָ.

ס׳קאָן זיין, אַז ערגעץ־וואו וועט אַ „מאַמע" זיך צוהערן און דערנאָך קומען נאָך איר.

— העלען, — איז ביטריס אַריין נאָך איר — מיס ראַכלין רופט דיך.

העלען איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געוואָלט נעמען לויפן. ביטריס האָט זי אָפּגעשטעלט:

— וואַרט, קאָנסט נישט אַריין אַזוי. די קאָמיטע דאַרף דיך באַקוקן. — זי האָט איר גענומען פאַנאַנדערקעמען אירע לאָקן, אויסגלייכן די קנייטשן אויף איר קליידל. — דזשי, העלען, כ׳בין דיר מקנא. דענקסט מ׳וועט מיך אויך אַמאָל רופן?

העלען האָט זיך זייער פאַרשעמט און אַרויסגעלאָפן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מיס ראַכלין זאָל נישט חרטה האָבן.

— אָט איז העלען! — האָט מיס ראַכלין אויסגערופן, ווי זי וואָלט זיך מיט איר דערפרייט. — דאָס איז די העלען, וועגן וועמען איך האָב אייך דערציילט, מיר׳ן זי היינט מיטנעמען, אַיאָ, העלען, דו זעסט איצט איין, ווי אומגערעכט דו ביסט די גאַנצע צייט געווען?

— האָט זי איר פאַרזיכטיג געפרעגט.

העלען האָט אַ קוק געטאָן אויף די דריי פאַרפּוצטע פרויען אין די ווייכע שטולן, אויף מר. איסטאַנ׳ען ביים פענצטער און אַראָפּגעלאָזן די אויגן:

— יעס, מיס ראַכלין.

מיס ראַכלין האָט זיך אויפגעהויבן:

— אָט האָט איר פאַר זיך דעם בעסטןביישפּיל, וואָס אונזער „היים" טוט אויף! ווי אַזוי מיר ווירקן אויף שלעכט־דערצויגענע קינדער! אָט האָט איר העלענ׳ען. מיר האָבן גענומען אַ פאַר־

דאַרבן, איינגעשפּאַרט קינד, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו קיינעם, און איר געמאַכט פאַר אַ געהאַרכזאַם, שטיל קינד. מיר האָבן פון איר ניט מער קיין צרות. מיר קאָנען רואיג פאַר איר קריגן אַ היים, ווייל זי ווייס שוין וואָס ס׳האָט געמיינט צו פאַר־לירן איינע . . .האָט מיס ראַכלין מעכאַניש גערעדט, ווי זי וואָלט אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר.

די פרויען האָבן באַטראַכט העלען׳ען מיט גרויס נייגעריגקייט, ווי מ׳קוקט אויף אַ גרויס וואונדער. מר. איסטאָן האָט אַ הוסט געטאָן:

— מיר דאַכט זיך, לעידיס, אַז מיר דאַרפן שוין גיין. — האָט ער געזאָגט, אַ גלעט טוענדיג העלענ׳ען איבערן קעפּל.

אין דעם גרויסן, צוגעפּוצטן זאַל פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע, האָט העלען זיך צוגעשאַרט צו מר. איסטאָנ׳ען, אים פאַרזיכטיג אַ ציי געטאָן פאַרן רעקל, און זיך גענומען בעטן:

— פּליז, מר. איסטאָן, פּליז, דערציילט נישט אויף דער ראַדיאָ, אַז איך בין געווען שלעכט . . . אַז כ׳בין שוין איינמאָל אַנטלאָפן פון אַ „סטעפּ־מאַמע״, קיינער וועט מיך נישט וועלן . . .

— אָ! . . . — האָט מר. איסטאָן אַ זאָג געטאָן. ס׳איז אים פּלוצלינג קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס העלענ׳ס אויגן האָבן נישט דעם קינדערשן, זאָרגלאָזן גלאַנץ, ווי די אַנדערע קינדער. ער האָט אין פאַרלעגנהייט געדרייט דעם פּאַפּיר אין זיין האַנט און גערעדט צו איר, ווי מ׳רעדט צו אַ דערוואַקסענעם:

— זעסט, העלען, דעם פּאַפּיר? דאָס האָט מיר מיס ראַכלין געגעבן. דאָ שטייט פאַרשריבן אַלץ וואָס איך דאַרף רעדן וועגן דיר. פאַרשטייסט, קינד? אָבער נישט געזאָרגט זיך, — האָט ער צו איר אַ וואונק געטאָן מיטן אויג.

— יע, האָט העלען אַראָפּגעלאָזן איר קעפּל, — איך פאַרשטיי... מיס ראַכלין האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז זי וועט פאַר אַלעמען דער־ציילן ווי שלעכט איך בין געווען . . .

מר. איסטאָן איז צו צום מאַיקראָפאָן. ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ פריילעכן, לייכטן טאָן, זיך אַ וויצל געטאָן מיט דעם נישט־זעבאַרן עולם. דערנאָך האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אַ ווייכער, בעטנדיגער שטימע:

„אין דעם צווייטן צימער וואָרט צו רעדן צו אייך די זעקס־יאָריגע עליס. זי האָט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן. איר מאַמע איז געשטאָרבן. דער טאַטע איז ערגעץ־וואו פאַרלאָרן געוואָרן. דאָס קינד האָט געפונען ביי אונז אַ גוטע היים, פריינט, אָבער זי דאַרף האָבן אַ טאַטע־מאַמע . . . זי האָט געקראָגן אַ גוטע דער־ציאונג. איז קלוג און גוט אַנטוויקלט. וועלן זיך געפינען גוט־האַרציגע מענטשן, וועלכע וועלן געבן אָט דער זיסער מיידעלע אַ היים? אָט וועט עלעס צו אייך אַליין רעדן, — האָט ער אַ פריי־לעכער אָנגעזאָגט די צוהערער".

„האַלאָ" — האָט עליס'עס שטימעלע אַ ציטער געטאָן איבער דער לופט. אירע דערשראָקענע אויגעלעך האָבן געקוקט אויף מיס ראַכלינ'ען.

— דערצייל זיי וועגן דיין ליאַלקע, — האָט מיס ראַכלין זי דערמוטיגט.

עליס'עס פּנימ'ל האָט אויפגעלויכטן. זי האָט זיך צעשמייכלט:

„איך האָב נעכטן געקראָגן אַ נייע ליאַלקע . . . זייער אַ שיי־נע . . . כ'רוף זי „טוטשי" . . . אַז כ'וועל קריגן אַ „טאַטע־מאַמע", וועל איך זיי ווייזן מיין „טוטשי'ן" — האָט דאָס קינד געקוואַלן אין מאַיקראָפאָן אריין.

מיס ראַכלין האָט צופרידן געשמייכלט, זיך איבערגעוואונקען מיט מר. איסטנ'ען.

„מיר וועלן אייך איצט באַקאַנען מיט סעמ'ען. אָט שטייט ער דאָ לעבן מאַיקראָפאָן. ער איז אַ בחור'ל פון עלף יאָר. ער איז הויך און שטאַרק, ער איז קלוג, אַנטוויקלט און פייאיג אַרויסצו־העלפן, ווען נויטיג. ער קומט פון אַן אָרעמער, אָבער ערלעכער היים. זיין טאַטע־מאַמע זיינען געז'גט; דער טאַטע איז אַרבעטס־לאָז, די מאַמע קראַנק, נישט פייאיג צו געבן דעם אינגל אַ היים. ווער ס'וועט אים נעמען וועט געפינען אַ פריינט אין אים" האָט ער איסטאָן, זיך געבעטן, ווייל ער האָט געפילט, אַז דעם אינגל'ס גע־שיכטע וועט נישט רירן.

ער האָט אַ בלעטער געטאָן דעם דריטן פּאַפּיר. אויבן איז געשטאַנען אָנגעשריבן מיט רויט טינט „העלען". מר. איסטאָנ'ען

האָט זיך געדאַכט, אַז דורך די ווערטער קוקן דורך העלענ׳ס פאַר־נעפּלטע אויגעלעך. „דערצייל נישט אַז איך בין געווען שלעכט״ — בעטן זיי זיך ביי אים. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און פּלוצלינג אָנגעזאָגט אַלע צוהערער, אַז וועגן דריטן קינד וועט ריידן מיס ראַכלין, די פאַרוואַלטערין פון דעם בית־אל יתומים־הויז, אַליין. — „איך האָב דעם פאַרגעניגן פאָרצושטעלן פאַר אייך מיס ראַכלין״ — האָט ער העפלעך אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ.

מיס ראַכלין האָט פאַרוואונדערט אים אָנגעקוקט. ער ווייסט, אַז זי האָט שוין דאָס איריגע אָפּגעזאָגט. זי האָט געמאַכט דעם אַפּיל פאַר דער אינסטיטוציע. ער דאַרף רעדן וועגן די קינדער. זי האָט געזען ווי ער ווישט זיך דעם פּנים, ווי פאַרלאָרן ער מיידט אויס צו קוקן אויף איר. — ער האָט זיך מן־הסתם פאַרלאָרן, האָט זי אַ שמייכל געטאָן. זי איז מיט זיכערקייט צו צום מאַיקראָפאָן, גענומען רעדן מיט איר אַנגענעמער, קלינגענדיגער שטימע. זי האָט נישט געדאַרפט קוקן אין פּאַפּיר. זי האָט שוין געוואוסט וואָס זי דאַרף רעדן וועגן העלענ׳ען. זי איז געווען אונטער איר ספּעציעלער אויפזיכט. האָט זי גרינג געקאָנט דערציילן ווי שלעכט העלען איז געווען, וואָס די אָנגעשטעלטע אין דער בית־יתומים הויז האָבן זיך געדאַרפט אויסשטיין פון איר. — „און איצט״, האָט איר שטימע געקלונגען הויך און זיגעריש — „איצט איז דאָס קינד גוט ווי אַ מלאָכ׳ל . . . זי ווייס שוין, אַז ווען זי וועט איצט קריגן אַ טאַטע־מאַמע, אַ היים, וועט זי זיי טייער האַלטן . . . זאָל העלען אייך אַליין זאָגן, ווי זי פילט וועגן דעם. העלען! — האָט איר שטימע געקלונגען ווייך, פול מיט צערט־לעכקייט. — קום אַהער, מיין קינד, דערצייל אַלעמען, ווי דיר פאַרדריסט וואָס דו ביסט געווען אַזוי שלעכט! . . . ״

העלען האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף מיס ראַכלין, מיט געבעט אויף מר. איסטאָנ׳ען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

אין מיס ראַכלינ׳ס אויגן האָבן גענומען פינקלען בייזע פייער־לעך. זי האָט געוואונקען העלען זאָל צוגיין און איר שטימע האָט זיך געהערט צערטלעך, פּונקט ווי אַ מאַמע וואָלט גערופן איר קינד:

— קום אַהער, העלען, דאַרפסט זיך נישט שרעקן . . . מיר

אַלע וועלן דיר בעסער גלויבן אַז דו אַליין וועסט דערציילן, ווי גוט דו ביסט געוואָרן. ווילסט ניט זאָגן קיין „העלאָ״ צו אַלעמען ?

העלען האָט געקוקט אויפן רעדל אַנטקעגן איר. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז די „ראַדיאָ״; אַז דורך דעם קאָן מען הערן איר יעדן וואָרט, יעדן ריר. זי האָט זיך אַ ביס געטאָן די ליפּלעך און געזאָגט אַ שטילן, נישט זיכערן „העלאָ״. איר שטימע האָט ווי אַ פלאַטער געטאָן אין דער לופטן. זי האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, ווי זי וואָלט דערוואַרט אַן ענטפער און פּלוצלינג האָט זי גענומען רעדן שנעל, שלינגענדיג די ווערטער:

„כ׳בין געווען אַ שלעכטע מיידל . . . נישט געוואָלט פאָלגן . . . ווייל מיין מאַמע איז געשטאָרבן . . . איצט בין איך שוין זייער גוט ! . . . פּליז, — האָט דאָס קינד גענומען כליפּן, — כ׳וויל אַן אַנדער טאַטע־מאַמע. כ׳וועל זיין צו זיי גוט . . . כ׳וועל זיי ליב האָבן . . . פּליז, גלויבט מיר ! ״ — האָט העלען געוויינט.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס העלען איז געווען אין דער בית־אל יתומים־הויז האָט מיס ראַכלין איר געזען דעם ערשטן מאָל וויינען. דאָס איז געווען פאַר איר אַ באַווייז, אַז העלען איז באמת געוואָרן בעסער. האָט זי ארומגענומען העלענ׳ען און מיט אַ רירנדיגער שטימע אָנגעזאָגט די צוהערער, אַז העלען וויינט, קאָן זי איצט מער נישט רעדן. נאָר די צוהערער קאָנען שוין אַליין אורטיילן וואָס פאַר אַ פיין קינד העלען איז איצט.

מר. איסטאָן האָט אַן אומעטיגער פאַרענדיגט דעם פּראָגראַם:

„וועלן זיך געפינען אַ „טאַטע־מאַמע״ פאַר אָט דער קלוגער, ליידנדער מיידעלע ?״

אַ „שידוך"

חדשים האָב איך אַזוי געלעבט ; אויפגעשטאַנען באַגינען, זיך געאײַלט מיטן אָנטאָן, געלאָפן מיט אימפעט פון די טרעפּ, זיך געשטופּט מיט אַלעמען אין סאָבוויי אַרײַן, פּונקט ווי כ'וואָלט גע־דאַרפט ערגעץ נויטיג, אַרויס פון סאָבוויי אַרום די דרייסיגער גאַסן און אָנהויבן דעם טאָג מיט זוכן אַרבעט.

איך בין שוין אין אַזוי פיל פלעצער געווען, אַז די אַלע שע־פּער, די אַלע געשעפטן און אָפיסעס מישן זיך מיר אויס און כ'געדענק ניט וואו כ'בין שוין יע געווען, און וואו ניט. סיי ווי הער איך אומעטום דעם זעלבן ענטפער :

— אַ חודש שפּעטער.

— ניט גענוג דערפאַרן.

איך האָב געמעגט שוין בלײַבן זיצן אַהיים, אין מײַן צימערל אויף דער צווייטער עוועניו, ווײַל איך ווייס שוין ניט מער וואו צו גיין און ביי וועמען צו בעטן אַרבעט. אין מײַן אייגענער שטאָט, אין דער מיטל־וועסט, האָב איך געאַרבעט אין אַן אָפיס. געקאָנט אַזוי פלינק קלאַפּן אויף דעם שרייב־מאַשינקע. דאָ, גיט מען מיר ניט קיין געלעגנהייט צו ווייזן וואָס איך קאָן, ווײַל כ'האָב ניט קיין רעקאָמענדאַציעס.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט מען מיר געהייסן זיך זעצן ביי אַ מאַשין, נייען קינדערשע הייזלעך. ס'איז געווען אין אַ קליינעם שאַפּ, ערגעץ אין ברוקלין. איך האָב געזאָגט, אַז כ'האָב דערפאַרונג, האָב איך זיך אָנגעמאַטערט ביי דעם גרויסן מאַשין עטלעכע שעה, ביז מ'האָט מיר געהייסן גיין. דער פאָרמאַן האָט מיר נאָך אַרויסגעבאַגלייט ביזן טיר און געפרעגט צי כ'האָב וואָן געקאָנט נייען קליידלעך פאַר מײַן ליאַלקע . . .

איך מוז אָבער פאַרט אַוועק אַלע טאָג פון מײַן צימערל. אַ ניט וועט מרס. גרינפעלד, די באַלעבאָסטע ביי וועמען איך וואוין,

מיינען, אַז כ׳בין שוין געבליבן זיצן אַהיים, ווייל זי בעט מיר ניט קיין דירה־געלט.

דעם איינציגן טאָג וואָס איך קאָן רואיג בלייבן, איז שבת. שבת וועט זי וועגן קיין געלט ניט רעדן. פאַרקערט, זי איז זייער צופרידן וואָס איך רו דעם טאָג. זי טראָגט מיר נאָך אַמאָל אַריין פרוכט, איז מיר מכבד מיט שבת׳דיגן טיי וואָס שמעקט מיט רויך.

דורך דער וואָך פירט זי גאַנצע חשבונות מיט מיר. ס׳איז ביי איר פאַרשריבן אין אַ ביכעלע, אויף איין זייט בלעטל, פאַר וויפיל חדשים דירה־געלט איך קום איר, אויף דער צווייטער, וויפיל קוואָדערס און צען־סענטיגע איך האָב ביי איר אָנגעליען.

ביז ס׳איז איר מיאוס געוואָרן צו פירן חשבונות. זי האָט מיר אין אַן אָוונט אָפּגעוואַרט ביים טיר, מיר אַריינגערופן צו זיך אין קיך אַריין. איר פּנים האָט איר געפלאַמט. כ׳בין זיכער, אַז פון פאַרלעגנהייט, ווייל בטבע איז זי אַ גוטע פרוי, זי האָט אויף מיר רחמנות און איז מיך מקרב ווי איך וואָלט געווען אירע אַ קרובה. איך גלויב, אַז זי האָט געוואָלט מיר בעטן איך זאָל איר אָפּליידיגן דעם צימערל, אָדער געבן עפּעס אויפן חוב, ווייל איך האָב געהערט ווי איר מאַן, מר. גרינפעלד, האָט גע׳טענה׳ט מיר איר אַז זיי וואָלטן געקאָנט קריגן גאָלד פאַר אַזאַ צימערל. דער מרס. גרינפעלד איז אָבער שווער צו רעדן מיט מיר, ווייל זי ווייס, אַז איך האָב ניט קיין סענט. איך האָב געמאַכט אַ טרויעריגע מינע, זיך אָפּגעזיפצט און געהאָפט, אַז מיין באַלעבאָסטע וועט ווערן גערירט, וועל איך בלייבן דאָ כאָטש נאָך אַ פּאָר טעג. אין אַ פּאָר טעג קאָן אַ סך זאַכן געשען.

מיין באַלעבאָסטע האָט מיר געפרעגט:

— האָסט גאָרניט קיין טאַטע־מאַמע צו וועמען אַהיים צו פאָרן?

איך האָב זיך אפילו ניט פאַרקרימט ווען כ׳האָב איר געענט־פערט מיט אַ רחמנות שטימע:

— איך האָב ניט קיין טאַטע־מאַמע . . . איך האָב קיינעם ניט . . .

פאַרשטייט זיך, ווען מיין טאַטע־מאַמע זאָלן וויסן, אַז איך פאַרלייקן זיי, וואָלטן זיי עס זייער ניט געוואָלט ליידן. מיין פרומע

מאַמע וואָלט מיט שרעק דריי מאָל אויסגעשפּיגן. מיין טאַטע, דער קלוגער, דער וואוילקענער, וואָלט טרויעריג געשמייכלט:

אַלץ כדאי, האַ? אַלץ צוליב דעם זיין אין ניו־יאָרק?

איך האָב אָבער געמוזט אָנהאַלטן מיין באַלעבאָסטעס רחמנות צו מיר. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט פייכטע אויגן!

— ניט דאָ געדאַכט... ס׳איז נעבעך טאַקע אַ רחמנות אויף דיר... אַזאַ מיידל ווי דו וואָלסט געדאַפט כאַטש חתונה האָבן, קריגן אַ מאַן...

איך האָב געטראַכט: רעד וואָס דו ווילסט, אַבי בעט ניט קיין געלט. האָב איך אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— ווען איך האָב אַ בחור וואָלט איך אפשר חתונה געהאַט. איך קאָן דאָ קיינעם ניט. דערצו בין איך אַזוי אָרעם...

מרס. גרינפעלד איז געבליבן זיצן מיט צענומענע הענט, איר ברייטער פּנים איז געוואָרן פאַרזאָרגט. איך האָב איר געקוקט אין מויל אַריין:

וועט זי בעטן דירה־געלט אָדער ניט?

דער אָווענט איז אַריבער בשלום. טאַקע ווי איך האָב גע־רעכנט. אי איך בין אַ קיילעכדיגע יתומה, אי איך קאָן ניט קריגן אַ חתן, האָט מרס. גרינפעלד זיך אויסגעקנאַקט די פינגער, אָפּגעקרעכצט און געשוויגן. זי האָט מיר גאָר אָנגעטרונקען מיט טיי און מכבד געווען מיט אייגענע געבאַקענע קיכעלעך. די קי־כעלעך זיינען געווען זייער געשמאַק. ווען מיין באַלעבאָסטע איז אַוועק צום אויוון נעמען נאָך אַ גלאָז טיי, האָב איך עטלעכע אַריינ־געדרוקט אין קעשענע און שפּעטער זיי געקייט ביי זיך אין צימערל.

אַ וואָך צייט האָב איך מרס. גרינפעלד׳ן ניט געזען. כ׳האָב זיך אָבער געריכט זי זאָל מיר הייסן גיין. מיינע פּאָר קליידלעך זיינען געלעגן פאַרפּאַקט, טאָמער וואָס, נעם איך מיין פּעקל און טראָג זיך אָפּ. וואוהין? וועגן דעם האָב איך ניט געוואָלט טראַכטן.

אויף דער צווייטער וואָך איז מרס. גרינפעלד פּלוצלונג אַריינ־געקומען נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט אַוועקצוגיין. זי האָט אויסגעקוקט זייער פריילעך. געקוקט אויף מיר מיט אַ כיטרען,

זיסן שמייכעלע. איך האָב מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. אַ וואָרט צו פרעגן. זי האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— וועסט היינט עסן ביי מיר סאַפּער!

איך בין געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל.

מרס. גרינפעלד האָט געקוואָלן. איר צעפלאַמט פּנים האָט געשיינט:

— יע, וועסט זיין מיין גאַסט. האָסט עפּעס אַ שיין קליידל? פּוץ זיך אויס . . . כ׳וועל האָבן נאָך אַ גאַסט . . . מיינער אַ באַקאַנטער . . .

איך האָב זיך צולאַכט. אַ כאַפּ געטאָן אירע הענט:

— מרס. גרינפעלד, איר ווילט מיר רעדן אַ שידוך? עפּעס אַ שיינער בחור? ווי קוקט ער אויס?

מרס. גרינפעלד האָט זיך געבייזערט:

— ביסט דאָך עפּעס גאָר ווי אַ יונגע ציג! זע נאָר ווי דאָס האָט זיך דערפרייט מיט אַ חתן! דו ווילסט טאַקע אַפּנים חתונה האָבן? . . . אָלרייט. וועסט אים שוין אַליין אָנקוקן. זי האָט מיר באַטראַכט: — ביסט נעבעך אויסגעדאַרט. אַזוי ביסטו נישקשה, ניט קיין מיאוס׳ע, נאָר אַביסל צו דאַר . . . נאָר, זאָרג זיך ניט, וועסט אים שוין געפעלן . . . ער איז אַ וואוילער בחור, אַ פאַר־דינער.

איך האָב אַזוי געלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן. ס׳איז מיר געפעלן דער גאַנצער עסק. ערשטנס, וועל איך עסן אַ גוטן סאַפּער; צווייטנס, איז מיר טאַקע געווען טשי־קאַווע אָנצוקוקן דעם בחור וואָס מיין באַלעבאָסטע וועט ברענגען צופירן. ער מוז זיין אַ וואַזשנער יאַלד זיך צו לאָזן רעדן אַ שידוך!

איך האָב יענעם טאָג ניט געדאַרפט אַוועק פון מיין צימערל. איך האָב געוואוסט אַז מיין באַלעבאָסטע וועט מיר לאָזן צורו. איך בין געלעגן אַ גאַנצן טאָג צעלייגט אויף מיין בעטל ווי אַ פּריצטע, זיך געערוט מיינע אָנגעווייטיגטע פיס און גע׳חלומ׳ט וועגן דעם גע־שמאַקן סאַפּער וואָס איך וועל עסן. וועגן דעם בחור האָב איך אינ־גאַנצן פאַרגעסן. ערשט פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב דערהערט דאָס גלעקל קלינגען און מיין באַלעבאָסטעס צופרידענע שטימע:

— קום אַריין, קום אַריין, הערי.

איז מיר דאָס האַרץ איינגעפאַלן. איך האָב זיך פלוצלונג דערפילט זייער נאַריש:

— כ׳וועל ניט אַרויס! האָב איך גלייך באַשלאָסן. כ׳וועל זיך פאַרשליסן אין מיין צימערל און ניט ענטפערן.

פון קיך האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון גאָפּל־מעסער. דאָס פריילעך רעדן פון מיין באַלעבאָסטע און אַן איינגעהאַלטן מענער־שטימע. איך בין געוואָרן גוואַלטיג נייגעריג. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט זייער אָנקוקן דעם בחור. איז ער אַ יונגער? אַ שיינער? זיכער ניט. אַזאַ איינער וואָלט ניט געדאַרפט וואַרטן אויף אַ שדכנ׳טע. אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך מיר געוואָלט כאָטש איין קוק טאָן אויף אים. אַחוץ דעם, האָט פון קיך גע־שמעקט מיט געבראָטן פלייש. ס׳איז דאָרט געווען זייער ליכטיק. מרס. גרינפעלד האָט מסתמא לכבוד דעם חתן אַריינגעדרייט אַ גרויסן לעמפּל. איך בין אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין:

— וואָס האָב איך זיך דערשראָקן? איך דאַרף דאָך ניט גיין צו דער חופּה; . . . איך וועל דאָך סיי־ווי אים מער ניט זען. דער־ווײַלע וועט אפשר מרס. גרינפעלד פאַרגעסן, אַז כ׳קום איר געלט . . .

איך האָב זיך גענומען איילן. אויף שנעל אָנגעטאָן מיינע שיך, אַן אַנדער קליידל האָב איך ניט געוואָלט אָנטאָן. איך האָב אים ניט געוואָלט געפעלן! נאָר פונדעסטוועגן האָב איך זיך באַ־טראַכט אין שפּיגעלע אויפן וואַנט, זיך צוגעקעמט די האָר און זיך געלאָזט גיין צום קיך. מרס. גרינפעלד איז מיר געקומען אַנטקעגן. זי איז געווען פאַרפּוצט ווי אַן אמת׳ע מחותנת׳טע. זי האָט אפילו אָנגעטאָן אירע יום־טוב׳דיגע קרעלן. זי האָט געמאַכט צו מיר מיטן האַנט, איך זאָל מסתמא אַזוי ניט פליען. איך בין אַריין אין קיך. אויבן־אָן ביים טיש איז ער געזעסן דער חתן מיינער. ער האָט האַסטיג זיך אַ שטעל געטאָן, זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. איך האָב מסתמא געשמייכלט, ווייל ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און אויך גענומען שמייכלען. ווייזט אויס, אַז ער איז געוואָרן היבש צעטומלט. ער האָט זיך געזעצט און גלייך זיך צוריק געשטעלט, מיר דערלאַנגט זיין האַנט. זיינע פינגער זיינען געווען קאַלט ווי ביי אַ מת.

מרס. גרינפעלד האָט אונז געזעצט איינער אַנטקעגן אַנדערן,

מיר זאָלן זיך קאָנען אָנקוקן. זי האָט אונז אונטערגערוקט זופּ, זיך געפּאָרעט אַרום אונז ווי מיר וואָלטן געווען אירע טייערסטע געסט.

— עסט, עסט, קינדער. מיין מאַן וועט אַזוי שנעל ניט קומען. מיר׳ן ניט וואַרטן אויף אים, ער׳ט געדאַרפט ערגעץ אַוועק, האָט זי צו מיר געוואונקען. דאָס האָט זי מיר געגעבן אָנ־צוהערן, אַז זי האָט אים בכיון אַוועקגעשיקט.

אין קיך איז געוואָרן מחיה׳דיג וואַרעם. דער געשמאַקער זופּ האָט זיך מיר צעגאָסן אין אַלע גלידער. ס׳איז גוט געווען צו עסן אַ הייסן זופּ אין אַ נאָווינע!

ווען מרס. גרינפעלד האָט געבראַכט צום טיש אַ גרויסן טעַ־לער געבראָטן פליש, בין איך געוואָרן גאָר פריילעך. כ׳האָב שוין אָן צערעמאָניעס באַטראַכט מיין חתן. ער איז געווען אַ הויך־כער, אַדאַרער, דאָס פּנים לענגלעך, אָבער אויגן האָט ער געהאַט שיינע. עפּעס אַזוינע גרינלעכע אויגן. אַזוינע אויגן וואָלטן גע־דאַרפט לאַכן, לעצעווען, אָבער דער חתן מיינער האָט גאָרניט געלאַכט. ער האָט אפילו ווייניג געשמייכלט. בלויז קוים, קוים געריךט מיט די ליפּן. צום עסן האָט ער זיך קוים צוגערירט, ניט ווי איך. איך האָב אַזוי אַלץ געשלונגען, אַז כ׳בין זיכער מיין באַלעבאָסטע האָט זיך געמוזט שעמען מיט מיר.

פונדעסטוועגן האָט ער מיר אויך גאַנץ גוט באַטראַכט. איך האָב זייער געוואָלט אים פרעגן ווי איך געפעל אים, האָב איך מורא געהאַט פאַר מיין באַלעבאָסטע. איך דענק, אַז ס׳געפעלט איר אַפילו ניט, וואָס כ׳בין אַזוי פריילעך, וואָס איך קוק אַזויפיל אויפן חתן, אַ כלה מסתמא פירט זיך אַנדערש.

אַז איך האָב זיך גוט אָנגעגעסן, האָב איך ניט געהאַט מער וואָס צו טאָן ביים טיש. ניט געוואוסט מער וואָס צו רעדן מיטן בחור. ער אַליין איז געווען אַ שעמעוודיגער און ווי עס ווייזט אויס זיך געפילט ניט זייער באַקוועם. איך בין זיכער, אַז ער האָט זיך געוואונטשן שוין צו זיין אויף יענער זייט טיר.

דער סוף איז געווען, ווען מיין חתן האָט זיך אויפגעשטעלט צו גיין אַהיים, האָט מרס. גרינפעלד נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואו מיר האַלטן, צו מיר געפעלן זיך. זי איז געזעסן ווי אויף הייסע

קוילן, געקוקט אויף אונז ביידן און זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט געפרעגט:

— נו, נו, וואָס זאָגט איר? איר'ט זיך מסתמא זען אַ צווייטן מאָל? ניין?

איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט:

— אודאי! איר ווילט מיר זאָלן מאָרגן אויך טרעפן זיך דאָ?

מיין חתן־בחור איז נעבעך רויט געוואָרן. מיין באַלעבאָסטע אָבער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין, זי האָט צופרידן גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. אַז זי האָט זיך געכאַפּט וואָס כ'בין אויסן, האָט זי אַביסל צעטומלט, מיט חשד אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי איינער זאָגט: ביסט דאָך שוין אינגאַנצן משוגע. פונדעסטוועגן האָ זי געזאָגט:

— ס'וועט טאַקע זיין בעסער איר זאָלט זיך טרעפן דאָ. וועסט קומען פאַר סאַפּער, הערי.

איך בין געשטאַנען הינטער איר פּלייצע, האָב איך צו אים אַ וואונק געטאָן ער זאָל זאָגן יע. איך האָב זיך באמת געדאַרפט שעמען צו טאָן אַזאַ זאַך. כ'וויס ניט וואָס ס'האָט מיר געטריבן אַזוי צו האַנדלען; דער אויסקוק אויף אַ סאַפּער אָדער סתם זיך אַ שפּיל טאָן, סיי ווי. ווען מרס. גרינפעלד האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, האָט ער צוריקגעוואונקען אויף ניט. אידערהויך האָט ער געזאָגט:

איך גלויב, אַז מאָרגן וואָלטן מיר געדאַרפט עסן אין אַ רעס־טאָראַן.

הייסט עס, אַז ער איז גאָרניט אַזאַ נאַר! כ'וואָלט גאָרניט געגלויבט, אַז ער קאָן זיך איבערוווינקען. כ'האָב אָבער גלייך באַ־שלאָסן, אַז אַזוי ווייט וועל איך ניט גיין. עסן ביי מיין באַלעבאָסטע האָט מיר ניט געאַרט. זיי זיינען צוויי מענטשן און קאָכן קאָכט זי ווי פאַר אַ גרויסע פאַמיליע, אָבער גיין עסן מיטן בחור, ער זאָל פאַר מיר צאָלן, האָב איך ניט געוואָלט. כ'וועל אים בלויז דערקלערן, אַז איך האָב געשפּאַסט וועגן חתונה האָבן.

דער חתן מיינער, הערי, האָט מיר דערלאַנגט די האַנט:

— זעען מיר זיך מאָרגן? ווילט איר מיר טרעפן אויף דער 14טער גאַס אָדער איך זאָל קומען נאָך אייך?

כ'ווייס ניט צי זיין שמייכל איז מיר געפעלן אָדער דעם אופן ווי ער האָט עס געזאָגט. איך האָב געענטפערט:

— אויף דער 14טער גאַס.

ווען כ'האָב זיך געלייגט אין בעט, האָב איך ניט געקאָנט איינשלאָפן. כ'האָב זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן ביז מאָרגן צו דערקלערן דעם בחור, אַז כ'מיין ניט קיין שידוך. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז כ'וועל אים פרעגן צו איך געפעל אים.

אויף מאָרגן בין איך אַרויס פון מיין צימערל זייער פרי. כ'האָב געוואָלט אויסמיידן מיין באַלעבאָסטע, איך זאָל איר ניט דאַרפן זאָגן ווי דער בחור געפעלט מיר. אַ גאַנצן טאָג האָב איך ווי געווייינטלעך געזוכט אַרבעט, געגעסן אַ סענדוויטש און געקוקט אין פענצטער פון די גרויסאַרטיגע געשעפטן. אַרום 6 אַזייגער בין איך אַוועק צו דעם באַשטימטן פלאַץ אויף 14טע גאַס.

מיין בחור האָט שוין דאָרט געוואַרט אויף מיר. כ'האָב אים קוים דערקאָנט. ערשט היינט איז ער געווען פאַרפּוצט ווי אַ חתן־בחור. ער האָט זיך היימיש באַגריסט.

איך האָב גלייך אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל מיט אייך עפּעס רעדן.

ער האָט געשמייכלט:

— אפשר גייען מיר פריער אַריין אין רעסטאָראַן? דאָרט וועט זיין באַקוועמער צו רעדן . . .

כ'האָב זיך געהיט ניט צו באַשטעלן קיין סך עסן, כאָטש כ'בין געווען גוט הונגעריג. כ'האָב עפּעס ניט געקאָנט אָנפאַנגען עסן. כ'האָב גלייך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז אייער נאָמען?

— הערי.

— כ'מיין אייער פאַמיליע נאָמען.

ער האָט געשמייכלט.

— הערי.

ס'האָט מיר גענומען פאַדריסן אויפן בחור.

— זאָל זיין אַזוי. הערט זיך איין, הערי, כ'וויל איר זאָלט

מיר אַנטשולדיגן. כ'זוך ניט קיין חתן און איך טראַכט ניט וועגן חתונה האָבן, ס'איז נאָר געוועזן ביי מיר אַ שפּאַס . . . אַחוץ דעם, האָב איך געוואָלט צופרידן שטעלן מרס. גרינפעלד . . .

כ'האָב געפילט אַז איך ווער רויט. וואָס נאָך האָב איך געקאָנט זאָגן?

מיין חתן האָט רואיג געטרונקען זיין קאַווע. זיינע אויגן האָבן געלאַכט צו מיר:

— כ'האָב עס נעכטן ביינאַכט געוואוסט . . . איך האָב געזען ווי איר האָט זיך געפרייט; אַט אַ יאָלד, אַ בחור! לאָזט זיך פירן פון אַ שדכנ'טע! . . .

כ'בין געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגענאַרטע:

— אַזוי גאָר? טאָ וואָס האָב איך נעכטן אַזוי געקוואָלן? געמיינט איך נאַר אָפּ אַ בחור? . . . איך האָב מיט פאַרדרוס געפרעגט:

— טו וואָס זייט איר דאָרט געזעסן? אודאי זייט איר געקומען אָנקוקן אַ כלה . . .

ער האָט מיט הנאָה געלאַכט:

— איך בין געוועזן טשיקאַווע אָנצוקוקן אַ מיידל וואָס לאָזט זיך רעדן אַ שידוך . . . און אייער באַלעבאָסטע איז מיין לאַנדס־פרוי, האָב איך איר געוואָלט צופרידנשטעלן, אַט פונקט ווי איר . . .

איך האָב געפילט דעם חוזק. אין זיינע גרינע אויגן האָבן אַרומגעטאַנצט טייוואָלעמלעך. איך בין געוואָרן גוט אין כעס:

— זייט איר אויך געוועזן אַזוי הונגעריג ווי איך? אייגנטלעך דאַרף איך אייך דאַנקען, צוליב אייך האָב איך נעכטן געגעסן . . . איך האָב אַ לאַך געטאָן: — הייבט אויך . . .

הערי האָט אויפגעהערט צו לאַכן. ער האָט שטיל געזאָגט:

— איך האָב דאָס אויך באַמערקט. כ'האָב געזען ווי איר האָט געגעסן . . .

איך האָב זיך אויפגעהויבן צו גיין. מיין עסן האָב איך כמעט ניט אָנגערירט. ער האָט באַצאָלט און מיר זיינען אַרויס. מיר זיינען געבליבן שטיין אינמיטן טראָטואַר.

הערי האָט געזאָגט קוקנדיג אויף זיין סיגאַרעטל:

— אין אַ גרויסער שטאָט פּאַסירט אַזוינע זאַכן. ס'קאָן אַ

בחור אויך ווערן אומעטיג אין אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק. ווייסט איר דערפון? כ׳האָב זיך טאַקע געלאָזט איינרעדן פון מרס. גרינפעלד, געקומען אייך זען. דאָס איז דער אמת. ס׳האָט זיך גע־וואָלט באַקאָנען מיט אַ מיידל. איז דאָס אַן עולה? האָט ער צו מיר געשמייכלט.

איך בין געוואָרן נייגעריג:

— איר האָט דאָ ניט קיין אַנדערע באַקאַנטע מיידלעך?

— יע. איך האָב דאָך אָבער אייך ניט געקאָנט.

ס׳איז מיר געווען אנגענעם אָט אַזוי זיך דורכצושמועסן מיט אים. איך האָב זיך פלוצלינג דערמאָנט:

— ווי אַזוי געפעל איך אייך? איר האָט דאָך מיר נעכטן נישקשה באַטראַכט.

ער האָט געקוקט אויף מיר:

— איר געפעלט מיר שוין גאָר! כ׳בין זיך מודה, אַז כ׳בין איבערראַשט געוואָרן ווי יונג איר זייט. מרס. גרינפעלד האָט מיר אַפילו פאַרזיכערט, אַז איר זייט יונג און ניט קיין מיאוס׳ע. איך האָב אָבער דערוואַרט צו טרעפן אַן אויסגעאַרבעטע, עלטערע מיידל, אַזאַ וואָס לאָזט זיך שוין פירן פון אַ שדכן . . . איר זייט געווען שטיפעריש, איר׳ט זיך גאָרניט אויפגעפירט ווי אַ כלה . . .

— דערפאַר האָט איר זיך אויפגעפירט ווי אַן אמת׳ער חתן, האָב איך געלאַכט. איר האָט דאָך אפילו ניט געשמייכלט!

— ווייל איך האָב געוואוסט, אַז היינט וועל איך ווערן אויס חתן . . . האָט ער צוריק געשפּאַסט.

מיר האָבן גענומען שפּאַצירן אויף 14טער גאַס, צו דער פינפטער עוועניו. אַ סך מענטשן האָבן זיך געשטופּט הין און צוריק. פון די אַלע עלעקטרישע לאָמפּן איז געווען ליכטיג ווי אינמיטן טאָג, כאָטש דער הימל איז געווען שוואַרץ און ס׳האָט אויסגעקוקט ווי אויף אַ רעגן. הערי האָט זיך פלוצלינג אָפּגערופן:

— און וואָס איז מכח אייער טאַטע־מאַמע? איר זייט טאַקע אַ יתומה?

איך האָב געמוזט לאַכן:

— מיין טאַטע־מאַמע וועלן מיר מוחל זיין, פונקט ווי זיי זיינען מיר מוחל מיין זיין דאָ. מיין ניט וועלן אַהיים פאָרן.

ער האָט פֿאַרזיכטיג געזאָגט:

— כ'וואָלט אייך געוואָלט העלפֿן, ווען איר לאָזט זיך נאָר רעדן.

איך האָב געשוויגן. כ'האָב געוואָלט פּרובירן טרעפֿן אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן ער וויל מיר העלפֿן. קיין געלט וואָלט איך ביי אים ניט גענומען. חתונה האָבן מיט אים, וויל איך אויך ניט כאָטש ער איז מיר געפֿעלן. כ'האָב זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן:

— אויב איר ווילט מיר העלפֿן, קאָנט איר אפשר זאָגן דער מרס. גרינפֿעלד, אַז ס'האַלט ביי אונז ביי אַ שידוך? וועט זי דערווײַלע ניט בעטן קיין דירה־געלט . . . בלויז ביז איך וועל קריגן אַרבעט. כ'בין זיכער, אַז כ'וועל גאָר אינגיכן נעמען אַר־בעטן . . . מ'האָט מיר צוגעזאָגט . . .

הערי'ן איז עס זייער געפֿעלן. ער האָט גאָר אָנגעקוואָלן. זיינע גרינע אויגן האָבן געשיינט:

— אויב איר וועט מיר וועלן זען אַלע טאָג! כ'וועל דאַרפֿן קומען אַמאָל צו אייך אויך, — האָט ער כיטרע אַ שמייכל געטאָן, — אַניט וועט מרס. גרינפֿעלד ניט גלויבן . . .

איך האָב געלאַכט; דער בחור איז גאָר ניט קיין נאַר. ס'וועט זיין גאָר ניט אַזוי שלעכט, אַז ער וועט אַמאָל אַריבערקומען. איך האָב אים אָבער געוואָרנט:

— געדענקט, איך זאָג אייך אָבער ניט צו חתונה צו האָבן מיט אייך!

שאָטנס אויף ווייסע בעטן

אין אַ שבת פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט טיף־טיף און אירע שטראַלן האָבן זיך בלויז אָפּגעשפּיגלט אויף די עטלעכע וואָלקנס אַרום, האָט איין שמאָלע פּאַסמע ליכט זיך צעלייגט אויף אַ ברייטן שפּיטאָל־פּענצטער, אַריינגעשיינט אין דעם גרויסן, טונקל־געוואָרענעם שפּיטאָל־צימער, און געוואָרפן אַ גאָלדענעם פּאַס אויף אַ בלייך, אויסגעצערט פּנים.

אַרום די אַנדערע בעטן איז געווען בין־השמשות׳דיק טונקל. בלויז אין דער פאָדערשטער אָפּטיילונג, וואו די ערנסטערע קראַנקע ליגן, האָט געברענט אַ מאַטער לאָמפּ, געשפּרייט אַ גסיסה׳דיקע ליכטיקייט אַרום די בעטן. אַ נוירס איז אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט, זיך געהיט נישט צו שטערן די פאַרנאַכטיקע שטילקייט פון די פּאַציענטן.

די קראַנקע פרויען, וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג צווישן זיך גערעדט, זיך דערציילט מעשיות, זיינען אין דער פאַרנאַכטיקער שעה געלעגן אויסגעצויגענע, שטילע, אויסגעשעפּטע פון אַלע רייד. יעדע איינע איז געווען פאַרנומען מיט זיך, האָט זיך אָפּגעצאַמט פון די אַנדערע, געטראַכט וועגן דער היים, וואָס זיי האָבן געמוזט איבערלאָזן. זיי האָבן געטראַכט, וואָס ס׳טוען איצט די קינדער אין אַ שבת פאַרנאַכט, אָן אַ מאַמען.

איבער יעדער בעט איז דעריבער געהאַנגען אַ שווערער, ווייטאָגדיקער אומעט. מער נישט, ביי איין בעט האָט זיך גערודערט. די קליינע מרס. פּיט איז צוריק אַרויסגעקראָכן פון בעט. זי איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק. איר ווייסער שפּיטאָל־כאַלאַט האָט זיך געווייסט אין דער טונקלקייט ווי אַ געשפּענסט. אירע גרויסע שפּיטאָל־שיכלעך האָבן אומהיימלעך אָפּגעקלאַפּט אין דעם שטילן צימער.

די אַלטע מרס. שערוואוד האָט מיטביידע הענט געהאַלטן אַ

שנירל שוואַרצע פּאַטשערקעס מיט אַ צוגעבונדן צלמ'ל. זי האָט געציילט יעדע פּאַטשערקע באַזונדער און געזאָגט אַ תּפילה, שטיל, פאַר זיך — איר זאָל אַזוי ניט וויי־טאָן אין בויך, זי זאָל האָבן אַ רואיגע נאַכט. אין דער זעלבער צייט האָט זי שוין אויף תּפילה־געטאָן פאַר איר אינגערער טאָכטער, וואָס דאַרף זיצן אין אַן אינוואַליד־שטול, פאַר איר עלטערער טאָכטער, וואָס קאָן נישט חתונה האָבן, ווייל זי דאַרף אַכטונג־געבן אויף דער הילפלאָזער, פּאַראַליזירטער שוועסטער, און דערפאַר ווערט זי אַזוי איינגעדאַרט, מיט בלויע אָדערלעך אויפן האַלז.

„זי איז אַזאַ וואוילע די טאָכטער", האָט די אַלטע געטראַכט, ציענדיג די פּאַטשערקעס. „אַזאַ בריה וואָלט געקאָנט פירן אַ הויז, האָבן אַ מאַן מיט קינדער. דאַרף זי זיצן גאַנצע טעג מיט דער קראַנקער שוועסטער. ס'איז אַן עולה, אַ גרויסע עולה", האָט זי צו דעם צלמ'ל געהאַט טענות. אָבער אינמיטן דערינען האָט זי דערזען מרס. פּיט. זי האָט פאַרגעסן אָן דער תּפילה, זיך אַ דריי געטאָן צו דער מרס. פּיין, אין דער שכנ'ישער בעט און אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַ בייזער פרייד:

— זי קריכט שוין ווייטער אַרום . . .

די מרס. פּיין האָט גאָר געטראַכט וועגן דעם, אַז זי דאַרף זיך פריער אויסהיילן פון דער צוקער־קראַנקייט, און ערשט דאַן וועט מען איר קאָנען אָפּערירן. וועט זי דאַרפן ליגן דאָ, אין שפּיטאָל, אַזוי לאַנג. דער מאַן אירער, וואָס פלעגט לאַכן פון איר, ווען זי איז נאָך געווען געזונט, אַז זי ווערט צו פעט, וועט איצט אינגאַנצן פון איר פאַרפרעמדט ווערן. אַז ער קומט איר זען אין שפּיטאָל, קאָן ער זיך קוים דערוואַרטן, די שעה זאָל אַריבער. ער וועט שוין אפשר אינגאַנצן אויפהערן צו קומען . . . אָבער אַז זי האָט דערהערט וועגן דער מרס. פּיט, האָט זי זיך מיט אינפּעט אויפגעזעצט, מיט נקמה נאָכגעקוקט דעם ווייסן כאַלאַט.

דער גאַנצער צימער האָט שוין געוואוסט, אַז די מרס. פּיט וואָלט געקאָנט גיין אַהיים, נאָר איר מאַן קומט איר נישט אָפּנעמען; אַז אומזיסט האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג געשמירט דעם דאַרן, קנאָכיגן פּנים מיט רויטע פאַרב, זיך געדרייט לעקעלעך פון די שיטערע האָר. דער מאַן איז נישט געקומען.

— מסתמא האָט זי גאָרנישט קיין מאַן — האָבן די פרויען צווישן זיך גערעדט. — איצט קריכט זי שוין ווייטער אַרום. אפשר האָפט זי נאָך, אַז אימיצער וועט אַזוי שפּעט קומען נאָך איר?

מרס. פיין האָט אַ רוף־געטאָן צו דער צווייטער בעט:

— העי! זי וואַרט נאָך! . . .

די שטילקייט האָט געפּלאַצט. די פרויען האָבן זיך אַרויס־געריסן פון זייערע טרויעריגע טראַכטענישן, זיך צוריקגעקערט צום שפּיטאָל־לעבן, צוריק געוואָרן באַרעדעוודיג. אַז מ׳האָט אָנ־געצונדן די עלעקטריק, זיינען אַלע צוועלף בעטן ווי אַרויסגעשוואו־מען פון זייערע באַהעלטענישן. דאַן איז מרס. פּיט צוריק אַריינגע־קראָכן אין בעט. זיך באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע. בלויז איר נעבעכדיג פּנימ׳ל האָט אַרויסגעשטעקט. זי האָט מיט פייגלשע אויגעלעך געקוקט אויף די בעטן אַרום. גרייט געווען צו דער־קלערן אַלעמען, דאָס וואָס זי האָט שוין בייטאָג דערקלערט, אַז איר מאַן ווייסט נישט אין וועלכן שפּיטאָל זי איז אַוועק; אַז אודאי זוכט ער זי אַרום און וועט זיכער מאָרגן קומען זי אַרויסנעמען.

מרס. שאַפּיראָ איז געווען די איינציגע, וועלכע האָט נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. זי איז געבליבן ליגן אַן איינגעקאָר־טשעטע, דעם פּנים איינגעטוליעט אין קישן און געטראַכט וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס׳האָט איר געטראָפן. ביז 35 יאָר האָט זי געהאָרעוועט אין שאַפּ. זי האָט שוין געמיינט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן, האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַן עלטערן בחור, אַ פּרוכט־הענדלער. זיי האָבן אפילו נישט צוגעוואַרט אַ פּאָר וואָכן, גלייך חתונה געהאַט. איר מאַן האָט גלייך גענומען רעדן וועגן אַ קינד. א אינגל וויל ער. נאָר אַ אינגעלע! און ער מוז האָבן שוואַרצע אויגעלעך און שוואַרצע הערעלעך. אַפילו אַ נאָמען האָט ער שוין געהאַט אָנגעגרייט — משה׳לע, נאָך זיין טאַטן.

אַז זי האָט גענומען שווייגערן, האָט דער מאַן זיך געפרייט, ווי מיט דער טייערסטער זאַך אויף דער וועלט. ניט געלאָזט איר זיך אַ ריר טאָן. יעדן טאָג געבראַכט איר, פון זיין פּרוכט־וואָגן, די געשמאַקסטע עפּל. האָט זי גע׳מפּיל׳ט . . . פּלוצלינג גענומען און גע׳מפּיל׳ט . . . מסתמא נישט געוואוסט ווי זיך אָפּצוהיטן.

איצט איז זי אַזוי קראַנק. אַז דער מאַן קומט איר זען, קוקט ער אויף איר ווי אַ געשלאָגענער. כאָטש ער זאָגט איר גאָרנישט, ווייס זי אָבער, אַז ער האָט צו איר טענות, אַז ער מאָנט ביי איר אַ משה׳לע מיט שוואַרצע אויגעלעך און שוואַרצע הערעלעך.

דער אײרישער קעטרין פלינ׳ס בעט איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן מרס. שאַפּיראָ׳ס, האָט זי דערהערט איר קרעכץ. זי האָט איר פריילעך אַ רוף געטאָן:

— העי, שאַפּיראָ, קרעכצסט שוין ווידער? וואָס איז דיר?

מרס. שאַפּיראָ האָט געמאַכט אַ רחמנות־פּנים:

— ס׳טוט מיך ווי . . . כ׳בין אַזוי קראַנק . . . ווער ווייס ווען כ׳וועל געזונט ווערן . . .

קעטרין פלין האָט אַ פייף געטאָן. אירע אויגן האָבן שעלמיש געוואונקען צו די אַרומיגע בעטן. איר קליין חן־גריבעלע, וועלכעס איז נאָך פאַרבליבן ווי אַן עדות פון איר אַמאָליגער שיינקייט, האָט טיף געשמייכלט:

— קוקט זי נאָר אָן, אָט די פרוי! איך ליג שוין דאָ דריי וואָכן; קום אַהער אין שפּיטאָל אַלע יאָר, און זי קרעכצט, זי האָט ערשט דעם ערשטן מפּיל, איז דאָ אין שפּיטאָל דעם ערשטן מאָל — איז איר נאָך שלעכט! . . .

מרס. שאַפּיראָ׳ן האָט זיך געוואָלט אויסשפּייען. זי האָט זיך דערשראָקן, וואָס די אײרישע ווינטשט אין אַ צווייטן מפּיל, האָט זי געזאָגט:

— מיר איז גענוג איין מפּיל . . . כ׳וויל בעסער האָבן אַ קינד!

מרס. פלין האָט גוטמוטיג געשמייכלט:

— אַז דו וועסט האָבן, ווי איך, 5 קינדער אין 8 יאָר, וועסטו שוין אויך מער נישט וועלן . . . אָט בין איך, צו אַכט־און־צוואַנציג יאָר, אינגאַנצן צעריסן. מיין מאַן זאָגט, אַז איך קוק אויס ווי אַן אויסגעצערטע הון, כאָטש ער אַליין קוקט אויס ווי אַן אויסגעבויגענער שטעקן, אַז מ׳דאַרף האָרעווען פאַר זיבן מיילער . . . אָבער איך בין שוין פאַרטיג . . . — האָט זי צענומען די הענט — מער קאָן איך קיין קינדער נישט האָבן . . .

מרס. שאַפּיראָ האָט געפרעגט:

— און ווען דו קאָנסט, וואָלסטו געוואָלט?

קעטרין פלין האָט מיט אַ געמאַכטן ערנסט אַ הויב געטאָן אַ פינגער אין דער הויך:

— ס׳איז אַ גאָט־זאַך... מיין מאַן איז אַ פרומער קאַטאָליק...

פון די בעטן אַרום האָט אַ פלאַץ געטאָן אַ געלעכטער. קעטרין פלין האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס, פריילעך אָנגעקוקט די פרויען:

— העי, איר, ווייבער, איר ווילט עפּעס הערן? איידער איך האָב געהאָט דעם אינגסטן, איך בין שוין דאָן געווען גוט אָפּגעשוואַכט, איז מיין מאַן אַוועק צו אונזער גלח, זיך פאַר אים באַקלאָגן, פרעגן ביי אים אַן עצה, ווי אַזוי מיר זאָלן מער קיין קינדער נישט האָבן. ער האָט אים דערציילט, ווי ווייניג ער פאַרדינט, אַז ס׳איז קוים גענוג פאַר די פיר קינדערלעך. טאָ וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט זיך אונטעררוקן נאָך אַ פינפטער? ער האָט אים אויך דערציילט, אַז איך בין קראַנק און אַס ס׳איז אַ געפאַר פאַר מיר צו פאַרשווייגערן . . . נו, האָט דער גלח געטראַכט און געטראַכט, ביז ער איז געפאַלן אויף אַן עצה, אַז ער זאָל מיך, זיין פרוי, באַהאַנדלען ווי אַ שוועסטער . . . ער האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פלייצע און טאַקע אַזוי געזאָגט:

— מיין זון, דו ביזט אַלעמאָל געווען אַ גוטער קאַטאָליק, געקומען פינקטלעך אין טשוירטש, טאָ פאַרגעס, אַז דו האָסט אַ פרוי . . . רעד זיך איין, אַז זי איז דיין שוועסטער . . .

מיין מאַן האָט שיר געפּלאַצט. האָב איך אים געזאָגט:

— דזשאָן, דו ביסט אַ גוטער קאַטאָליק. פאָלג דעם גלח. פון היינט אָן בין איך דיין שוועסטער . . .

ס׳האָט זיך דערהערט אַן איינגעהאַלטן געלעכטער. די געשפּאַנטקייט האָט געהאַלטן אין איין שטייגן.

— נו? . . .

— נו . . . מיין אָרעמער דזשאָן. ער האָט אים טאַקע געוואָלט פאָלגן, אָבער דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— צום טייוול מיטן גלח . . . — און איצט איז שוין מיין פינפטער אינגעלע דריי חדשים אַלט . . .

ס׳איז אין דעם שפּיטאָל־צימער געוואָרן זייער פריילעך. נאָר דער אַלטער מרס. שערוואוד איז די מעשה נישט געפעלן. איינ־

סטינקטיוו האָט זי אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן קישן און אַ טאַפּ געטאָן די פּאַטשערקעס.

אַ יונגע נוירס, אַזאַ פרישע, אַ ציכטיגע, איז אַריינגעקומען איינשטילן דעם געלעכטער:

— דאָרט ליגן אַזוינע קראַנקע, — האָט זי געוויזן צו דער ערשטער אָפּטיילונג, — אַ סך פון זיי האָט מען ערשט היינט אָפּערירט. זיי זיינען אין ווייטאָגן און איר טומלט אַזוי, — האָט זי גע׳מוסר׳ט די פרויען.

די פרויען זיינען ערשט שטיל געוואָרן ווען אַ פאַרבאַרגענע האַנט האָט ערגעץ וואו אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל און ווי דורך אַ כישוף איז פּלוצלינג אין דעם גרויסן צימער געוואָרן פינצטער.

מרס. שערוואוד איז די ערשטע איינגעשלאָפן. זי איז איינגע־שלאָפן מיט פאַנאַדערגענומענע ליפּן. איר אַנציינערדיג מויל האָט אויסגעקוקט ווי אַ פינצטערע גרוב. זי איז אָבער געשלאָפן רואיג. די נוירס האָט אין איר אַריינגעשטאָכן אַ גוטע נאָדל, וועט זי שוין אַ פּאָר שעה שלאָפן רואיג. די אַנדערע פרויען האָבן נאָך אין דער שטיל זיך דורכגעשעפּטשעט, דערנאָך זיינען אַלע געוואָרן שטיל.

אָבער מרס. פּיין האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. ס׳האָט איר געטריקנט אין מויל. אַ פּוס האָט געשמאַרצט און גע־ברענט, האָט זי אין דער פינצטער געקוקט צו די בעטן, געזוכט אַ בעלן מיט וועמען צו רעדן אַביסל. אַלע זיינען געלעגן שטיל, האָט זי נישט געוואוסט צי זיי שלאָפן צי נישט. זי האָט באַמערקט, אַז מערי בראַון, די נעגער־מיידל, ליגט אויפן רוקן, די הענט פאַר־וואָרפן איבערן קאָפּ. די אויגן זיינען געווען אָפן און אָפּגעשיינט אין דער פינצטער, ווי צוויי טונקעלע ליכטלעך. זי האָט אין דער שטיל זי אַ רוף געטאָן:

— מערי, שלאָפסט נאָך נישט?

מערי האָט זיך אויפגעזעצט. איר ווייסע העמד האָט אַ שימער געטאָן, ווי ס׳וואָלט דורכגעשוועבט אַ פּאַס ליכט. זי האָט גע־ענטפערט:

— ס׳שלאָפט זיך מיר נישט. כ׳בין געשלאָפן בייטאָג.

— דו ביסט געווען אַ גאַנצן אָוונט שטיל, פילסטו נישט גוט? — האָט מרס. פּיין געפרעגט.

מערי האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— ס׳טוט מיר נישט שטאַרק ווי, כ׳זאָרג זיך אָבער, ווײַל די דאָקטוירים ווייסן נישט וואָס מיר איז. איך שרעק זיך, איך האָב געהערט די דאָקטוירים רעדן צווישן זיך, אַז מ׳וועט מיר דאַרפן עקס־רייען. זיי זײַנען געשטאַנען אַרום מײַן בעט, האָב איך געהערט ווי זיי האָבן גערעדט וועגן אַ געוויקס אין בויך. האָב איך מורא . . .

מרס. פײַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. בײַ זיך האָט זי געטראַכט, אַז דאָס מיידל האָט אודאי אַ ראַק. דערפאַר איז זי אַזוי אויסגעדאַרט. אין דער הויך, אָבער, האָט זי זי געטרייסט:

—ס׳איז גאָרנישט, מערי, ס׳איז אפשר דײַן געבער־מוטער. ביסטו אַ חתונה־געהאַטע?

מערי האָט אַ טרויעריגע געענטפערט:

— כ׳האָב געזאָלט חתונה האָבן . . . נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין מײַן שטעטל אין דער סאַוט. ווען כ׳פֿאָלג מײַן מאַמען, וואָלט איך איצט שוין געהאַט אַ קינד. איך האָב דאַן גע׳מפּיל׳ט.

— האָט מערי אַ טרויעריגע געענטפערט.

— אַ . . . — האָט מרס. פײַן שוין פאַרשטאַנען. — כ׳האָב גאָר נישט געוואוסט . . .

— יע, — איז מערי געוואָרן באַרעדעוודיג, — כ׳האָב געזאָלט חתונה האָבן מיט אַ שכנ׳ס אַ זון, אַ שיינער, געזונטער בחור, אָבער אַ גאָרנישט . . . ער איז געווען אַזאַ פריילעכער, אַ גרויסער טענצער. מיר האָבן געזאָלט גאָר אינגיכן חתונה האָבן, האָבן מיר זיך אַ שפּיל געטאָן . . . ווען מײַן מאַמע ווייסט, וואָלט זי מיר דער׳הרג׳עט. ווען זי האָט זיך יע דערוואוסט, האָב איך שוין געשוואַנגערט און מײַן מאַמע האָט געגומען מורא האָבן, מײַן חתן זאָל נישט אַנטלויפן. ער האָט טאַקע גענומען אָפּלייגן די חתונה . . . מיר איינרעדן, כ׳זאָל זיך מאַכן אַ מפּיל. מײַן מאַמע, אָבער, האָט מיך געהיט. זי האָט געזאָגט, אַז קוים ווער איך פּטור פון קינד, וועט דער בחור אינגאַנצן חרטה האָבן. ער איז געווען אַ בחור אַ טייוול, — האָט מערי אַ זאָג געטאָן אי מיט פאַרדרוס, אי מיט גאווה. — איר ווייסט וואָס ער האָט געטאָן? — האָט זי געקוקט אויף מרס. פײַן.

— ער איז פּלוצלינג געוואָרן זייער גוט צו מיר! גענומען זיך

זאָרגן פאַר מיר, רעדן גוטע רייד. און איינמאָל קומט ער מיך אַרויסנעמען זיך דורכפאָרן אין אַ מאַשין. עס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט. מיין מאַמע האָט מיך נישט געוואָלט לאָזן, „וועסט זיך צעטרייסלען״, האָט זי זיך ביי מיר געבעטן. איך בין אָבער סיי־ווי אַוועק . . . אין מאַשין זיינען געווען נאָך בחורים . . . זיי זיינען אַלע געווען שכור׳לעך . . . מ׳האָט געזונגען און זיך געטשעפּעט צו מיר . . . און דערנאָך האָט מען גענומען פאָרן דורך הינטערשטע געסלעך, דאָרט וואו ס׳איז זייער גריבלדיג, וואו די גאַסן זיינען צעבראָכן . . .

— אָ, איך פאַרשטיי שוין, — האָט מרס. פיין געזאָגט אין דער שטיל, — איך פאַרשטיי שוין . . .

— יע, — האָט מערי געזאָגט אַ גלייכגילטיגע, — כ׳האָב גע־מפּיל׳ט. מיין חתן האָט גאָר חתונה געהאַט מיט אימיצן אַנדערש. מיך אָבער, האָט עס נישט געאַרט. צום טייוול! . . . ווער וויל עס האָבן אַ קינד? . . . כ׳האָב שוין נישט געוואָלט חתונה האָבן אויך . . . איך האָב דאָ געגנוג גוטע פריינט אין ניו יאָרק . . . ס׳איז מיר געווען פריילעך . . .

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און פּלוצלינג ווייטער געזאָגט:

— ס׳איז נאָר א צרה, וואָס כ׳בין געוואָרן קראַנק. דו ווייסט,

— האָט זי מיט צעשראָקענע אויגן געקוקט צו מרס. פיינ׳ס בעט,

— כ׳האָב זייער מורא . . . כ׳דענק, אַז איך וועל שטאַרבן . . . כ׳ליג גאַנצע נעכט אויף און ס׳דאַכט זיך מיר, עפּעס אַ שווערע, פינצטערע מאַסע רוקט זיך אויף מיר . . . דאָס מוז זיין דער טויט . . . עס איז מיר אַ שאָד, וואָס מיין מאַמע איז פאַרבליבן דאָרט. כ׳וואָלט געוואָלט זי זאָל דאָ זיין מיט מיר.

קעטרין פלין, וועלכע איז די גאַנצע צייט געלעגן שטיל, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן:

— האָסט ווען געשריבן צו דיין מאַמען?

מערי האָט אַ קוק געטאָן צו איר זייט:

— נאָר איין מאָל. איך האָב איר געשריבן, אַז איך אַרבעט, אַז מיר איז דאָ גוט. זי האָט מיר אָבער סיי־ווי נישט געגלויבט. האָב איך מער נישט געשריבן. טאַקע נישט געוואָלט איר נאַרן. דזשיזוס, כ׳וואָלט געוואָלט זי זאָל דאָ זיין.

— ווי אַלט ביסטו? — האָט קעטרין פלין געפרעגט.

— כ׳דאַרף ווערן 20. כ׳גלויב, אַז איך וועל שטאַרבן, אײדער כ׳וועל ווערן צוואַנציג . . . איך ווייס עס.

— העי, רעד נישט קיין נאַרישקייטן, — האָט מרס. פּיין אַ צערייצטע זיך גענומען בייזערן. ס׳איז אויף איר אַליין אָנגעפאַלן אַ מורא פאַרן טויט. ס׳האָט זיך איר גענומען דאַכטן, אַז עפּעס אַ מורא׳דיג באַשעפעניש לויערט צווישן די בעטן און ווער ווייסט, לעבן וועמעס בעט ער וועט זיך אָפּשטעלן. אויב די צוקער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין אַ פוס, וועט זיין שלעכט, וועט זי פאַרבלייבן אַן אינוואַליד. — שוין בעסער שטאַרבן, איידער פאַרלירן אַ פוס, האָט זי געטראַכט וועגן איר מאַן, וועלכער מוז גאַר איצט ערגעץ פאַרברייגגען.

קעטרין פלין האָט געזאָגט:

— אויב איר הערט נישט אויף צו רעדן, וועל איך אַריינרופן אַ נוירס, וועט זי אייך פאַרשלעפערן מיט יענע ווייסע פּילכלעך . . . כ׳וויל שלאָפן. מיין מאַן קומט מיך מאָרגן זען. דאַרף איך זיין אויסגעשלאָפן.

— יע, — האָט מערי געזאָגט. — קאָנסט שלאָפן. כ׳וועל מער נישט רעדן. איך וועל אָבער סיי־ווי נישט שלאָפן.

קיינער האָט איר נישט געענטפערט. ס׳איז געוואָרן שטיל. בלויז די אַלטע מרס. שערוואוד האָט גענומען לייכט כראָפּן.

אַ באַגעגעניש

פּאַסירט האָט דאָס פאַרנאַכט, ווען איך בין אַריין אויף דער 14טער גאַס, אין אַ רעסטאָראַן עסן סאַפּער. אַלע טישלעך זיינען געווען פאַרנומען, האָב איך זיך אַרומגעדרייט מיט מיין טאַץ הין און צוריק און נישט געהאַט וואו זיך צוצוזעצן — כאָטש נעם און עס שטייענדיג! פּלוצלונג האָב איך דערזען ווי ביי אַ זייטיג, קליין טישעלע ליידיגט זיך אָפּ אַ פּלאַץ. איך האָב אויף שנעל פאַרכאַפּט דעם שטול, זיך געמאַכט באַקוועם מיט מיינע טעלערלעך און ערשט דאַן זיך אַרומגעקוקט אויף מיין שכן ביים טישל. ער האָט געקייט פּאַוואָליע לייענענדיג אַ ציימונג. ער האָט אָפּילו נישט באַמערקט, אַז אימיצער אַנדערש האָט זיך געזעצט ביים טישל.

עסנדיג מיין טעלער זופּ, האָב איך אים באַטראַכט. ער האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ יאָר פינף־זעקס און דרייסיג. אַ הויכער, דאַרער מאַן, מיט עפּעס אַזאַ אומעדיג פאַר׳חלומ׳ט פּנים. די האָר גלאַטע, שיטערלעך ביי די שליפן, זיינען געווען אַרויפגעקעמט אַרויף ווי ביי אַ מיידל. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ לענגלעכע, אַ דינע. אַרום זיין מויל האָבן זיך געשפּרייט דינע, סענסיטיווע קנייטשן, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער מאַן שמייכלט זיך אונטער מיט פאַרמאַכטע ליפּן. זיינע אויגן האָב איך נישט געקאָנט זען, ווייל ער האָט די גאַנצע צייט געלייענט.

איך האָב געקוקט אויף זיין פּנים און ס׳איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז ער קוקט מיר אויס באַקאַנט; אַז ערגעץ־וואו, האָב איך אים באַגעגנט. זיין פּנים איז מיר געווען לחלוטין פרעמד, אָבער דער אויסדרוק אַרום זיין מויל איז מיר געווען באַקאַנט. אַזוי באַקאַנט, אַז ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער דאַרף בלויז אַ קוק טאָן אויף מיר, וואָלט ער מיך אויך דערקאָנט.

ס׳איז געווען מאָדנע; כ׳בין געווען זיכער, אַז כ׳האָב דעם מענטשן פריער קיינמאָל נישט געזען. און דאָך האָב איך נישט געקאָנט אָפּרייסן מיינע אויגן פון אים, פילנדיג, אַז איך קאָן אים.

דען מאַן האָט ווייזט אויס דערפילט, אַז איך קוק אויף אים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. זיינע אויגן האָבן אויסגעקוקט צו מיר פרעמד. ס׳איז געווען קלאָר, אַז ער קאָן מיך אויך נישט. און דאָך איז עפּעס געשען צווישן אונז. ס׳איז צווישן אונזערע אויגן ווי דורכגעפלויגן אַ נאָענטקייט. אַ פאַרשטענדעניש, אַז מיר זיינען זיך נישט פרעמד. איך האָב מער נישט געוואָלט קוקן אויף אים. אָבער כ׳האָב זיך נישט געקאָנט העלפן. כ׳האָב יע געקוקט. כ׳האָב געזען ווי ער לייגט אַוועק זיין צייטונג אָן אַ זייט, רוקט אָפּ זיין טעלערל און קוקט אויף מיר.

איך ווייס נישט פאַרוואָס כ׳האָב גענומען לאַכן. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט,אַז ס׳איז זייער קאָמיש, וואָס צוויי פרעמדע מענטשן זיצן איינער אַנטקעגן אַנדערן און קוקן זיך אָן.

דער מאַן האָט זיך אויך צעשמייכלט און ס׳האָט זיך מיר ווייטער געדאַכט, אַז איך געדענק דעם שמייכל, אַז ערגעץ־וואו, ווען־נישט־איז, האָט אָט דער מאַן שוין צו מיר געשמייכלט. דערפאַר איז מיר נישט געווען קיין וואונדער, ווען ער האָט גענומען רעדן צו מיר. געזאָגט האָט ער פונקט דאָס זעלבע וואָס איך האָב פריער געטראַכט. ער האָט געזאָגט:

— ס׳איז מאָדנע, וואָס מ׳זעט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן און ס׳דאַכט זיך, אַז מ׳קאָן זיך. כאָטש כ׳בין זיכער, אַז כ׳זע אייך דעם ערשטן מאָל, קאָן איך זיך אָבער נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז איך קאָן אייך שוין פון לאַנג. ער האָט פאַרשנדיג געקוקט אויף מיר. געשאָקלט מיטן קאָפּ: — ניין, כ׳בין זיכער, אַז כ׳האָב אייך פריער נישט געקאָנט. קוק איך אייך אויס באַקאַנט?

איך האָב אויך געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין. ס׳האָט זיך מיר אָבער אויך אויסגעוויזן, אַז כ׳האָב אייך ערגעץ־וואו געזען אפשר גאָר צו אַ פאַרזאַמלונג? אפשר אין טעאַטער?

דער מאַן האָט געשמייכלט:

— איך בין נישט קיין ניו יאָרקער . . . איך בין אין שטאָדט ערשט אַ צוויי וואָכן. אין אַמעריקע בלויז דריי חדשים. איך בין נאָך אַ גרינער . . . האָט ער צו מיר אַזוי היימיש געשמייכלט.

איך גלויב, אַז איך בין געווען אַנטוישט, ווייל ס׳האָט זיך ביי

מיר אַרויסגעריסן פֿאַרדריסלעך:

— אַזוי גאָר? אַבי כ׳וואָלט געקאָנט שווערן, אַז איך האָב אייך יע וואו באַגעגנט.

— סיידן דאָרט, אין דער היים — האָט ער געזאָגט קוקנדיק פֿאַרטראַכט אַריבער מיין קאָפּ, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס דערזען.

— דאָ קאָן איך קיינעם נישט, דערפֿאַר איז מיר געווען אַ וואונדער, וואָס איר קוקט מיר אויס באַקאַנט.

ער האָט פֿאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, געקוקט אויף זיין פֿאַר־לאָשן שוועבעלע און אַ פֿאַרשעמטער זיך צעשמייכלט:

— כ׳גלויב, אַז איך פֿאַרשטיי פֿאַרוואָס; זינט איך בין דאָ אין אַמעריקע, זוך איך אַרום מיינע אַ באַקאַנטע, וועלכע איז מיט יאָרן צוריק געקומען אַהער. ס׳איז אפשר אַ נאַרישקייט צו דער־וואַרטן, אַז איך זאָל איר דערקאָנען מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער...

— און איר האָט געמיינט, אַז אפשר בין איך עס אייער באַקאַנטע... — האָב איך געשמייכלט. — איז זי כאָטש געווען אַ שיינע?

דער מאַן האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן לעבעדיגער:

— זייער אַ שיינע...

ס׳האָט זיך מיר געוואָלט לאַכן. ס׳איז מיר געפֿעלן די גאַנצע געשיכטע. אַ טשיקאַווע באַגעגעניש.

דער מאַן האָט געזאָגט:

— איך גלויב, אַז כ׳וואָלט איר דערקאָנט אַפֿילו איצט אויך. ס׳איז אמת, אַז ווען כ׳האָב אייך דערזען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך קאָן אייך... ס׳האָט מיר אַפֿילו דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַז אפשר זייט איר דאָס יענע... אָבער ס׳קאָן דאָך נישט זיין! אַ מענטש ענדערט זיך נישט אַזויפֿיל! ווען איר וואָלט געווען רחל וואָלט איך אייך שוין דערקאָנט!...

מיין נאָמען איז אָבער אויך געווען רחל. איך האָב גענומען לאַכן. ס׳וואָלט געווען שיין, ווען ער קאָן מיך טאַקע!... דערפֿאַר האָב איך אים געפֿרעגט:

ווער איז זי די רחל?

דער מאַן האָט נישט געענטפֿערט. ס׳איז געווען קלאָר, אַז ער

וויל מער וועגן דעם נישט רעדן. ער האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט:

— עט, ס׳איז אַ נאַרישקייט . . .

כ׳האָב אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן:

— איז זי געווען פון אייער שטאָט?

— ניין, גאָר פון אַן אַנדער געגנט. זי איז בלויז דורכגעפאָרן מיין שטעטל אויף דעם וועג קיין אַמעריקע. כ׳האָב איר געקאָנט אינגאַנצן פינף טעג. זי איז געפאָרן מיט איר טאַטע־מאַמע, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אונז אין הויז איבער אַ יום־טוב, דערנאָך זיינען זיי געפאָרן ווייטער . . . מער האָב איך איר נישט געזען. . . אָבער כ׳וואָלט איר דערקאָנט! מיר האָבן זיך געביטן מיט בילדער . . . איר פאַרשטייט, מיר זיינען נאָך כמעט געווען קינדער . . . —

האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַרן געבן זיין בילד צו אַ מיידל.

איך בין געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגליווערטע. די מענטשן אַרום די טישלעך, דער גאַנצער רעסטאָראַן, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַ דריי געטאָן ווי כ׳וואָלט פּלוצלינג געוואָרן שכור, כאָטש ס׳איז מיר מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן ווער ער איז, האָב איך, ווי איך וואָלט זיך וועלען אָפּוערן פון עפּעס, נאָך פּרובירט אַ פרעג טאָן:

— אין וואָס פאַר אַ שטעטל איז דאָס געווען?

דער מאַן האָט עס געמאַכט צו גאַרנישט:

— אָט, אַ קליין שטעטעלע אויפן ווייטן מזרח . . . אַ קליין סיבירער שטעטל.

איך האָב שוין מער נישט געדאַרפט פרעגן. פאַר מיינע אויגען האָט אַ שוועב געטאָן אַ לאַנג פאַרגעסן בילד: איך, אַלס הויכע, 13 יאָריגע מיידל, מיט לאַנגע, בלאָנדע צעפּ, מיט אויגן ברוינע, קלאָרע — איך בין דאַן מיט טאַטע־מאַמע געפאָרן קיין אַמעריקע. זיך געשלעפּט, אין דער צייט פון מלחמה, איבער ווייטע, פרעמדע שטעט און שוין גאָר נאָענט ביים גרענעץ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעטל. מיין פרומע טאַטע־מאַמע האָבן דאָרט אין אַ פרעמדער הויז געפּראַוועט שמחת־תורה. כ׳האָב זיך דאָרט אין יענער הויז באַקאַנט מיט דער באַלעבאָסטעס אינגל. אַ הויכער, דאַרער בחור׳ל, וועלכער האָט נאָר־וואָס געהאַט אַ שולע געענדיגט און האָט שוין אָנגעטאָן אַ ברייטן, געקעסטלטן

פּאַסיק אויף דער העמדל, ווי ס׳האָבן דעמאָלט געטראָגן די דער־וואקסענע בחורים פון שטעטל. גאַנצע פינף טעג זיינען מיר אין יענער הויז איינגעשטאַנען. אין די שטילע אָוונטן האָב איך מיט דעם בחור׳ל איבער די קליינשטעטלדיגע גאַסן אַרומגעשפּאַ־צירט. מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, זיך געקוקט אין די אויגן. דעם לעצטן ביינאַכט, איידער מיר זיינען אָוועקגעפאָרן צו דער גרעניץ, זיינען מירביידע געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף אַ סאָפקע. מיר זיינען געזעסן זייער נאָענט איינער צום צווייטן — אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ. דאַן האָט דאָס בחור׳ל געגעבן מיר זיין בילד, אַ בילד וואו ער זיצט פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, מיט אַ בוך אין האַנט. איך האָב אים געשאָנקען מיינס אַ בילד. מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און ער האָט מיר געשוואָרן, אַז ער וועט אויך ווען אַמאָל פאָרן אין אַמעריקע, אַז ער וועט מיר אויפזוכן און דערקאָנען . . .

איך האָב געהערט, ווי דער מאַן אַנטקעגן מיר פרעגט:

— וועגן וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט?

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, ווּעמענס נאָמען כ׳געדענק שוין נישט. מיינע אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיין פּנים. כ׳האָב געזוכט צו דערקאָנען דעם אַמאָליגן בחור׳ל פון מיט 20 יאָר צוריק. אפשר האָב איך פאַרט אַ טעות? אַ פרעמדע, מאַנסבילשער פּנים פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן האָב איך געווען פאַר זיך, בלויז זיין מויל, זיין שמייכל, איז מיר געווען באַקאַנט. מסתּמא האָט דער בחור׳ל דאַן אַ סך געשמייכלט צו מיר. איך געדענק, אַז ווען מיר האָבן זיך דאַן ביינאַכט געזעגנט האָט ער מיר אַ קוש געטאָן. מיט די זעלבע צוגויפגעצויגענע ליפּן מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט מיר אויפזוכן אין אַמעריקע . . . וואָס וועט זיין טאָמער דערקאָנט ער מיר איצט? ניין. כ׳וואָלט נישט געוואָלט ער זאָל מיר דערקאָנען. כ׳האָב געוואוסט, אַז איך קוק אויס מיד פון אַ טאָג אַרבעט. אויס־געהאָרעוועט. איך ווייס, אַז איך האָב זיך שטאַרק פאַרענדערט פאַר די לעצטע 20 יאָר. וואָלט בעסער געווען, אַז ער זאָל מיר געדענקען ווי איך האָב אויסגעקוקט אַמאָל. איך האָב שנעל געזאָגט:

— ווען איר פאָלגט מיך, וואָלט איר אייער באַקאַנטע נישט געזוכט . . .

ער האָט פאַרוואונדערט אויף מיר אַ קוק געטאָן. כ׳האָב געקאָנט זען, אַז אים געפעלט נישט מיין עצה.

— איר פאַרשטייט, — האָב איך זיך ביי אים געבעטן, — וועמען איר זוכט אַרום איז דאָך דאָס מיידל פון אַמאָל, די יונגע, די שיינע. שטעלט זיך פאָר, ווי זי מוז אויסקוקן איצט . . . אין 20 יאָר קען אַ מענטש זיך שטאַרק פאַרענדערן . . . אַזוי פאַרעלטערט ווערן . . . אויב זי האָט געהאַט אַ שווער, געמוטשעט לעבן, וועט זי איצט שוין האָבן קנייטשן אויפן פנים. ס׳קאָן זיין, אַז ווען איר קוקט איר איצט אָן, וואָלט איר גאָר געוואָרן אַנטוישט!.. ס׳וועט אייך נאָך פאַרדריסן . . .

דער מאַן האָט געקוקט אויף מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. צי איז ער מיר חושד ווער איך בין? אָדער מיינע עצות שרעקן אים? כ׳האָב געקאָנט זען, ווי אָנגעשטרענגט ער קוקט אויף מיר; ווי זיין שטערן קנייטשט זיך, ווי שווער זיין געדאַנק אַרבעט. צום סוף האָט ער אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אינגאַנצן אויסגעמידן צו קוקן אויף מיר. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט אַ געשריי טאָן אים אין פנים אַריין: זעסט, ווי דו דערקאָנסט מיך!...

ווייל סוף־כל־סוף, האָב איך דאָך יע געהאַט אַ שטיקל האָפענונג, אַז איך האָב זיך נישט אַזוי שטאַרק געביטן, אַז ער וואָלט מיר יע געדאַרפט דערקאָנען. געזאָגט האָב איך אָבער, גאָר עפּעס אַנדערש:

— איך זע, אַז ס׳פאַרדריסט אייך וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט.

ער האָט אַ האַלבן שמייכל געטאָן, בלויז ווי אַ קרים מיטן מויל:

— ס׳פאַרדריסט מיך נישט... אדרבא, איך דענק, אַז איר זייט גערעכט. איך אַליין האָב זיך דאָך אויך היבש געענדערט . . . 20 יאָר עלטער געוואָרן . . . מיינע האָר ווערן מיר שוין שיטער... האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. כ׳האָב זייער פיל דורכגעלעבט פאַר די לעצטע 20 יאָר . . . וואָלט טאַקע גלייכער געווען, ווען זי דערקאָנט מיך אויך נישט . . . האָט ער אַזאַ זייטיגן קוק געטאָן אויף מיר. אויב זי דערמאָנט זיך יע אַמאָל אָן מיר, זאָל זי מיר בעסער געדענקען ווי כ׳האָב דעמאָלט אויסגעקוקט . . . האָט ער אַזוי טרויעריג געשמייכלט. ער האָט זיך ווי עפּעס דערמאָנט: — כ׳וואָלט איר בלויז געפרעגט צי זי האָט נאָך מיין בילד.

ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער מאַן האָט מיר יע דערקאָנט. אַז ער פאַרשטייט, אַז איך ווייס אויך, ווער ער איז. כ׳האָב עס געקאָנט זען נאָך זיינע אויגן נאָך, לויט דעם אופן ווי ער האָט געקוקט אויף מיר. כ׳האָב געפילט, אַז ער וויל מיר זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס וואָס ער האָט געזאָגט. כ׳בין אים אָבער געווען זייער דאַנקבאַר פאַר זיין שווייגן. פאַר דעם אָנשטעל, אַז ער דערקאָנט מיך נישט. אַזוי איז געווען בעסער, לייכטער זיך אויפצוהויבן און אַוועקגיין. 20 יאָר שאָף־לעבן, 20 יאָר זאָרג, איז געשטאַנען צווישן אונז און נישט דערלאָזט מיר זאָלן צוריק אָנקניפּן אַ פריינטשאַפט.

ווען כ׳האָב זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָב איך אים בלויז געזאָגט, אַז איך בין זיכער, אַז זיין באַקאַנטע האָט נאָך זיין בילד. אַז ווען ס׳טרעפט, פריינט קומען זיך צונויף, מ׳זעצט זיך אַוועק קוקן אויף אַלטע פאָטאָגראַפיעס, ווייזט זי אַלעמען דאָס בילד פון אַ בחור׳ל, וועלכער איז צו איר פריינטלעך געווען אין אַ פרעמד, פאַרוואָרפן שטעטל אין ווייטן סיביר.

דער מאַן האָט געקוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט מיר אַרויסבאַגלייט ביזן טיר. ווען כ׳האָב גענומען אַוועקגיין, האָט ער מיך צוריקגערופן. זיין פנים איז געווען בלאַס, די אויגן, ווי פאַרצויגן מיט אַ פייכקייט. ער האָט געפרעגט מיט אַ שטאַרקן פאַראיבל:

— ווילסט מיר טאַקע נישט דערקאָנען?

ווי אַ הייסע כוואַליע האָט אַ שטראָם געטאָן אַ פרייד דורך מיין קערפּער. כאָטש כ׳האָב נישט געוואָלט ער זאָל זען מיין פרייד, בין איך געבליבן שטיין נאָענט לעבן אים. אויפגעהויבן צו אים מיין פנים:

— ס׳האָט דיר גענומען אַביסל צו לאַנג מיר צו דערקאָנען...

קוק זיך גוט איין אין מיר, האָסט נאָך נישט קיין חרטה?

ער האָט אַ שיינענדיגער געקוקט אויף מיר, געקוקט מיט פרייד, מיט וואונדער. גענומען מיך אונטערן אָרעם און געזאָגט היימיש:

— קום, לאָמיר ערגעץ אַריין. מיר דאַרפן זיך גוט דורכרעדן.